STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 00267

# DURKH KINDERSHE OYGN

Malka Lee

*Permanent preservation of this book was made possible by*
*Harriet Gerber Lewis*
*in honor of*
*Arnold & Elinore Thaler*

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org



מלכה לי

מלכה לי

# דורך קינדערשע אויגן

Impreso en la Argentina
Printed in Argentina
Copyright by
**MALKA LEE (New York)**

HECHO EL DEPOSITO QUE MARCA LA LEY

Industria Argentina

ESTE LIBRO SE TERMINO DE IMPRIMIR EL 18 DE OCTUBRE DE 1955
EN LOS TALL. GRAF. "ZLOTOPIORO HERMANOS", GASCON 1231, BS. AS.

מלכה לי

# דורך קינדערשע אויגן

פֿאַרלאַג
"ייִדבוך"

ביי דער
"געזעלשאַפֿט פֿאַר ייִדיש-וועלטלעכע שולן אין אַרגענטינע"
בועגאָס-אײַרעס
1955

דרוקעריי ברידער זלאַטאָפּיוראָ — גאַסקאָן 1231 — בוענאָס־איירעס.

דאָס בוך איז געהייליקט:

מיינע טאַטע־מאַמע,

מיין שוועסטערל טייבעלען,

מיינע ברידער:

שמואל, בנימין, גוטקאלע און וועוואַלע —

אומגעקומענע על קידוש־השם.

מיין שטעטעלע מאָנאַסטירישטש, ווו מיינע אור־עלטערן זענען געבוירן, ווו מיין וויג איז געשטאַנען, איז חרוב געוואָרן.

היטלער האָט פאַרענדיקט מיט זיין חיהשער לאַפּע דאָס וואָס זיינע פאָרגענגער האָבן איבערגעלאָזן...

פאַר מיר איז מיין שטעטעלע אייביק. איך וויל עס אויפהייבן פונעם אַש און אַריינהויכן מיינע הייסע טרערן אין די שטיקער עפּיזאָדן, וואָס מיין מאַמע האָט מיר דערציילט, עס זאָל נישט אָפּ־געווישט ווערן אין מיין זכרון, דאָס מיינע קינדער און קינדס־קינדער זאָלן וויסן זייער אָפּשטאַם...

די איבערלעבונגען פון אַ קינד אין דער ערשטער וועלט־מלחמה האָב איך אָנגעשריבן אין 1924 און געדרוקט עס אין 1927.

די איבעריקע קאַפּיטלעך האָב איך געשריבן שפּעטער, נישט טראַכטנדיק, צי איך וועל עס אַמאָל ווען פאַרעפנטלעכן.

נאָר איצט, ווען איך בין געבליבן פאַראבלט, צוזאַמען מיט אַלע מענטשן פון מיין היים־שטאָט, זאָל דאָס זיין אַ מצבה אויף מיין אומגעקומען שטעטעלע מאָנאַסטירישטש, צוזאַמען מיט מיינע נאָענטע און הייליקע משפּחה.

מ ל כ ה   ל י.

# ערשטער טייל

# מיין שטעטעלע מאָנאַסטערישטש

**מיין עלטער-עלטער זיידע** איז געבוירן געוואָרן אין מאָנאַסטערישטש און אפשר אין טשאַרטקאָוו אָדער קופּיטשעניץ, ווייל די אַלע שטעטלעך ווי לייבלעכע קינדער פון איין מאַמען. אויף דער ערד זענען זיי געבוירן און די ערד האָט זיי אַריינגענומען אין איר איינגעווייד... אין מיין שטעטעלע מאָנאַסטערישטש האָט כמעלניצקי איינגעטונקען זיין שווערד אין ייִדיש בלוט. די אונטער־ערד איז אויסגעקנאָטן און דורכגעווייקט מיט ייִדיש מאַרטירער־מאַרך און קדושים־גופים...

אין מיין שטעטעלע מאָנאַסטערישטש זענען די קליינע שטרויענע שטיבלעך־דעכער אַראָפּגערוקט איבער די ברעמען־פענצטערלעך, און אָפענע הויפן שטייען ציגן מיט בערד, דערשראָקענע קעלבלעך מעלה־גירהן מיסט, הינער גריזשען זערנעס קוקורוזע און הענער קרייען מיט באַנומענע קולות...

מיין שטעטעלע האָט שלענגלדיקע, שמאָלע, ערדענע און בלאָטיקע געסלעך, מיט דעם ברייטן פּולוואַרג הינטער אים. דער הימל קושט די אויסגעשטרעקטע פעלדער מיט פולע רחבותדיקע תבואות. אין מיטן שטעטעלע איז דער רינגפּלאַץ מיט פויערישע פערד און בהמות, מיט ייִדן הענדלער און אויסגע־שטעלטע חופּות מיט סחורה; מיט באָרוועסע קינדערשע פיסלעך, מיט בעטלער און קאַליקעס, מיט הונגעריקע טאָרבעס און וויינענדיקע קאַטערינקעס, מיט פרומע ייִדן אין שוואַרצע קאַפּאָטעס, מיט פאַרהאָרעוועטע ווייבער אין וואָכנדיקע פאַ־טשיילעס, מיט וואַסער־טרעגער מיט פולע עמערס און ליידיקע מאָגנס, מיטן שענסטן בלויען זיידענעם הימל, מיט די קאַפּעליעס פייגל־געזאַנגען וואָס נעסטן אין שטרויענע דעכער און זינגען זייער אייביק געזאַנג פון פרילינג און זומער...

מיין שטעטעלע מאָנאַסטריטש מיטן ווייסן איבערגעצויגענעם שניי־פּעלץ איבער וועגן און דעכער, מיט זאַווערוכעס און יללות, מיט גליטש־בערג און קרישטאָלענעם אייז אויף פאַרפרוירענע טייכן...

און דאָרטן האָט געוווינט מיין זיידע מיט דער באָבען, מיט די טעכטער און איינציקן זון — דעם קדוש. מיין באָבע האָט חתונה געהאַט צו דרייצן יאָר מיט מיין זיידן, דעם גרויסן תלמיד־חכם יאָסל־דוהל. מען האָט איר אָפּגעגאָלט דעם קאָפּ און איר אָנגעטאָן אַ טשיפּיק, אָבער מיין באָבע איז נאָך געווען אַ קינד. איין מאָל איז זי אַרויף אויפן בוידעם זיך שפּילן מיט אירע חברטאָרינס און אויסגעטאָן איר טשיפּיק און מען האָט די חתונה־געהאַטע אשה געכאַפּט מיטן נאַקעטן קאָפּ און איר גאַנץ לעבן האָט זי געטראָגן אַ פּאַטשיילע פאַר דער זינד וואָס זי האָט אָפּגעדעקט דעם קאָפּ אויפן בוידעם...

ווען מיין מאַמע האָט געדאַרפט אַ כלה ווערן איז געקומען דער שדכן און גערעדט איר אַ שידוך פון אַן אַנדער שטעטל, אָבער ווי אַזוי ברענגט מען זיי צונויף? האָט מען באַשלאָסן זיך צוזאַמענקומען אין אַן אכסניה לעבן ניזש־נאָוו, דער מיטלפּונקט צווישן מאַנאַסטרישטש און טאַלמעדזש. עס איז געווען אַ ווינטער־נאַכט מיט אַ פולער קיילעכדיקער לבנה און אַן אויסגעשטערנטן הימל. דער פראָסט האָט געביסן ווי מיט פּיאַווקעס. מיין זיידע יאָסל מיט דער באָבע הודיע, מיט דער מומע מעניע און די זעכצן־יאָריקע כלה־מויד מיט די שוואַרצע לאַנגע צעפּ זענען אָנגעקומען אין דער אכסניה און געוואַרט פאַר די מחותנים, פון חתנס צד...

מען האָט אָפּגעמאַכט זיך צו טרעפן אין דער זעלבער שעה, אָבער די מחותנים פון חתנס צד זענען נישט געקומען אין צייט. די שעהן האָבן זיך גע־רוקט און מען הערט נישט דאָס שליטלען פון בויד. אין שטעטעלע ניזשנאָוו איז נאָך דעמאָלט קיין טעלעפאָן נישט געווען און מיין מאַמע, אַ פאַרשעמטע, האָט זיך פאַרשלאָסן אין חדר און ביטער געוויינט. פאַרטאָג האָט זיך דערהערט דאָס טופּען פון פערד און לאַמטערנעס האָבן זיך געוויגט איבער די ווייסע שנייען. דער שליטן־בויד איז אָנגעקומען מיטן חתן און זיינע עלטערן מיטן שדכן, דער־פאַרענע פון שווערן פאַרשפּעטיקטן וועג. עס איז געוואָרן אַ טומל אין דער שטילער פאַרשלאָפענער אכסניה... די מומע מעניע איז אַריין אין מיין מאַמעס חדרל און געבעטן זי זאָל זיך גלייך אָנטאָן און אויסוואַשן די פאַרוויינטע אויגן און אַרויס אַ קוק טאָן דעם חתן...

די מאַמע, אַ פאַרשעמטע און אַ פאַרקלעמטע, האָט זיך אָפּגעזאָגט. נאָכן בעטן זי און איינטענהן מיט איר האָט זי זיך אויסגעוואַשן די פאַרוויינטע אויגן און אַרויס אין שענק ווו דער חתן איז געשטאַנען.

מיין מאַמע האָט דערזען אַ יונגן בחור, פאַרשעמט און דורכגעפרוירן. ער האָט זיך איינגעלאַדן זיי זאָלן אַרויסגיין שפּאַצירן. ווען זיי זענען אַרויס אויפן פאַרפרוירענעם ווייסן שליאַך — און די זילבערנע לבנה האָט צו זיי געשמייכלט ווי אַ דערפאַרענע שדכנטע, און די שטערן האָבן צוגעפינקלט אויף יאָ... אַז זיי זענען אַ זיווג פון גאָט — האָט דער טאַטע געפרעגט מיין מאַמען, צי זי שפּרעכט

דייטש? און פאַרשטייט זיך, אַז מיין מאַמע האָט געערדט פליסיק דריי שפּראַכן און זי איז ווויל געפּעלן מייך טאַטן... און ער האָט שוין נישט געקאָנט אָפּרייסן די אויגן פון איר ליכטיקן פּנים און נאָך דערצו אַזוי געבילדעט... האָבן די לבנה־טריט זיי צוריקגעפירט צו דער אכסניה און דאָרטן איז געזעסן דער זיידע יאָסל און דער זיידע שלמה, די באָבע הודיע און די באָבע רויזע. די מומע מעניע האָט געשטעלט לעקעך מיט בראָנפן און די מחותנים האָבן צעבראָכן אַ טעלער און אָפּגעגעבן מזל־טוב די נייע חתן־כלה...

ווען עס האָט גענומען שאַריען אויף טאָג, האָט מען גלייך אויף צוריק איינ־געשפּאַנט די פערד. איין צד איז געפאָרן צו מזרח און דער צווייטער צד איז געפאָרן צו מערב. און ווען די זון איז אויפגעגאַנגען איבערן פראָסט־פאַרפלי־טערטן שטעטעלע מאַנאַסטרישטש, איז מיין מאַמע מיט מזל געווען שוין אַ כלה. און ווייבער מיט איינגעוויקלטע, וואַלענע שאַלן זענען אַנטקעגן געלאָפן צו ווינטשן מזל־טוב. אין זיידנס שול האָבן ייִדן געטרונקען לחיים און געווונטשן מייך זיידן אַ סך מזל־ברכה און דערלעבן נחת פון די קינדער...

## מיין מאַמע האָט פאַרגעסן דאָס פּנים פון חתן...

ווען מיין מאַמע איז אויפגעשטאַנען אויפן צווייטן טאָג האָט זי באַגריפן וואָס מיט איר איז פאָרגעקומען. עס איז געווען ווי אַ פאַרכישופטע מעשהלע. זי האָט געהערט ווי מען ברעכט אַ טעלער, ווי מען ווינטשט איר מזל־טוב, ווי די טאַטעס רעדן וועגן זיבן יאָר קעסט. נאָר פאַרקערט, מייך מאַמען, דער יחסנדיקער טאַכטער, זאָגט מען צו זיבן יאָר קעסט... אָבער ווי קאָן זי טראַכטן וועגן זיבן יאָר קעסט, אַז זי געדענקט נישט דאָס פּנים פונעם חתן...

דער זיידע זעט דאָס פאַרקלעמטע האַרץ פון מיין מאַמען און ער באַשליסט מיט איר צו פאָרן צום טשאַרטקאָווער רבין נאָך אַן עצה און וואָס דער רבי וועט עצהן וועט זי פאָלגן. דער אַלטער טשאַרטקאָווער רבי נעמט נישט אויף קיין אשה, אָבער רב יאָסלס טאַכטער, — צו איר וועט ער רעדן ווי צו אייגן בלוט און פלייש. און מיין זיידע פאָרט קיין טשאַרטקאָוו, צום אַלטן הייליקן רבין, ווו ייִדן חסידים קומען פון אַלע שטעט און שטעטלעך. מייך מאַמע בלייבט שטיין מיט אַראָפּגעלאָזטע צווייַ אויגן, מיט די שוואַרצע לאַנגע ברעמען און זי זאָגט:

— רבי! איך האָב פאַרגעסן מייך חתנס פּנים... ווי קאָן איך ווערן זיין ווייב?

דער קלוגער רבי ענטפערט איר אַזוי:

— האָט דיין חתן אַ שוועסטער? די שרייב אַ בריוו צו זיין שוועסטער, אַז דו ווילסט פאָרן צו זיי צוגאַסט און דעמאָלט וועסטו זען אויב ער איז דייך אמתער

זיווג... פאַר טאָכטער צו זיין שוועסטער און ער וועט דיר ווייל געפעלן... און אַזוי איז עס געווען.

מיין מאַמע, מיטן רבינס עצה און גוטע ברכות, האָט אַוועקגעשריבן אַ בריוו צום טאַטנס שוועסטער, אַז זי וויל קומען צו־גאַסט. און עס איז געווען ערב־פסח און מיין מאַמע האָט זיך אַרויפגעזעצט אויף דער באַן, וואָס גייט קיין טאַלמעדש. מיין מאַמע האָט נישט געוווסט, אַז די באַן פירט זי בלויז צו אַ סטאַנציע און אין מיטן וועג קומט אַ צווייטע באַן, אַ לאָקאַלע, און די פּאַסאַזשירן גייען איבער אין דער לאָקאַלער באַן, וואָס ברענגט זיי דירעקט צום שטעטעלע טלומאדש אָדער טאַלמעדש...

אַזוי ווי עס איז געווען ביינאַכט, האָט זיך די מאַמע געמאַכט באַקוועם אין וואַגאָן, ווייל בלויז פּרויען זענען געפאָרן דעמאָלט. זי האָט זיך אויסגעטאָן דעם מידער און די שיך. און פּלוצלינג אינמיטן נאַכט בלייבט שטיין די באַן און מען הייסט די פּאַסאַזשירן אויסשטייגן... און איבערגיין אין אַן אַנדער צוג.

די מאַמע מיט די שיך אין דער האַנט און מיטן צעבענדלטן מידער לויפט אַראָפּ אַ דערשראָקענע און קוים קריכן זי אַריין אין דער קעגנאיבערדיקער באַן — ערשט ווי — ווענען דערזעט זי? איר חתן מיט זיין שוועסטער וואַרטן פאַר איר...

די מאַמע איז שיעור געשטאָרבן פון שרעק און פון בושה... אַ האַלב אויסגע־טאָענע מיטן מידער *) אין דער האַנט. און דער חתן האָט זי אַזוי דערזען...

און ווען זיי זענען אָנגעקומען קיין טאַלמעדש, האָט פאַר זיי געוואַרט אַ פיאַקער מיט אַ קוטשער, מיט אַ לאַנגער בייטש און צוויי טאַנצנדיקע פערד האָבן זיי צוגעפירט צו מיין זיידנס שטוב...

מיין זיידנס הויז איז געווען אַ רייך בעל־הבתיש הויז. אין שטוב איז געווען פון אַלדאָס גוטס. מיין טאַטע איז געווען דער איינציקער זון, אַ בן־יחיד, וואָס איז געבוירן געוואָרן אַ זיבעלע. און ווייל ער איז געווען אַזוי געציטערט, גע־בוירן צו זיבן חדשים, איז ער געווען דאָס אויג פון קאָפּ פונעם גאַנצן הויזגע־זינד... און ווען זיין כלה איז אַריין אין זיידנס שטוב איז ליכטיק געוואָרן אין יעדן ווינקעלע... זי האָט פאַרלויכטן מיט איר שיינקייט די שטוב. איר שניי־ווייסע הויטפאַרב מיט רויטע בלענדיקע באַקן; אירע פעך־שוואַרצע צעפּ, מיט איר יידיש־אָריענטאַלישן אויסזען; איר חן פון אַלע יידישע שיינע טעכטער און אַלע האָבן זיך אין איר געשפיגלט...

מיין טאַטנס בלויע, פאַרחלומטע אויגן טרינקען דעם חן פון איר שטראַליקייט, פון אירע סאַמעטענע צוויי צעפּ. זיי דאַרפן שוין נישט קיינעם אויסצוגעפינען

*) קאָרסעט.

אויב זיי זענען אַ זיווג... ווייל זיי זענען פון גאָט אַליין אויסגעקליבן געוואָרן, איינער פאַרן צווייטן...

מיין טאַטע פאַרגינט זיך נישט צו קוקן אין איר פּנים ווי אין דער זון אַריין. ווען מיין מאַמע גייט אַריין מיט זיין שוועסטער אין צווייטן חדר זיך צו לייגן שלאָפן בעט ער זיין שוועסטער, זי זאָל אַביסל לאָזן אָפן די טיר, ער זאָל קאָנען אומגעשטערט קוקן אויף איר ווען זי שלאָפט...

ווייל זי איז די שענסטע צווישן אַלע שיינע... און ער וועט זי אָנטאָן אין גאָלד. און זייערע הערצער וואַקסן פון פרייד און זייערע אויגן גליִען פון ליב־שאַפט, און ווען זי פאָרט צוריק אַהיים טראָגט זי זיין פּנים איינגעראַמט אין איר האַרצן פאַרן גאַנצן לעבן — קיינמאָל אים נישט צו פאַרגעסן...

## די חתונה

וואָס פאַר אַן אויסשטייער גיט מען מיט אַ כּלה אין שטעטעלע מאָנאַס־טרישטש?

אַ, וועבערנס, וועבט דאָס זייד, אַ ייִדישע כּלה דאַרף האָבן אַ קלייד!

שניידער־מיידלעך, צעזינגט אייערע פינגער, נאָדלען, צעבליצט אייערע פע־דים, גרייט זיך, גרייט, פאַר אַ כּלה אַ חופּה־קלייד...

זייד און פּליוש האָט געראַשט ווי בלעטער אין אַ וואַלד, פעדערן האָט מען געפּליקט און אָנגעשטאָפּט דעם ווייסן פּוך אין די קישנס, לייוונטן האָט מען געשניטן, אויסשטייער פאַר מיין מאַמען...

אין שטעטל האָט געראַשט. מ'האָט געשאָכטן גענז און הינער. די אויוונס האָבן געפלאַקערט. לעקעכער און פלאָדנס האָבן געשמעקט איבערן גאַנצן שטעטל. די פיש אין די וואַסערן האָבן געציטערט. גריוונס האָבן זיך געשמאַלצן. די סאַר־ווערנס האָבן געפלאַמט. דאָס גאַנצע שטעטל האָט זיך געגרייט צו דער חתונה...

די מחותנים פון חתנס צד זענען אָנגעקומען מיט שווערע קופערטן אויף די וועגענער, געשפּאַנט אין פערד. און ווען דער חתן איז אָנגעפאָרן מיט זיינע טאַטע־מאַמע זענען כּלי־זמר זיי אַנטקעגן געגאַנגען מיט מוזיק.

פון טשאָרטקאָוו זענען געקומען חסידים איבערגעטאָן ווי קאָזאַקן און אַנט־קעגן געפאָרן דעם חתן אויף רייטנדיקע פערד...

מיין מאַמע איז אַרויס אויפן גאַניק. אונטן האָט זי געזען פאָרן דעם טאַטן אַרומגערינגלט פון די חסידים־קאָזאַקן און ייִדן מיט שוואַרצע זשופּעצעס און שטריימלעך. מיין טאַטנס פּנים בלייך און דערשראָקן, מיט אַ לייכטן פּוך פון האָר איבער זיין קין... אין אַ שוואַרצער, זיידענער בעקעשע, מיטן שוואַרצן סאַ־מעטענעם קאַפּעליוש. די כּלי־זמר האָבן געשפּילט. עס איז געווען פרילינג. די

בימער אויסגעפוצט אין בלויען בעז, און פייגלען האָבן געזונגען אויף די דעכער שירה: מזל־טוב! מזל־טוב! די קראַנצן־מיידלעך האָבן זי אַרומגערינגלט ווי שמעטערלינגען און געהיט איר יעדן שפּאַן, ווייל אַ כלה טאָר נישט בלייבן אַליין...

ווען טאַטע־מאַמע זענען געגאַנגען צו דער חופה, איז דאָס גאַנצע שטעטל מיטגעגאַנגען מיט צעצונדענע ליכט אין די הענט. די באָבעס האָבן געטאַנצט מיט געפלאָכטענע קוילעטשן דעם טאַנץ פון פרייד. אָרעמע־לייט האָבן זיך פאַרזאַמלט צו דער פרעמדער סעודה און די שטערן האָבן באַלויכטן זייער וועג, דעם וועג — ווו די אור־עלטערן זענען נפטר געוואָרן, ווו די ערד האָט זייער געביין צוריק צו זיך גענומען...

נאָך דער חופה זענען זיי צוריקגעפאָרן צו מיין טאַטנס עלטערן, אויף די צוגעזאָגטע זיבן יאָר קעסט... זיי האָבן מיטגענומען דאָס דרשה־געשאַנק, ברכות און ליבשאַפט פון דער גאַנצער שטאָט יידן, זיי זאָלן געבוירן אַ נייעם, שיינעם דור...

## איך געדענק זיך אין וויגעלע

פון די זיבן יאָר קעסט האָבן זיך אויסגעלאָזן זיבן וואָכן. מיין מאַמע האָט געצויגן צוריק צו איר היימשטאָט, צו אירע טאַטע־מאַמע...

איך געדענק זיך אין וויגעלע. דער הימל איז געווען רויט, אונדזער שטאָט האָט אַרומגענומען אַ שריפה. מיין וויגעלע האָט זיך געשפּיגלט אין פייערדיקן טייך און איך האָב געשריען: הייש... הייש... און מיט מיין קליינעם פינגערל געצייגט צום הימל. איך האָב נישט געקאָנט גוט רעדן און ווייזט אויס, דאָס וואָרט: הייש... איז געבוירן געוואָרן אין שרעק און אין ווונדער פון דער גרויסער, מוראדיקער שריפה...

די שריפה האָט זיך אָנגעהויבן פון אַ סטויג היי, ווי אַ וויכער האָט זיך פאַרצויגן דער פלאַם איבער אַלע דעכער און איבער אַלע שטאַלן און דאָס קליינע שטעטעלע איז געווען דאָס פאַסיקע צינדשטאָף פאַר אַ גרויסער שריפה, און אַ נס וואָס דער טייך האָט נישט געקענט ברענען... דאָס איינציקע ווינקל וואָס איז ניצול געוואָרן...

יאָרן שפּעטער האָב איך געזען דאָס פייערדיקע בילד פון גהינומדיקן הימל... די קי און פערד — אינעם טייך און די מענטשן מיט די בעבעכעס און דאָס דערשראָקענע פּנים פון מיין מאַמען, וואָס בייגט זיך איבער מיין וויגעלע און וויל די שרעק אָוועקשיקן פון מיינע קינדערשע אויגן...

מיר האָבן זיך אַריינגעצויגן הינטערן שטאָט צו אַ קריסטלעכער פאַמיליע. ווען די מויערער און סטאָלאַרעס האָבן אָנגעהויבן צו פאַרריכטן די פאַרברענטע שטיבער, האָבן מיר זיך איבערגעצויגן אין אַן אַנדער דירה.



בילד פון מאַרק-פּלאַץ אין מאָנאַסטעזשיסקאָ

איך געדענק אַ ניי ־ויגעלע און מען האָט מיך אָפּגעטיילט פון דער מאַמען. דאָס קליינע נפשל האָט געזויגן מיין מאַמעס ברוסט און מיך האָט מען מער נישט צוגעלאָזן צו מיין מאַמעס ברוסט וואָס איך האָב נאָך געפילט אויף מיינע ליפּן...

די מאַמע האָט צוגענומען פון מיר די ברוסט און עס אָוועקגעגעבן צו מיין שוועסטערל.

ווען איך פלעג זייער וויינען, פלעג די מאַמע באַהאַלטענערהייט מיר צוריק־געבן די ברוסט, ביז איך אַליין האָב צוגעשטימט, אַז מיין קליין שוועסטערל איז בילכער פון מיר... אַ יאָר מיט אַ האַלבן בין איך געווען עלטער פון איר, זי האָט געהאַט גאָלדענע האָר ווי זאַנגען און טיף־בלויע אויגן און אַ שניי־ווייסע הויט. זי פלעגט קיינמאָל נישט וויינען און די מאַמע פלעגט זי פּאַטשן איבערן שיינעם פּנימל, זי זאָל געבן אַ וויין...

אָבער דערפאַר בין איך געווען אַן אמתע וויינערקע, אַ שרייערקע. מיין קליין שוועסטערל האָט צוגענומען די גאַנצע אויפמערקזאַמקייט פון דער מאַמען און איך פלעג אָפּליגן שעהן און וויינען ביז איך פלעג הייזעריק ווערן.

איך געדענק ווי איך פלעג הערן אָפּהילכן מיין אייגן געוויין, וואָס איז אַרויס פון מיר אין דער ליידיקייט און איך פלעג מיט אַ ניי געוויין נאָכקרימען דאָס אַלטע געוויין, וואָס פלעגט הילכן אין שטוב און אַ ניי געוויין פלעגט וועלן אי־בערשרייען דאָס אַלטע געוויין, ביז איך פלעג פאַרמאַטערט ווערן...

איינמאָל איז אַריינגעקומען אַן אַלטע יידענע, אַן איינגעשרומפּענע מיט אַ סקעלעטן פּנים און איך געדענק דאָס געשפּרעך מיט מיין מאַמען...

ווי אַזוי קאָן די יידענע אָפּשפּרעכן אַ סגולה איך זאָל אויפהערן וויינען...

די אַלטע מכשפה האָט אָנגעצייגט אויף טרוקענע ריטלעך און זי האָט אַזוי געזאָגט:

— הענגט אויף דאָס ריטל אויפן וואַנט און ווען די ווינטן וועלן וויינען און אייער מאַלציעלע וועט וויינען, נעמט אַראָפּ דאָס ריטל און גיט איר זיבן שמיץ... און גייט אַרויס אויפן פעלד און שטעלט זיך אַוועק און זאָגט אַזוי צו די ווינטן: — אויף אַלע פּוסטע פעלדער און וועלדער זאָל אַוועק דאָס געוויין! און שפּייט אויס זיבן מאָל און אייער מאַלציעלע וועט אויפהערן וויינען...

אַ גרויסע מורא האָט מיך אַרומגענומען פאַר דער אַלטער יידענע. איך האָב דערזען שדים אין די ווינטן... איך בין צוגעלאָפן צו דער מאַמען און זי געקושט און געבעטן זיך ביי איר, זי זאָל נישט אויפהענגען דאָס ריטל אויפן וואַנט און זייט דעמאָלט האָבן איך אויפגעהערט צו וויינען...

מ ל כ ה  ל י

# דאָס הייבל

אין נייעם הויז וווּ מיר האָבן איצט געוווינט, אין שכנות פֿונעם זיידן, געדענק איך איין שאַפֿע, וואָס איז נישט געשטאַנען מיט די געשניצטע שאַפֿעס אין סאַלאָן, נאָר אין מיין מאַמעס שלאָף־צימער. דאָרטן איז געלעגן, ווי אַ מיס־טישע זאַך, וואָס האָט געהאַט אַ שייכות מיט מיין געבוירן ווערן, וואָס האָט מיך אויסגעהיט פֿון אַלע בייזע צרות — דאָס הייבל...

איך האָב עס קיינמאָל נישט געזען מיט מיינע אייגענע אויגן, נאָר איך האָב געוווּסט: אַזוי ווי אין אַ שאַץ־קאַמער ליגט עס באַהאַלטן. און עס יועט מיך אויסהיטן מיין גאַנץ לעבן, ווייל שטענדיק פֿלעגט די מאַמע אַ זאָג טאָן: עס איז דען אַ וווּנדער וואָס זי איז נישט שלאָף געוואָרן? זי איז דאָך געבוירן געוואָרן אין אַ הייבל... דאָס אומבאַקאַנטע הייבל האָט מיך אין מיין פֿאַנטאַזיע איינגעוועבט ווי אין אַ פֿאַרכישופֿט מעשהלע, וואָס איך בין נישט געקומען אויף דער וועלט ווי אַלע קינדער ווערן געבוירן, נאָר איך בין געבוירן אין אַ הייבל...

ווען איך פֿלעג צוגיין צו דער שטומער שאַפֿע פֿלעגן מיינע קינדערשע אויגן מיט נייגער זוכן אַ שפּעלטעלע, אַ באַהאַלטן טירעלע, אַן אומזיכטבאַר שופֿלאָדל... ווייל דאָרטן ליגט עס, וואָס היט מיך מיט טויזנט אויגן, דאָס כישוף־וואָרט: דאָס הייבל...

אָ, מיין מאַלציעלע, פֿלעגט די מאַמע זאָגן, איר וועט חלילה קיין שלעכטס נישט געשען, זי איז דאָך געבוירן געוואָרן אין אַ הייבל...

מיין באָבע הודיע האָט געהאַט אַ שווער לעבן. זי האָט שטענדיק געשקלאָפּט. פֿון פֿאַרטאָג ביז שפּעט אין דער נאַכט אַריין. דער זיידע האָט פֿאַרקויפֿט אַ האַלבן חלק פֿון זיין הויז צו מיין פֿאָטער און זיין אייגענע העלפֿט האָט ער פֿאַרדונגען צו אַ קאָמעניק און ער אַליין האָט געוווינט אין קעלער מיט דער באָבען.

די קעלער־דירה איז באַשטאַנען פֿון צוויי גרויסע צימערן. אין דער לענג פֿון גרויסן צימער איז געווען אַ ריזיקער אויוון. שטענדיק האָט דער אויוון געברענט און געבראָטן. דערנעבן זענען געשטאַנען פּעסער מיט פּעטס. מיין באָבע פֿלעגט שמעלצן יאָרצייט־ליכט, אָדער גרויסע יום־כּפּור־ליכט. די אויגן און איר פּנים האָבן שטענדיק געפֿלאַמט, פֿון די פֿייערן און היץ, וואָס פֿלעגט אַרויס־שלאָגן פֿון די ווענט.

איך פֿלעג ליב האָבן צו קוקן ווי די באָבע וואַלגערט די ליכט און לייגט זיי אויס אין רייען און באַקט זיי אין אויוון...

די באָבע הודיע האָט מיר איינמאָל דערציילט אַזאַ געשעעניש: עס איז גע־ווען אַ שרעקלעכער דלות אין דער קעלער־שטוב. דער זיידע האָט געהאַט אַ סך חובות און די באָבע האָט גענומען שמעלצן דעם חלב. זי האָט אַריינגעלייגט

אַ קליין שטיק פעטס און גאַנצע בערג מיט חלב זענען אַרויס פון אויוון און זיך פאַרוואַנדלט אין ליכט.

אַזוי האָט געדויערט אַ גאַנצן מעת־לעת... ביז אַ שכנה האָט געעפנט די טיר און פאַרווונדערט אויסגעשריען: זעט, הודיע! די ברכה איז דאָך אַריין אין חלב! האָט זיך דער אויוון פּלוצלינג אויסגעלאָשן און די ברכה איז אַוועק מיטן פייער...

די באָבע הודיע איז געווען אַ קליינע, ווי נישט־אויסגעוואַקסן. זי האָט געבוירן אַ סך קינדער און לעבן געבליבן זענען דריי טעכטער און אַ זון...

אונדזער טייל הויז איז באַשטאַנען פון אַ סאַלאָן, אַן עס־צימער, אַ שלאָף־צימער, און אַ גרויסע קיך, ווו די דינסט פלעגט שלאָפן...

איך געדענק דעם הענג־לאָמפּ פון אונדזער סאַלאָן מיט מעשענע לייכטער — אַ גאָלדענע שיסל מיט שימערירנדיקע אוירינגלעך און גלעקלעך. און אַז די מאַמע פלעגט אָנצינדן די ליכט אין הענגלייכטער פלעגן די ווענט זיך צעקלינגען מיט קלאַנגלאָזע ליכטיקע שאָטנס.

אונדזער קרעדענצן זענען געווען פון קונסט־פיגורן, געשניצט מיט דער האַנט און די שאַפעס פון צעדער־האָלץ געקריצט. אונדזער דיל איז געווען ווי ברוינער לאַק און האָט געגלאַנצט ווי אַ שפיגל און די דינסט פלעגט זיך אָנטאָן צוויי באַרשטן אויף די פיס און גיין אַ טאַנץ ביים פוצן די פאַדלאָגע...

די צווילינג־שאַפעס — מיט הירשן און לייבן געשניצט. אינעווייניק איז געשטאַנען געשיר פון די קלאָרסטע פאָרצעליי, מיט מענטשלעכע האַנט־געמעלן... אין קיך איז געשטאַנען אַ באַמבעטל ווו די דינסט איז געשלאָפן.

אין אונדזער הויז איז געווען אַ גרויסע שמחה. אַ בכור איז געבוירן געוואָרן. איך געדענק דער מאַמעס בעט איז געווען פאַרהאַנגען מיט אַ ווייס ליילעך, די ווענט באַהאַנגען מיט קוויטלעך און שיר־המעלותן. קליינע חדר־יינגלעך פלעגן קומען פאַרנאַכט לייענען קריאת־שמע אויף אַ קול...

צום ברית האָט מען מיין ברודערל אַ נאָמען געגעבן אורן, נאָך ארון דוהל, דעם ברודער פון מיין זיידן, וואָס איז געווען דער גבאי ביים אַלטן טשאָרטקאָווען רבין און גייסטיקער דערציִער פון יונגן רבין מיט די הונדערטער, טויזנטער חסידים...

מיין ניי ברודערל האָט געקראָגן יעדן טאָג מתנות און אין הויז איז געווען שטענדיק יום־טוב.

ווער קאָן פאַרשטיין אַ קינדישע נשמה מיטן אָנקום פון אַ ניי נפשל? מיין מאַמעס ליבשאַפט ווערט שוין צוגענומען פון מיר און אַוועקגעגעבן צום נייעם קינד...

איינמאָל, ווען מיין מאַמע איז אַוועק אויף אַ שפּאַציר מיט מיין שוועסטערל און קליינעם ברודערל און מיך האָט מען אַוועקגעלייגט שלאָפן און ווען איך האָב זיך אויפגעכאַפּט, און אין שטוב קיינעם נישט געפונען, האָב איך געמאַכט אַ

גרויס געוואַלד אויף מיינע אַלע טענער. איך בין געווען זיכער, אַז די מאַמע האָט מיך איבערגעלאָזט אויף שטענדיק און איז אַוועק מיט אירע צוויי קינדער. איך האָב אַזוי ביטער געוויינט, ביז איך בין הייזעריק געוואָרן. טעג און וואָכן האָב איך געהיטן מיין מאַמען, זי זאָל נישט אַוועק ווידער און מיך איבערלאָזן אויף הפקר...

## מיין מאַמעס ביטל...

מיין מאַמע האָט געהאַט אַן אייגן ביטל אין שטאָטישן באָד. די מאַמע פלעגט מיך מיטנעמען אין באָד אַריין. איך געדענק אַ שוואַרצן, פאַררויכערטן, גרויסן נאַסן קאָרידאָר. טיף אינעווייניק, ווי אין אַ טונעל, זענען געוואַקסן שטיינערנע טרעפּ ביזן סופית אַרויף און אויף די טרעפּ זענען געשטאַנען נאַקעטע ווייבער. אַ הייסע פאַרע פלעגט שלאָגן פון די ווענט, ווי פון אַ גיהנום. צופוסנס זענען געשטאַנען די ביטלען מיט פינצטערע וואַסערן. אין באָד האָט געשמעקט מיט זויערקייט. די נאַקעטע ווייבער מיט די אויסגעשטעלטע בייכער, און דער „באָד־גוי" פלעגט אַרומגיין צווישן די ביטלען און די ווייבער פלעגן זיך נישט שעמען פאַר אים...

מיין מאַמע פלעגט זיך אויסטאָן און אַריין אין איר ביטל און מיך אויך אַריינגעמען. די בעדערקע פלעגט איר צוגיסן אַלע מאָל אַ פריש שעפּעלע וואַסער. שפּעטער פלעגט די בעדערקע פאַרוואַרפן אַ ליילעך איבער דער מאַמען און זי צופירן צו דער מקווה. איך פלעג הערן דאָס פליעסקען פון וואַסער, ווי די מאַמע טונקט זיך איין און די בעדערקע שרייט: כשר! כשר! און ווען די מאַמע פלעגט צוריק אַרויפגיין די טרעפּלעך אַ ווייסע און אויסגעלייטערטע אין שנעל זיך אָפּטרוקענען און גיך זיך אָנטאָן, פלעג איך זיך צעזינגען אויפן קול: כשר! כשר!

די מאַמע פלעגט מיך אָנקוקן מיט אירע גרויסע, פייכטע קאַרשן־אויגן און שנעל מיר פאַרבינדן דאָס מויל מיטן ווייסן שאַליק און פירנדיק מיך פאַרן הענטל, אַרויס אין גאַס. און דער קאַלטער פאַרנאַכטיקער ווינט נעמט זי אַרום און צינדט רויטער איר פאַרביקע הויט. זי לויפט ווי אַ שאָטן איבער די הינטער־געסלעך, קיין מאַנסבילש אויג זאָל זי נישט באַגעגענען... און איך לויף איר נאָך און קוק, ווי מיין מאַמע, קיין מאַנסבילש אויג זאָל אויך מיך נישט זען... ביז מיר ווען בשלום אַריין אין אונדזער שטוב...

## פרייטיק צו נאַכט

די פרייטיקצונאַכטן זענען געווען די יום־טובדיקסטע. דער טאַטע קומט פון שול, דער שבתדיקער טיש מיט די ברענענדיקע ליכט, דער פינקלדיקער וויין,

דער ווייסער סערוועט מיט די געפּלאָכטענע חלות, וואָס מיין מאַמע האָט אויס־געבאַקן, די זילבערנע לייכטער, די מעשענע לייכטער מיט די אָנגעצונדענע ליכט, די שמעקעדיקע מאכלים, די געפילטע פיש און די מחיהדיקע רו. דער טאַטע צעזינגט זיך מיט זיין וווּנדערלעכער שטים: שלום־עליכם, עליכם־שלום! און די מאַמע זינגט שטיל, אַזאַ ליכטיקע רו גיסט זיך אויס אין אונדזער שטוב און די מאַמע הייבט אויף די שוואַרצע יידישע אויגן צו גאָט און דאַנקט אים פאַר דער רו, וואָס ליגט איצט אויף איר שטוב און אויף איר הויזגעזינט...

אַזאַ הייליקע רו. און ווען דער טאַטע מאַכט קידוש, די הייליקע ברכה אי־בערן וויין — שטעלן מיר זיך אַלע אויף, און זיין געטלעך פּנים מיט די האַלב־געשלאָסענע אויגן, מיט דער בלייכקייט פון זיינע אויסגעלייטערטע באַקן, מיט דעם ציטער אויף די בלוט־רויטע ליפּן און דער ניגון, וואָס זינגט, אָדער ווײנט אַרויס פון זיין קוים־צעעפנטן מויל, דער שבת־ניגון, וואָס באַהעפט זיך צוזאַ־מען מיט דער רו און ליכטיקייט פון אַלע חפצים, וואָס האָבן זיך אָנגעטאָן אין גייסט פון שבת...

דער טאַטע שטייט אויסגעצויגן, די אויגן האַלב־פאַרמאַכט, די ליפּן ציטערן אַ ברכה צו גאָט, פאַרן וויין און פאַרן ברויט, וואָס ער גיט אונדז דורך דער פּראַצע פון די הענט. און מיר קינדערלעך ענטפערן: אמן!...

מיין טאַטע איז געווען אַן אמתער מלךביים שבת־טיש; מיין מאַמע — אַ מלכה און מיר — פּרינצעסינס. דאַ הייבט אָן די מאַמע צו דערלאַנגען די געפילטע פיש, די גאָלדענע יויך, די געשמאַקע הון, דעם צימעס. און שפּעטער זינגט מען זמירות. די שכנים עפענען די פענצטער און הערן זיך איין צום געטלעכן געזאַנג. ווי מיין טאַטע זינגט. דאָס געזאַנג שלעפערט מיך איין און איך פאַל אַוועק אויפן שטול אין אַ מחיהדיקן שלומער. און די שבת־ליכט ווערן קלענער און קלענער. די שבת־רו נידערט אין שטילקייט און איך שלאָף־איין ביים שבת־טיש...

שבת־פרי — די מאַמע אויסגעפּוצט אין דער גאָלדענער קייט און זייגער מיט די דימענט־גאָלדענע אוירינגלעך, מיט איר פּרינצעסן פליושן קלייד, מיטן גרויסן ברייטן הוט און די לאַנגע הענטשקעס, ווו די פינגער שטעקן אַרויס און זי נעמט איר סידורל מיט די פּערלמוטערנע טאָוולען און גייט אין שול דאַווענען.

מיין מאַמע האָט געהאַט אַן אייגענעם שטענדער אין דער ווייבערשער שול און זי זאָגט הויך אויף אַ קול און די ווייבער זאָגן איר נאָך. און צוריק גייט זי מיטן טאַטן. דאָס פּערלמוטער סידורל פינקלט קעגן דער זון און ווען זיי קומען אַריין איז דער שבת־טיש ווידער געגרייט. די דינסט טראָגט אונטער דעם טשאָלנט פון אויוון און די פינקלדיקע גלעזער מיט וויין ווימלען אויפן טיש. די מאכלים פאַרשמעקן דאָס הויז. נאָכן עסן זינגט דער טאַטע זמירות. ער זינגט דעם רבינס נייעם ניגון — דער טאַטע דאַוונט צוזאַמען מיטן רבין, זיין גאָל־

דענע שטים ברענגט דעם רבינס ניגון צום שבת־טיש. און די מענטשן כאַפּן אויף דעם נייעם ניגון און בענטשן זיך מיט מיין טאַטנס גאָלדענער שטים...

## מיין זיידע קוויקט זיך מיטן קוואַל־וואַסער

מיין זיידע יאָסל האָט געטראָגן אַ לאַנגע זשופּעצע און אַ ברוינעם ברייטן פּליושענעם קאַפּעליוש. זיין באָרד פלעגט לאַכן ווען ער האָט דערזען אַן אייניקל. מיך האָט ער ליב געהאַט אַמבעסטן... און ער האָט עס אויך אַרויסגעוויזן. יעדן טאָג פלעגט ער אויסשטעלן די אייניקלעך לעבן זיך און זיי טיילן צו גראָצער. מיר פלעגט ער געבן צוויי גראָצער. צי ער האָט פּאַרדינט, אָדער נישט, ער האָט קיין איינציקן טאָג נישט פאַרפעלט. און ווען שבת איז געקומען — טיילט ער אַלעמען שבת־אויבסט...

שבת בייטאָג לייגט ער זיך צו נאָכן קוגל עסן און איך גיי צו דער קרעניצע שעפּן קוואַל־וואַסער פאַר מיין טייערן זיידן.

ווען ער פלעגט אויפעפענען די אויגן נאָכן שבת־שלאָף פלעגט ער זיך דערקוויקן מיטן פרישן, קאַלטן קוואַל־וואַסער און מיר אַ קניפּ טאָן אין באַק און מיך אָפּגיסן מיטן קוואַל פון זיינע גוטע, ליבע, שטראַליקע אויגן...

איך זע זיך אין די רויִקע שבת־טעג — אין ווייסן אַנגעקראָכמאַליעטן שטייפן קליידעלע, מיט די ווייסע שפּיצן הייזעלעך און די צעלאָזטע לאָקן אין דער בלויער קאָקאַרדע, אין ווייסע שבתדיקע שיכעלעך — שפּאַנען מיטן קריגעלע צום ברונעם... דער טאָג איז גאָלד, די גרינע צעבליטעביימער, די לאָנקעס מיט גרינעם כאָמעט און בלויע ווינטן בלאָזן שטיל איבער די גראָזן און זאָגן זיי אָן, אַז הייַנט איז שבת... די הייזער אין שטילער שבתדיקער רו, פון אָפענע פענצטער טראָגט זיך געזאַנג און קינדער קנאַקן ניסלעך. איך גיין מיט זינגנדיקע טריט שעפּן פרישׁ קוואַל־וואַסער פאַר מיין באַליבטן זיידן...

## מיין ערשטע לערערן פאַננאַ שושטשענקאָ

צו פינף יאָר הייב איך אָן גיין אין אַ פּוילישער שול. איך קאָן אַ סך לידער אויף אויסנווייניק. עס עפנט זיך פאַר מיר אַ נייער קוואַל. מיין ערשטע פּוילישע לערערן ווערט מיין אויסגעחלומטע געטין אין אַ מענטשלעכער געשטאַלט: פאַננאַ שושטשענקאָ. זי איז געווען הויך, ווי אַ פּאַלמע און שיין מיט שוואַרצע לאַכנדיקע שפּיגעלעך אין אירע אויגן. איר שטים איז געווען מוזיק. יעדעס ליד וואָס זי לייענט פאַר טראָגט מיך אַוועק אויף פליגל פון נייע אַנט־

פּלעקונגען און ווען איך קום אַהיים פון שקאָלע דערגענצט מיר מיין מאַמע מיט אירע דעקלאַמאַציעס.

מיין מאַמע דעקלאַמירט אויף אויסנווייניק „אורשולאַ קאָכאַנאָווסקאַ״ פון אַדאַם מיצקיעוויטש: ניע פּלאַטש מאַטקאָ, ניע פּלאַטש... ווייַן נישט מאַמע, וויין נישט... איך מוז שטאַרבן. דאָס ליד, ווי די מאַמע דעקלאַמירט עס, קריצט זיך איין אין מיין געביין. איך דעקלאַמיר עס יעדן טאָג. איך זינג עס אין זיך אַריין. ווען איך לייג זיך שלאָפן, בעט איך גאָט פאַרן מיידעלע זי זאָל נישט שטאַרבן, גאָט זאָל נישט צונעמען פון איר מאַמען.

איינמאָל אין קלאַס האָט פּאַננאַ שושטשענקאַ אויסגערופן די קינדער ווער עס קאָן דעקלאַמירן אויף אויסנווייניק, ווייל גראַף פּאָטאָצקי, וואָס האָט געהאַט אַ ווילע אין מאַנאַסטרישטש, קומט צוזאַמען מיטן גלח און אַ קאָמיסיע באַקוקן די שקאָלע.

איך בין אַרויס, און אַנשטאָט צו דעקלאַמירן פון מיין לערן־ביכל, האָב איך זיך אָוועקגעשטעלט אַנטקעגן קלאַס און דעקלאַמירט: אורשולאַ קאָכאַנאָווסקאַ.

עס איז נישט געווען אַ דעקלאַמאַציע — נאָר אַ תפילה, פאַרן אָרעמען מיידעלע, וואָס האָט געמוזט שטאַרבן און זיך געזעגענען מיט איר מאַמען אויף אייביק...

אַלע קינדער זענען געזעסן מיט אומעטיקע פּנימער און טרערן אין די אויגן. און ווען איך האָב געענדיקט, האָט פּאַננאַ שושטשענקאַ מיך אויפגעהויבן אויף די הענט און מיך געקושט. איך בין נאָך מער געוואָרן איר באַליבטע שילערן...

מיין מאַמע האָט אַ סך צרות פון מיר. איך בין זייער דין און וויל נישט עסן. צאָלט זי מיר פּאַר יעדן ביסן מיט אַ גראָשער. און דאָס טו איך ערשט די גרעסטע טובה. עסן איז בכלל ביי מיר אַן איבעריקע זאַך... איך קאָן לעבן בלויז מיט שאָקאָלאַד און קיינמאָל נישט זיין הונגעריק. האָט מיין מאַמע אויסגענוצט אַלע מיטלען, ווי מיר אַריינצושטופּן אַ לעפל געקעכטס און אַז אַלץ האָט נישט געהאָלפן איז זי אַוועק צו מיין לערערן, פּאַננאַ שושטשענקאַ, וועמען איך האָב אַזוי ליב, ווען איך זע זי אַריינטאַנצן אין קלאַס, ווי אַ טאַנצנדיקע פּאַלמע, מיט די לאַכנדיקע אויגן, וואָס שטראַלן מיט פרייד. איר קאָן איך דאָך נישט אָפּזאָגן אַ גלאָז מילך... שיקט מיך די לערערן אַרויס אין קאָרידאָר, ווו מיין מאַמע וואַרט אויף מיר מיט אַ גלאָז מילך...

אונדזער שול איז לעבן קלויסטער און פּונקט ווען איך הייב אָן טרינקען די מילך הייבן די קלויסטער־גלאָקן אָן צו קלינגען און פּאַר שרעק פון גע־קלאַנג פון קלויסטער־גלעקער גיס איך אַריין די מילך און ברעך עס גלייך אויס... די מאַמע שטייט אַ פאַרלוירענע און פון דעמאָלט אָן — האָט זי מער נישט גע־טראָגן אַ גלעזעלע מילך אין שול אַריין...

מ ל כ ה  ל י

# דער ערשטער אויספלוג

איך געדענק דעם ערשטן אויספלוג. אַלע קינדער פון אַלע קלאַסן, אין יום־טובדיקע זומער־קליידלעך, מיט פעקלעך עסן, אויסגעשטעלט אין רייען זע־נען מיר געגאַנגען מאַרשירנדיק מיט געזאַנג. מוזיק האָט געשפּילט. עס איז געווען אַ ווּנדערלעכער זומער־טאָג. דער וואַלד מיט אוראַלטע ביימער. פאַר־שידענע נאַכטיגאַלן האָבן זיך אַנגעשלאָסן אין כאָר־געזאַנג מיט די קינדערשע שטימעלעך. די גאַנצע וועלט האָט געזונגען מיט די מאַרשירנדיקע קינדערלעך אין יום־טובדיקן אויספלוג...

נאָר פּלוצלינג, פון דער העלער הויט, האָט אויסגעבראָכן אַ שטורעם. די ביימער האָבן זיך געריסן פון דער ערד, ווי זיי וואָלטן זיך געוואָלט באַפרייען און אַוועק אין אַ שטורעם־טאַנץ... קליינע ביימעלעך האָבן זיך געקאַרטשעט, ווי אין בויך־ווייטיק... דער הימל האָט זיך צעפויקט אין זיין גאַנצער הימלישער גבורה. די בליצן האָבן געשניטן די וואָלקנס אין שטיקער. אַ פּלוצלינגדיקער רעגן מיט אַ האָגל, ווי מיט שטיינער, האָבן אָנגעהויבן צו שלאָגן די קינדער. די דערשראָקענע קינדער האָבן זיך אַלע איינאיינעם צעוויינט. די פערד און וועג־גענער, וואָס האָבן מיטגעשלעפּט די שול־מכשירים האָבן זיך אין שרעק צעפלאָ־שעט און ווילד געגומען לויפן. די לערערינס האָבן נישט געוווּסט וועמען פריער צו ראַטעווען: די ווילדע פערד, אָדער די דערשראָקענע קינדער... אַלע קינדער, נאַס און דורכגעווייקט, האָבן גערופן מיט איין קול: — מאַמע!

אין אָט דעם מוראדיקן שטורעם איז געלאָפן אַ געשטאַלט. עס איז געווען מיין מאַמע. זי איז געקומען צו לויפן נישט־טויט און נישט־לעבעדיק, דורכגע־נעצט, און מיך איינגעוויקלט אין אַ שאַל. ביז וואַנען עס איז געקומען הילף פון שטאָט. פערד און וועגענער האָבן אַרויפגענומען אַלע קינדער און זיי צוריקגע־בראַכט אין שטאָט.

צו זעקס יאָר האָט איך שוין געענדיקט דעם ערשטן קלאַס. ביי דער צע־רעמאָניע האָט מען די בעסטע תלמידים דערלאַנגט אַ נאַגראַדע: אַ רויט ביכעלע מיט לידער. מיר האָט מען דערלאַנגט פאַר אויסצייכענען זיך — אַ זילבערנעם טינטער און אַ זילבערנע פעדער, ווו מיין נאָמען איז געווען אויסגעקריצט.

דערזעענדיק ביי די אַנדערע קינדער די שיינע רויטע ביכעלעך, מיט לידער און בילדער, האָב איך בעסער געוואָלט אַ נאַגראַדע, ווי דעם זילבערנעם טינטער...

אין דער היים האָב איך זייער געוויינט: איך וויל אַ נאַגראַדע! אַ שיין רויט ביכעלע, און די מאַמע, נישט קאָנענדיק מיך איבערצייגן, אַז אַ טינטאַרן איז בע־סער, ווייל קיינער אַ חוץ מיר האָט עס נישט געקראָגן פאַר אויסצייכענען זיך, האָט נעבעך געמוזט צוריק גיין צו דער לערערן, זי זאָל איבערבייטן דעם זיל־בערנעם טינטער פאַר אַ רויט ביכעלע לידער: אַ נאַגראַדע...

## מיין זיידנס ליולקעס

מיין זיידע האָט געהאַט אַלערליי ליולקעס. זיי פּלעגן הענגען אויף דער וואַנט אין פאַרשידענע פיגורן.

פאַר מיר זענען די ליולקעס געווען אַ סימפאָניע פון מוזיקאַלישע אינסטרו־מענטן... אַט הענגט די ליולקע און קוקט אויס ווי אַ טשעלאָ... ווען מיין זיידע איז געווען אין טיפע מחשבות האָט ער אַראָפּגענומען די ליולקע פון דער וואַנט, אַרומגענומען זי מיט ביידע הענט, ווי ער וואָלט געשפּילט אַ שטום נישט־הערבאַר ליד אויף איר...

אַ דינער שוועבנדיקער רויך שלענגלט זיך פון איר מויל און הייבט זיך אויף אין דער לופטן. מיין זיידנס קעלער־שטוב שמעקט ווי אַ וואַלד פון צעדער...

איז מיין זיידע געוואָרן בייז אויף דער באָבען, נעמט ער אַראָפּ די לאַנגע ליולקע מיט די שוואַרצע באַראַדיעפּקעס אויף איר האַלדז און אַ בייזער רויך נעמט אַרום די קעלער־שטוב...

און אַז דער זיידע האָט דערזען זיינע אייניקלעך פלעגט ער אַראָפּנעמען די ליולקע ווי אַ פייפיאַל. פריילעכע פייערן פלעגן זיך צעשפּילן אין איר מויל און די קעלער־שטוב האָט געשמעקט מיט ניס און מיט צימערינג...

מיין זיידנס ליולקעס זענען געווען פאַר מיר די שענסטע סימפאָניע און איך בין געווען זיין שטענדיקע צוהערערן, ווייל איך האָב אים זייער ליב געהאַט און דורך זיינע ליולקעס פלעג איך זיך, אויף שטום־לשון, צוזאַמענרעדן מיט מיין זיידן...

## אַ רויט פייערדיק שירעמל...

נאָך אַ קינד איז געבאָרן געוואָרן. מיין מאַמע האָט שוין געהאַט צוויי מיי־דעלעך און צוויי יינגלעך.

ס'איז זומער און די שולן האָבן זיך צוגעמאַכט. מיין מאַמע האָט באַשלאָסן מיך צו שיקן אויף וואַקאַציע צו מיין צווייטן זיידן און באָבען. מיין טאַטע איז דעמאָלט געווען אויף אַ רייזע. ער איז געפאָרן קיין לעמבערג ליפערן אַהין פליישׁ און בהמות פאַרן דאָרטיקן שטאָב פון שטענדיקן מיליטער און די מאַמע, פאַר־נומען מיט די קינדער, באַשליסט מיך צו שיקן אַליין קיין טאָלמעדזש, און די באָבע רויזע וועט מיך אָפּוואַרטן אויף דער סטאַנציע.

די מאַמע האָט פאַר מיר געקויפט אַ בילעט און מיך צוגעפירט צום באַנהויף און מיך איבערגעגעבן צו אַ קאָנדוקטאָר אין די הענט, וואָס וועט מיך ערשט

איבערגעבן אין צוג צו אַ צווייטן קאָנדוקטאָר, וואָס וועט זיין פאַר מיר פּאַראַנט־וואָרטלעך...

מיט אַ שווערן, פּרייכיקן סאָפּען איז אָנגעקומען די באַן און זיך אָפּגע־שטעלט. די מאַמע מיטן קאָנדוקטאָר זענען מיט מיר אַרויף און מיך איבערגעגעבן אין די ריכטיקע הענט און געבעטן אַלע פּאַסאַזשירן זאָלן אויף מיר אַכטונג געבן און האַלטן אַן אויג אויף מיר, ביז דער קאָנדוקטאָר וועט מיך איבערגעבן אין טאַלמעדזש צו דער באַבען...

אַלע פּאַסאַזשירן האָבן אויף מיר אַכטונג געגעבן. אַ קינד פאָרט אַליין צו דער באַבען! מען האָט מיר געגעבן נאַשערייען און איך האָב אַרויסגעקוקט דורכן פּענצטער, געזען ווי עס פליִען די פעלדער מיט גאָלדענעם גערשטן און נידעריקע כאַטעס מיט שטרויענע דעכער און בהמות און פערד און אַ סך חזירים און דער לאָקאָמאָטיוו האָט זיי מיט שוואַרצן רויך באַשפּיגן...

אויך דאָ, אין באַן, האָב איך דעקלאַמירט אורשולאַ קאָכאַנאָווסקאָ. צווישן די פּאַסאַזשירן איז געזעסן אַ גלח. ער האָט מיר געוואָלט געבן אַ מתנה אַ צלמל. איך האָב עס נישט גענומען, זאָגנדיק: איך בין אַ ייִדיש קינד...

ווען די באַן איז אָנגעקומען קיין טאַלמעדזש האָט די גאַנצע משפּחה געוואַרט אויף מיר. מיין זיידעס הויז איז געווען אַ גרויסשטאָטיש הויז, מיט אַ שיינעם גאָרטן און אַ גרויסן סאָד. אין איין וואַנט איז געווען אַ צאַפּן. ווען מען האָט אַ דריי־געטאָן פלעגט פון וואַנט לויפן וואַסער... איך האָב זיך זייער גע־וווּנדערט: פון וואַנט קומט אַרויס וואַסער און נישט פון ברונעם, ווו עס קוואַלט און שפּיגלט אָפּ דעם הימל...

עס זענען אָנגעקומען מומעס און פעטערס און אַלע האָבן זיך געפרייט מיט מיר, נאָר מיר איז געוואָרן זייער אומעטיק. אַנטקעגן טיש, ווו מען האָט סער־ווירט אָוונטברויט, איז אַרויס אַ פּענצטער אין גאַס, ווו עס איז געשטאַנען אַן אַנדער הויז. אַ פרוי האָט אַרויסגעשטעקט דעם קאָפּ און גערופן הויך אויפן קול איר מיידעלע אויף אָוונטברויט... איר שטים האָט געקלונגען פּונקט ווי מיין מאַ־מעס קול און מיר האָט זיך אויסגעדאַכט: מיין מאַמע רופט מיך...

אַ שרעקלעכע בענקשאַפט איז מיך באַפאַלן. עס איז געוואָרן פינצטער. און די באַבע רויזע האָט מיך אַריינגעלייגט אין אַ שיין וויים בעט און דאָס קול פון מיין מאַמען האָט נאָך אַלץ גערופן... איך האָב אָנגעהויבן צו לייענען קריאת־שמע און צוגעמאַכט די אויגן און דאָס קול האָט אַלץ גערופן... אַ, גאָט! ווי וואָלט איך געוואָלט זיין איצט צוזאַמען מיט מיין טייערער מאַמען!

אינדערפרי האָב איך אָנגעהויבן שטיל אין זיך צו כליפּען: איך וויל די מאַמען! איך וויל אַהיימפאָרן צו מיין מאַמען! איך האָב געוואָלט איינהאַלטן אין זיך דאָס כליפּען, אָבער עס האָט זיך פאַרוואַנדלט, קעגן מיין ווילן, אין אַ בעטנ־דיק געוויין נאָך מיין מאַמען. די באָבע האָט זיך ביי מיר געבעטן: זי וועט מיר

קויפן אַ רויט שירעמל, זי וועט מיר קויפן נייע שיכעלעך, זי וועט מיר מאַכן אַ ניי מאַטראָסן־קלייד. וואָס זי האָט מיר נישט צוגעזאָגט — האָב איך אַלץ געוואָלט מיין מאַמען...

בייטאָג האָב איך געקראָגן טעמפּעראַטור. די באָבע האָט גערופן אַ דאָקטאָר און דער אַלטער, דערפאַרענער דאָקטאָר האָט גלייך געהייסן מיך אָפּשיקן צוריק אַהיים...

אַ פעטער, וועלכן איך האָב קיינמאָל נישט געזען, האָט געהאַנדלט מיט פעל און ער האָט אַנגעלאָדן אַ פולן בויד. ער האָט געדאַרפט דורכפאָרן מאַנאַס־רישטש. האָט די באָבע רויזע באַשלאָסן מיך מיט אים אָפּצושיקן אַהיים...

די באָבע האָט מיר דערלאַנגט די מתנות: אַ רויט שירעמל, נייע שיכעלעך און מיך אַריינגעזעצט אין אָפענעם וואָגן, איינגעשפּאַנט אין צוויי ברוינע פערד. די רעדער האָבן אַרויסגעראָלט און איבערגעלאָזט אַ שווערן שטויב...

ווען מיר זענען אָפּגעפאָרן אַ שטיק וועג האָבן זיך וואָלקנס פאַרצויגן אויפן הימל. אַ דריבנער רעגנדל האָט אָנגעהויבן צו שפּראָצן. מיין פעטער איז געזעסן מיט די וויאַשקעס פון פאַרנט, הינטער אַ האַלב רונדן דעכעלע און איך בין געזעסן אין אָפענעם וואָגן אויפן באַרג מיט די אויסגעשפּרייטע אָפּגעשוונדענע פעלן...

עס האָט אָנגעהויבן צו שפּראָצן אַ רעגן. איך האָב דאָס רויטע שירעמל באַהאַלטן עס זאָל נישט נאַס ווערן פון רעגן און עס באַשיצט מיט מיין גופל. עס האָט אָנגעהויבן צו גיסן שטאַרקער און שטאַרקער. איך בין געוואָרן דורכגעווייקט, נאָר מיין שירעמל האָב איך נישט געעפנט, אַזאַ רויט זייניק שירעמל טאָר נישט פאַרנעצט ווערן פון רעגן. איך וועל אַהיימקומען און עס עפענען ווען די זון וועט שיינען...

עס איז געוואָרן טונקל און דער פעטער האָט זיך געיאָגט מיט די פערד, וואָס האָבן געשלעפּט די שווערע משא וואָס שנעלער צו דערגרייכן מיין היים. אַזוי יאָגנדיק זיך האָבן זיך די רעדער אַ דריי געטאָן אויפן גליטשיקן בלאָטיקן וועג און דער שווערער וואָגן מיט די אָנגעלאָדענע פעלן האָט זיך אַ וויג געטאָן באַרג אַראָפּ און זיך איבערגעקערט.

ווען מיין פעטער האָט מיך אויפגעהויבן האָב איך געפילט אַ ווייטיק אין מיין אָרעם. גוים מיט לאַמטערנעס זענען אַרויס פון די כאַטעס און געהאָלפן צוריק אויפשטעלן דעם וואָגן. מיין פעטער, שעלטנדיק די פערד, איז ווייטער געפאָרן. די פערד האָבן זיך איינגעשטילט און איך בין געזעסן איינגעקאָרטשעט, אין פיבער און אין שרעק. די ציין האָבן מיר געציטערט און געקלאַפּט. און מיר זענען ווייטער געפאָרן אין דער שוואַרצער רעגנדיקער נאַכט. אין דער היים האָט מיין מאַמע ווי שטענדיק געלייגט שלאָפן די קינדערלעך, אין די בעטעלעך, אין גאַס איז געווען אַ שוואַרצער, עסנדיקער רעגן און ווען זי האָט זיך אַוועקגעלייגט שלאָפן, האָט זיך איר אויסגעדאַכט זי הערט אַ קינד הוסטן... זי איז צוגעלאָפן צו יעדן

בעטלעך, זיך איבערגעבויגן איבער די קינדער, נאָר די קינדערלעך זענען רויִק געשלאָפֿן).

אונדזער פֿור איז געפֿאָרן און געראָלט איבער די בלאָטיקן וועגן. די מידע פֿערד, סאָפּענדיק פֿון נעץ און פֿון שווייס, האָבן זיך דערנענטערט צו מיין שטעטל. דאָ אין מיין היים, זענען אַלע וועגן געווען מיר היימיש און באַקאַנט. אַפֿילו בלינדערהייט וואָלט איך געטראָפֿן צו מיין מאַמעס שטוב. און ווען מיין פֿעטער איז שטיין געבליבן מיט די אויסגעמוטשעטע פֿערד האָב איך דערוויל געכאַפּט מיין רויט שירעמל מיט מיין פּעקעלע און גענומען לויפֿן אַהיים. איך וועל עס שנעלער מאַכן פֿון די פֿערד.

איך האָב צעשניטן די נאַכט מיט מיין הוסטן. איך האָב זיך נישט אָפּגעשטעלט. אין האַרץ — אַ שטעכעניש. די האַנט האָט מיר וויי־געטאָן. קיין ווייטיק איז נישט געווען צו־גרויס צו זען וואָס שנעלער מיין מאַמען... און אַזוי בין איך אַריינגעפֿאַלן אין מיין מאַמעס שטוב...

די מאַמע האָט געמאַכט אַ געוואַלט: וואָס האָט פּאַסירט? איך בין ווי פֿון הימל אַראָפּגעפֿאַלן. ווי אַזוי האָט די באָבע געלאָזט מיך, איר אויג אין קאָפּ, אַליין אין מיטן נאַכט! וויי און ווינד איז דער מאַמען!

מען האָט גלייך גערופֿן אַ דאָקטאָר, אָבער איך — — — האָב זיך געשיפּט אין אַ רויט שיפֿעלע אויף פֿליִענדיקע כוואַליעס און רויטע שירעמלעך האָבן מיך געטראָגן אַרויף און אַראָפּ, צווישן לעבן און טויט, צווישן טאָג און נאַכט. אין פֿיבערדיקן טראַנס פֿלעג איך זען מיין מאַמעס פּנים.

און אַזוי שוועבנדיק, צווישן הימל און ערד, האָב איך זיך פֿלוצלינג אויפֿגעזעצט אין מיין בעט און איך האָב אַ נאָס־געטאָן. איך האָב געהערט ווי די מאַמע רופֿט אויס: צו געזונט און צו לעבן און צו לאַנגע יאָרן דיר, מיין קינד!

דער דאָקטאָר איז געקומען אַ שמייכלדיקער און געזאָגט: איך האָב געהאַט אַ לונגען־אַנצינדונג און מער קיינמאָל נישט וועט מיך די מאַמע שיקן צו גאַסט אַליין...

ווען די מאַמע האָט מיך אַרויסגעפֿירט אין גאַס אויף דער זון האָב איך געעפֿנט מיין רויט שירעמל און די זון האָט מיך איינגעהילט אין די גאָלדענע שטראַלן...

מיר איז געווען אַזוי גוט. מיין מאַמע זיצט לעבן מיר און אין מיין האַנט שטראַלט אַ רויט פֿייערדיק ניי שירעמל...

## טאַנטע מירציע

אַ גאַסט איז געקומען צו אונדז פֿון אַמעריקע: מיין טאַנטע מירציע. אין אונדזער שטוב האָט זיך באַוויזן אַ זיבעצן־יאָריקע פּרינצעסין. אַ שלאַנקע, מיט

בלאָנדע האָר און בלויע אויגן. זי האָט געטראָגן אַ בלוי געפּאַסט קלייד, פון פּאַסן לעדער, מיט שטאָף איינגעניייט אין די פאַלדן, אַ ברייטן הוט, מיט אַ שטרויס־פעדער, מיט לאַנגע לעדערנע הענטשקעס. מיט אוירינגלעך און בראַסלעטן.

און גלייך ווי זי איז אַריין געקומען אין אונדזער שטוב האָט זי אויפן טיש אויסגעלייגט די מתנות, וואָס זי האָט געבראַכט פון אַמעריקע.

פאַר מיר אַ שטייסעלע פון מעש, אַ פּאָר קאַמאַשן פון פעל און אַ ליאַלקע, וואָס האָט אויסגעזען ווי אַ לעבעדיק שיין מיידעלע און אויך מתנות פאַר די אי־בעריקע קינדער און פאַר מיינע עלטערן און גלייך האָט זי געוווּנען מיך האַרץ.

איך האָב זי נישט אָפּגעלאָזט קיין איינציקע מינוט. טאַנטע מירציע! דער־צייל מיר פון אַמעריקע! פון קאָלומבוסן! און פון די אינדיאַנער. איז עס טאַקע אמת?

זי האָט מיר דערציילט פון פאַרכישופטע פּאַלאַצן, וואָס שטייען אין דער צויבער־שטאָט, ניו־יאָרק, זי האָט פאַר מיר געמאָלן די פאַבריקן, מיט די טויזנ־טער מיידלעך, וואָס שטראָמען אינדערפרי צו דער אַרבעט, זי האָט פאַר מיר געכישופט וווּנדערלעכע בילדער פון ים, ווי פון אַלע ווינקלען פון דער וועלט קומען אָן שיפן און ביים ברעג־ים שטייט אַ שטיינערנע פיגור אויף אַ קליינינקן אינדזל און האַלט אַ פאַקל אין דער האַנט, וואָס לייכט און רופט די אַלע מידע וואָגלער זיי זאָלן אַראָפּ פון די שיפן און בויען אין דעם נייעם לאַנד, אַקערן און זייען, ווייל אַ ניי יונג לאַנד דאַרף נייע מענטשן...

לאַנגע טעג און וואָכן נעמט דורכצושווימען דעם ים מיט די אָנגעלאָדענע שיפן. די שטורעם־כוואַליעס וואַרפן די שיפן ווי שפּילעכלעך. פרומע ייִדן זאָגן תהילים. זיי בעטן גאָט, די שיף זאָל נישט אונטערגיין און די שאַרקן זאָלן נישט איינשלינגען די מענטשן.

ווען די שיף קומט איבער די אַלע געפאַרן און די מענטשן דערזען די שטיינערנע פיגור מיטן לויכטנדיקן פאַקל און די קוימענס טרובען און זאָגן אָן, אַז די שיף קומט אָן צום ברעג, פאַרגעסט מען די שרעק, וואָס זיי האָבן איבער־געלעבט...

אָבער טאַנטע מירציע, פאַרוואָס ביסטו צוריקגעקומען פון אַמעריקע? און געדאַרפט צוויי מאָל איינשטעלן דיין לעבן אויפן שטורעמדיקן ים?

דער טאַנטע מירציעס ליכטיק פּנים איז געוואָרן פאַרוואָלקנט. זי האָט מיך אַרומגענומען און מיך אָנגעהויבן צו קושן און מיט טרערן אין אירע אויגן געזאָגט:

— ביסט נאָך צו־קליין מאַלציעלע, זאָלסט קאָנען פאַרשטיין. איך וועל דיר אַמאָל, אַמאָל דערציילן ווען וועסט גרויס ווערן...

איך האָב גלייך דערקאָנט, טאַנטע מירציע טראָגט אַ סוד אין איר האַרץ און איז ווי אַ פאַרווונדיקטע, אָבער גלייך פלעגט זי אָנהייבן זינגען מיט איר צויבער־

שטים, „אַ בריוועלע דער מאַמען", און ווען זי פלעגט זינגען „אַ בריוועלע דער מאַמען", האָט זי מיטגעריסן מײַן קינדיש האַרץ. זי פלעגט פאַר מיר מוזן זינגען און איבערזינגען.

— אָ, טאַנטע מירציע! איך וועל קיינמאָל נישט אָוועקפאָרן פון מײַן מאַמען. און ווען איך וועל מוזן ערגעץ פאָרן, וועל איך איר שיקן טויזנט בריוועלעך אַ טאָג, מיט יעדן פייגעלע וועל איך מיטשיקן אַ בריוועלע דער מאַמען...

די טאַנטע מירציע האָט געבראַכט גרויסשטאָטישקייט, ניו־יאָרקער מאָדעס האָט זי אילוסטרירט אויף אירע שפּאַצירן מיט מיר. די גאַנצע שטאָט האָט איר נאָכגעקוקט.

— אָט גייט זי, די אַמעריקאַנערין!... ווי קומט זי אין אַזעלכע שיינע קליי־דער צוריק צוקומען?... עפּעס האָט מיט איר געמוזט טרעפן... מיט דער יפה־פיה... נײַגעריקע אויגן און רכילות־צינגער פלעגן זיך דורכרעדן אויף שטום־לשון... אָבער מײַן טאַנטע מירציעס שיינער שטאָלצער קאָפּ פלעגט זיך אויסציִען נאָך העכער און מיט אירע שיינע, בלויע אויגן אַלעמען אַנטקעגנגעטראָגן אַ שמייכל.

וואָס האָט טאַקע געטראָפן, אַז אַזאַ שיינהייט האָט זיך אומגעקערט אַזוי שנעל פון אַמעריקע? קיינער האָט נישט געוווּסט, אָבער מיר, דער נײַגעריקער מויד, האָט מײַן טאַנטע אויפגעעפנט איר האַרץ, פאַר מיר — אַנטפּלעקט איר סוד...

— — — אַמאָל, אַמאָל, איז געווען אַ פּרינץ, אַ שיינער, אַ שלאַנקער און אַן אָרעם מיידל איז אים אַנטקעגנגעקומען. דער פּרינץ האָט זי דערזען און זיך פאַרליבט אין איר. אַלע פּאַלאַצן פון דער וועלט האָט ער איר געוואָלט שענקען, די זון פון הימל איר אַראָפּברענגען, אָבער דער פּרינץ איז נישט געווען קיין ייִדישער...

אַ גוייִשער פּרינץ מיט אַ ייִדיש האַרץ. פון אַלע זײַטן האָט מען דאָס אָרעמע מיידל געיאָגט און פאַריאָגט און פאַרצאַמט, זי זאָל זיך נישט קאָנען באַגעגענען מיט אים... אָבער דער פּרינץ איז געקומען מיטן זילבער פון דער לבנה, מיטן גאָלד פון די שטערן און מיטן שטראַל פון זון־אויפגאַנג... ביז די עלטערע שוועסטער איז געפאַלן אויף אַ פּלאַן: איר געקויפט אַ שיפסקאַרטע און זי צוריק־געשיקט צו טאַטע־מאַמע...

און דער פּרינץ האָט זיך נישט אָפּגעשטעלט, האָט אים דער ים אָפּגע־טיילט פון דער פּרינצעסן, האָט ער אָנגעשפּיזט זײַנע פײַלן אַזוי ווי אַ רעגנבויגן און איר נאָכגעפאָרן.

און ווען דער גוייִשער פּרינץ איז אַרײַנגעקומען צו מײַן זיידן קיין טאַל־מעדזש, איז מײַן זיידע געשטאַנען אײַנגעוויקלט אין ווײַסן טלית און געדאַוונט. האָט דער זיידע אויפגעעפנט די טיר און אים געהייסן פאַרלאָזן די ייִדישע שטוב און צורו־לאָזן זײַן טאָכטער... עס האָט נישט געהאָלפן דאָס וויינען און בעטן פון טאַנטע מירציען.

דער זיידע האָט איר געזאָגט: אויב זי וועט חתונה האָבן מיטן גוי וועט זי אויסגעמעקט ווערן פון זיין שטוב, לדור־דורות... און ער וועט זיך אויסטאָן די שיך און זיך זעצן שבעה נאָך איר און באַדעקן זיין קאָפּ מיט אַ זאַק אַש.

דער פּרינץ איז אַוועקגעפאָרן צעבראָכן און טאַנטע מירציעס האַרץ איז אויף שטענדיק פאַרווונדיקט...

טאַנטע מירציע איז געווען זייער שיין. אַלע יונגעלייט אין מיין שטאָט האָבן שטיל געחלומט וועגן איר, אָבער מיין זיידע שלמה האָט נישט געלאָזט זיי לאַנג חלומען. ער האָט באַפוילן דעם שדכן איר רעדן שידוכים. ווען זי וועט חתונה האָבן און האָבן קינדערלעך וועט זי קיין צייט נישט האָבן צו חלומען פון גוישע פּרינצן...

ביי אונדז אין שטעטל איז געווען אַ ווילער און שטילער יונגערמאַן, אַ קצב־יונג, מיט שיינע שוואַרצע אויגן און גלאַטע גלאַנציקע האָר. זיין פאָטער האָט אָנגעהויבן צו שיקן שדכנים צו מיין זיידן קיין טאַלמעדזש. דער שיינער קצב־יונג האָט נישט געקאָנט שרייבן און טאַנטע מירציע האָט אים נישט גע־וואָלט. אָבער דער זיידע שלמה האָט געגעבן אַ זעץ אין טיש און די טאַנטע מירציע האָט אַריינגעגראָבן דעם קאָפּ אין די וויינענדיקע הענט און מען האָט געבראָכן טעלער און זי איז קעגן איר ווילן געוואָרן כלה. גליך האָט זי פאַר־לאָזט אונדזער שטעטל און צוריקגעפאָרן קיין טאַלמעדזש.

עס איז געווען אַ שווערער ווינטער מיט שרעקלעכע זאַווערוכעס. דאָס שטעטעלע מאָנאַסטרישטש אין ווייסן איינגעהילט, מיט בריליאַנטענע שפּילקעס אויף די ביימער, מיט פּראַסטיקע היטעלעך אויף די דעכער, מיט דימענטענע פלי‌טערלעך אויף די וועגן... די פענצטער פאַרקאָוועט מיט פראָסט, די פויערים אין קאָזשוכעס איינגעהילט... און פויערים אָנגעפּעלצטע מיט הויכע באַלאַטשן און מיט שמאַטעס אַרומגעבונדן זייערע פיס. מיין טאַנטע מירציעס חתן פלעגט קומען יעדע נאַכט צו אונדז.

ער האָט געבראַכט אַ גאַנצן בוך מיט בריוו־פּאַפּיר און מיט אויסגעמאָלענע מענטשעלעך, מיין מאַמע, די ווילגעלערנטע, זאָל אים יעדע נאַכט שרייבן אַ בריוו צו זיין כלה...

איך געדענק די שטילע יום־טובדיקע אָוונטן. דער בליץ־לאָמפּ האָט גע־פליגלט און די מאַמע מיט די קלוגע שוואַרצע אויגן זיצט ביים טיש און שרייבט פאַרן פאַרבענקטן חתן אַ בריוו צו זיין כלה — מיין טאַנטע מירציען...

אויף די בריוועלעך פּאַפּיר זענען געווען אויסגעמאָלענע מענטשעלעך. דאָס ערשטע זייטל, ווי אַ ייִנגל מיט אַ מיידל באַגעגענען זיך און זיי קוקן פאַרשעמט איינער אויפן אַנדערן. אויפן צווייטן בייגעלע פּאַפּיר, ווי ער דערלאַנגט איר אויף די קני אַ גרינעם בלאַט מיט אַ רויטער בלום. אויפן דריטן בייגעלע פּאַפּיר — ווי ער גיט איר אַ קוש אין האַנט, און אַזוי וויקלט זיך דער גאַנצער ראָמאַנס

דורך די מענטשעלעך אויף די ווייסע בייגעלעך פּאַפּיר, ביז זיי האָבן חתונה און דעמאָלט ענדיקט זיך אַלץ...

אַזוי שנעל ווי דער חתן איז אַריין אין שטוב בין איך אים אַנטקעגן געלאָפן מיטן העפטל געמאָלענע בריוועלעך און אָנצייגן דאָס מענטשעלע וואָס עס דאַרף קומען. דער חתן האָט זיך אויף מיר געמעגט פאַרלאָזן. איך וועל גאָרנישט אויסלאָזן.

דער שטילער חתן האָט געוואָלט אַרויסשרייבן ווי פאַרליבט ער איז אין מיין טאַנטע, ווי פאַרכישופט ער איז פון איר שיינקייט. זייט ער האָט זי געזען האָט זי צוגערויבט זיין רו... מיין מאַמע האָט די אַלע פאַרבענקטע ליבעס־בריוו געשריבן צו מיין טאַנטע און טאַנטע מירציע האָט געמיינט אַז דאָס שרייבט צו איר איר חתן אַזעלכע שיינע בריוו. אַזוי איז אַוועק דער ווינטער, ביז דאָס גאַנצע פּעקל בריוו־פּאַפּיר האָט זיך אויסגעלאָזט. וואָס טוט מען איצט? דער חתן קאָן דאָך נישט אָנהייבן פון דאָס ניי, מיט אַ ניי פּעקל בריוופּאַפּיר... אַז זיי באַקענען זיך ערשט, ווען זיי האַלטן שוין ביים לעצטן זייטל, ווי זיי האָבן שוין חתונה. און דער חתן באַשליסט, אַז לענגער וואַרטן קאָן ער נישט, ער מוז חתונה האָבן, — און טאַנטע מירציע איז געקומען קיין מאַנאַסטרישטש צו איר חתונה...

איך געדענק ווי טאַנטע מירציע האָט זייער געוויינט און מיך געבעטן נאָך דער חתונה, איך זאָל מיט איר שלאָפן, איך זאָל פון איר נישט אַוועק פאַר קיין מינוט... נאָך דער חתונה האָט זי זיך אַריינגעקליבן אין איר שווערס אייגן הויז. זי איז נאָך שענער געוואָרן. זי האָט נאָך מיך מער ליב באַקומען און האָט געגייט פאַר מיר און מיך געפוצט און געזויקלט מיינע לאָקן און מיך באַהאָנגען מיט שלייפן און קאָקאָרדעס. ווען איך פלעג גיין מיט איר שפּאַצירן און עמעצער פלעגט באַמערקן, אַז איך קוק אויס ווי די טאַנטע מירציע, אָ, ווער איז צו מיר געווען גלייך? פאַר מיר איז קיין שענערע אויף דער וועלט נישט געווען ווי מיין אויסדערוויילטע טאַנטע מירציע...

יענע צייט האָט אַ גרויס געשעעניש געטראָפן: מיין טאַנטע מירציע האָט געבוירן אַ מיידעלע. מיין קינדיש האַרץ, וואָס איז געווען צוגעבונדן מיט אַלע חושים צו דער טאַנטע איז פאַרוווּנדעט געוואָרן... אַ קליין נפשל האָט צעריסן די נשמה־בענדער, צווישן מיר און מיין טאַנטע... איך האָב דערפילט אַ שונא אינעם קליינעם נפשל אין וויגעלע. מיין טאַנטעס אינטעליגענץ האָט באַגריפן, אַז איר ליכטיק קינד וועט אַוועקשטעלן אַ וואַנט צווישן מיר און איר. האָט זי מיך מיט נאָך מער ליבשאַפט און אויפמערקזאַמקייט אַרומגערינגלט.

אין אונדזער שטעטל איז געווען אַ הייבאַם, אַן אַלט־מאָדישע יידענע, וואָס האָט אָפּגענומען דורך איר לעבן כמעט אַלע קינדער פון מיין שטאָט. אַ סך נשמהלעך האָבן נישט דערלעבט צו זען די ליכטיקע וועלט דורך דער ניט סאַ־ניטאַרישקייט פון דער אַלטער הייבאַם... און ווען דאָס מיידעלע איז געבוירן גע־



מיינע טאַטע־מאַמע

וואָרן איז מיין טאַנטעס שטוב פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ שפּיטאָל. זי האָט מיט־געבראַכט די דערפאַרונג און זויבערקייט פון אַמעריקע און אַלע יונגע מאַמעס זענען זיך געקומען לערנען ביי איר, ווי צו סטעריליזירן די פלעשלעך און ווי צו קאָכן און פאַרמישן די מילך און די זייגנדיקע מאַמעס האָט זי געלערנט נישט פאַרשטאָפּן נאָך יעדן געוויין דאָס מייללכל מיט דער מאַמעס ברוסט, נאָר זייגן דאָס קינד אין באַשטימטע שעהן פון טאָג...

זי האָט זיי אויך געלערנט ווי צו מאַכן איבונגען מיט די קינדישע פיסעלעך און הענטעלעך און נישט זיי איינקראַמפּן אין וויקלשנורן... ווי צו האַלטן זויבער דאָס קינדיש וויגעלע.

צוביסלעך האָט איר נאָמען אָנגעהויבן צו קלינגען איבערן שטאָט. זי האָט געעפנט אַ קלאַס פאַר ענגליש און מיידלעך און יינגעלייט זענען זיך געקומען לערנען ביי איר די ענגלישע שפּראַך...

שבת פלעגט מיין טאַנטע מירציע קומען אין שטוב און וואַרטן אויף מיין טאַטן. ווען ער פלעגט זיך צוריקקערן פון דאַוונען מיט אַ נייעם ניגון פון רבין. מיין טאַנטע פלעגט זיך מיט אים פאַרמעסטן. מיין טאַטנס טענאָר און איר סאָפּראַנאָ זינגען אויס נייע חסידישע ניגונים און פענצטער עפענען זיך אויף און אויערן כאַפּן־אויף דעם רבינס נייעם ניגון און הערצער קוויקן זיך ווי מיט גוטן וויין. זיי זענען הונגעריק נאָך שבת־פרייד און געזאַנג...

## די מומע פעסיע

די מומע פעסיע, די עלטערע שוועסטער פון מירציען, איז געקומען צו־גאַסט פון אַמעריקע. זי איז געקומען מיט איר איינציקן בן־יחיד, אַ יינגעלע פון צוויי יאָר. אַ פּרעכטיק קינד, מיט גרויסע שוואַרצע קאַרשן־אויגן און רויטע בעקעלעך, ווי אָנגעריבן מיט בוריקלעך פון רויטן זאַפט. זי האָט אויך מיטגע־בראַכט אַ כישוף־וועגעלע, וואָס לייגט זיך צוזאַמען און די רעדער באַהאַלטן זיך און עס ווערט אַ קליין פלאַך וועגעלע, ווי אַ ברעטל, נאָר ווען עס עפנט זיך ווידער אויף ווערט עס אַ וווּנדער וועגעלע מיט פיר ווייסע גומענע רעדלעך.

אַזאַ וועגעלע האָט קיינער פריער אין מיין שטאָט נישט געזען. אַחוץ, פאַר־שטייט זיך, די טאַנטע מירציע. ווי נאָר די טאַנטע פעסיע איז אַראָפּ צו אונדז איז די לופט געוואָרן קריגעריש. זי האָט גלייך דערשמעקט אין מיין מאַמען — איר שוועגערין — אַ גרויסע אויסברענגערן און אָנגעהויבן אויפצוקלערן מיין טאַטן — איר ברודער... אַז אונדזער שטוב ווערט געפירט צו רחבותדיק און מיין מאַמע פאַרשווענדט צופיל געלט אויף קליידער פאַר אירע קינדער...

מ ל כ ה   ל י

מיין טאַטע־מאַמע האָבן זיך פריִער קיינמאָל נישט געקריגט, כאָטש מיין טאַטע איז געווען אַ פרומער פלעגט ער אַלעמאָל אין אונדזער קעגנוואַרט אַרומנעמען אונדזער מאַמען און זי קושן. די מאַמע פלעגט זיך שעמען און אים זאָגן עפּעס אויף פּויליש, מיר זאָלן נישט פאַרשטיין. אין הויז איז שטענדיק געווען שלום־בית...

מיין מאַמע האָט געהאַט צוויי גאָלדענע הענט און פאַר אונדז נייען די שענסטע קליידלעך. אין יענעם זומער האָט מיין מאַמע פאַר מיר אויפגענייט אַ רויט פּלושן פּרינצעסן־קלייד, נאָר מיין מומע פעסיע איז געוואָרן אַנגעצונדן, אַ העלישע שריפה איז אין איר אַריין... אַזאַ קליינעם שנעק מאַכט מען שוין פּלושענע קליידער און וואָס וועט זי שוין טראָגן ווען זי וועט אויסוואַקסן? זי וועט דאָך וועלן דימענטן און בריליאַנטן און איר ברודער וועט נאָך צוליב מיר דאַרפן גיין אין די הייזער...

און אַזוי האָט זי שטיל אַריינגעטריפט טראָפּנס גיפט אין מיין טאַטנס האַרץ קעגן מיין מאַמעס אויסברענגערישקייט און מיין מאַמע האָט זיך נאָך באַרימט פאַר איר, אַז דער טאַטע האָט איר געגעבן דאָס שליסעלע צום טאַטנס טישקעסטל... און זי קאָן פריי צוגיין און נעמען געלט וויפיל זי וויל. האָט די מומע פעסיע גלייך אויפגעקלערט מיין טאַטן: אַ ווייב דאַרף נישט האָבן די פרייהייט צו עפענען דאָס טישקעסטל...

איך געדענק אַ טאָג, אין הויז איז אַ בהלה. דער טאַטע אַ ברוגזער, מיין מאַמע מיט פאַרוויינטע אויגן, די דינסט איז אַוועק, און די מאַמע שטייט איבער אַן אָפענעם קופערט און פּאַקט אירע קליידער, גרייט צו פאַרלאָזן די שטוב. די מומע פעסיע האָט אָפּגעלאָזן דעם ביטערן גיפט אַזוי ווי אַ בין און צוריקגעפאָרן קיין אַמעריקע...

און דאָ שטייט מיין פאַרוויינטע מאַמע און צאַפּלט זיך פון איר גיפט. זי טיילט זיך אײַן מיט מיין טאַטן: צוויי קינדער פאַר אים, און צוויי קינדער פאַר איר און ער וועט איר געבן אַ גט.

ווען איך האָב דערהערט ווי זיי טיילן זיך איין — צוויי קינדער פאַר אים און צוויי קינדער פאַר איר — האָב איך דערפילט אַ גרויסע סכנה. די מאַמע וועט נאָך מיך אַוועקגעבן צום טאַטן. און אַזוי ווי אַ שווימער וואַרפט זיך אויף אַ שטורמישן ים צו ראַטעווען אַ טרינקנדיקן, האָבן איך זיך אַ וואָרף־געטון צו מיין מאַמעס פיס, ווי מיט שטריק אַרומגעוויקלט מיינע הענט און זי אָנגעהויבן צו קושן און בעטן: מאַמע טייערע, פאַרלאָז אונדז נישט! מיר דאַרפן דיך האָבן! גיי נישט אַוועק פון אונדז!

מיין שוועסטערל האָט מיר צוגעהאָלפן און געבעטן אויף איר שטייגער און דער מאַמעס האַרץ איז ווייך געוואָרן. זי האָט זיך צוריק אויסגעטאָן, אויסגעפּאַקט

דעם קופערט. דער טאַטע האָט זי איבערגעבעטן און איר דערלאַנגט דעם גאַנצן בינטל שליסלען — זי זאָל קיניגן אין הויז און טון אַלץ וואָס איר האַרץ גלוסט... אַזוי ווי זי האָט געטון ביז אַהער. און אין שטוב איז געוואָרן צוריק שלום־בית...

## מיין חברטע צירל

לעבן אונדזער הויז זענען געשטאַנען נאָך צוויי מויערן. אין צווייטן הויז איז געווען אַ קראָם מיט מעל און אין דריטן הויז איז געווען אַ שענק און דאָרטן האָט געוווינט דער קוואַסניק מיט זיין משפחה.

די יינגסטע טאָכטער פונעם קוואַסניק האָט געהייסן צירל. אָבער צירל איז געווען אַ קרומע, מיט צוויי בייגלדיקע פיס. איר מאַמע, אַ דריי־גוידערדיקע שיינע פרוי, מיט אַ הויכן שייטל, פלעגט שטענדיק מאַכן „פּאַציאַ״ און דער שענקער פלעגט פאַרקויפן קוואַס און צירל פלעגט היפּען מיט די קרומע פיס קיינער פלעגט זיך מיט איר נישט אָפּגעבן. פלעגט צירל זיצן אין דרויסן אויף דער שוועל און מאַכן פון דער ערד מענטשעלעך.

זי פלעגט זיצן מיט די בייגלדיקע פיס און די הענט פלעגן אויספורעמען פיגורן און פייגל און חיות. זי פלעגט זיי גלייך צעשטערן.

אין שענק האָט געשמעקט מיט מאַרענירטן הערינג און מיט ספּירט, מיט ביר און פרישע בולקעס. ווען אין שטעטל איז געווען אַ יאַריד פלעגן די גוים אַריינקומען מיט געשוואָלענע רויטע נעז, אַ זשלאָק־טון אַ קעלישעקל ספּירט, אַ באָכע־טון די פאַרשטויבטע אַרבל און אַוועקזעצן זיךביים טיש עסן „פּאַציאַ״...

זיך זאַט אָנגעגעסן און פאַרטרינקען מיט קוואַס אָדער מיט ביר, שיכור־ווערן און שילטן די ייִדן; אָבער מאַשקען, דעם שענקער, האָבן זיי נישט גע־שאָלטן. ווי וואָלטן זיי געקאָנט אויסקומען אָן מאַשקען וואָס גיט זיי מחיהדיקן ספּירט ?...

צירל, מיין חברטע, איז שטענדיק פאַרטון אין זיך. זי זיצט מיט די בייגל־דיקע פיס און מאַכט מענטשעלעך פון זאַמד און פון שניי, אַזוי זומער און אַזוי ווינטער. און די גוים שיכורן אין שענק און שעלטן און לאַכן און ווינען און מאַדליען זיך: אַך, ייִדעלעך! ייִדעלעך! דער שוואַרץ יאָר זאָל אייך נעמען! און זיי זשלאָקען דעם ספּירט און פאַרבייסן מיט פאַציאַ...

## דער פעטער סענדער

מיין פעטער סענדער איז געווען אַ גרויסער גביר.

ער האָט פאַרמאָגט אַ גאַנץ דאָרף אין קאָמערוווקע, אַ ריזיקן קאַלך־אויוון און אַ ציגעלניע. די ציגעלניע איז געלעגן אין אַ טיפן טאָל, אויסגעבויכט אין

דער ליימיקער ערד, ווי אַ רויטער פייערדיקער באַסיין.

די רויטע ציגל פלעגן זיך טריקענען אויף דער זון. אויבן איז געווען דער קאַלך־באַרג. די פויערישע לאָפּעטעס פלעגן שעפּן ווי פון אַ ריזיקער שיסל מיט גרויסע לעפל־לאָפּעטעס, שעפּן דעם ליים, פערד מיט וועגענער האָבן שטענדיק געשלעפּט שווערע שטיינער, קאַלך און ציגל.

מיין פעטער סענדער, מיטן שיינעם געפּרעסטן שוואַרצן אָנצוג, מיטן גאָלדענעם צוויקער, וואָס פלעגט נאָכהענגען אויף אַ גאָלדן קייטעלע, שפּאַצירט עלעגאַנט מיט אַ שטעקעלע און יעדעס שיינע פוילישע שיקסל פאַרנייגט זיך פאַר אים און באַגריסט אים. דער פעטער סענדער ענטפערט גוטמוטיק מיט אַ קניפּ איבערן בעקל און די פויערישע מאַמעס קוועלן פאַר נחת...

דער פעטער סענדער האָט געהאַט זייער גראָטעטנע קינדער. אַלע זענען געווען מוזיקאַליש און געזונגען און געשפּילט אויף גיטאַרעס און אויף פידלען. זיי האָבן שטודירט אין די בעסטע אוניווערזיטעטן. ער אַליין האָט געוווינט מיט דער משפּחה אין סטאַניסלאַוו, אין אַן אייגענעם הויז מיט אַ שיינעם גאָרטן... זיי האָבן זיך אַלע געפירט אַריסטאָקראַטיש, איינגעאָרדנט בעלערביי זיך אין הויז און איינגעלאַדן די רייכסטע אינטעליגענץ...

די געשליפענע גלעזער און דאָס זילבערנע עסצייג פלעגט פאַרבלענדן די אויגן. די זילבערנע לייכטער און קרישטאָלענע אַבאַזשורן, די הענג־לאָמפּן און פּערסישע דיוואַנען, די פאַרשידענע ליולקעס מיט די אָריענטאַלישע אַראָמאַטן... ליולקעס פון צעדער־ און פייגן־האָלץ... אויך מיין פעטער סענדערס ליולקעס האָבן געקיניגט, ווי אַ שבט פאַר זיך אַליין. יעדע ליולקע האָט געהאַט איר געשטעל... ליולקעס ווי טערקן און ליולקעס ווי זקנים און ליולקעס ווי מאַלפּעס, מיט פאַרשידענע נאָכהענגלעך מיט קינען און דימענטענע גערגלעך. און מיין פעטער סענדער פלעגט אויסציִען די פּיס אויפן פּליושענעם פוסבענקעל און ער האָט אויסגעקוקט ווי אַ כישופמאַכער וואָס טרינקט אָפּיום פון זיין צויבער־ליולקע

און די אַרבעטער־הענט גראָבן און מאָלן און די ציגעלניע רוישט ווי מיט מענטשלעכע בינען... ציגל ליגן אויסגעלייגט אין ריטמישע קוואַדראַטן און באַקן זיך אַנטקעגן דער הייסער זון. די גראָב־לאָפּעטעס גראָבן און בויערן זיך אין די לעכערדיקע וווּנדן פון דער אויסגעבויכטער טיפעניש נאָך פון איר בראשיתדיקן באַשאַף און הערט נישט אויף צו געבן ליים און ציגל פאַר מענטשלעכער מקום־מנוחה...

# מיין שוועסטערל הענעלע

מיין מאַמע האָט אונדז געבוירן אַ נײַ שוועסטערל. אַ שוואַרץ אויגיקע, מיט אַ שניי־ווייס פּנימל, מיט שוואַרצע געקרויזטע לאָקן.

זי איז געווען די פרייד פון אַלע קינדערלעך. איר פּישטשען ווי אַ זיס פייגעלע, אירע פּוכיקע פיסעלעך, אָ, הענעלע מיינע, מיין ליכטיק שוועסטערל!

פון אַלע קינדערלעך איז זי געווען די שענסטע.

אָט זיצט מיין מאַמע מיט הענעלען און הענעלע זויגט אַ פולע ברוסט און קוויקט זיך מיט דער מאַמעס מילך. אָט זעצט זיך הענעלע אויף אין איר וויגעלע און רופט: מאַמע! קיין שענערן קלאַנג האָב איך נישט געהערט, ווי דאָס רופן פון אירע ליפּעלעך: מאַמע!

און מיך האָט זי ליב געהאַט, מיין הענעלע. זי פלעגט אויסשטרעקן אירע פּוכיקע הענטעלעך און רופן צו מיר און איך פלעג זי נעמען אויף די הענט און זי פלעגט לאַכן, לאַכן... אוי, הענעלע מיינע!

און ווען הענעלע איז אַלט געוואָרן אַ יאָר האָט זי שוין געקאָנט גיין אַליין און רעדן גאַנצע זאַצן. זי איז געווען די געראָטנסטע. צו אַכצן חדשים האָט הענעלע געזונגען לידער און געהאַט פאַרשטאַנד פון אַ דריי־יאָריק קינד. מיין מאַמע פלעגט זיך שפּיגלען אין איר, ווייל זי איז געווען דאָס אָפּבילד פון איר.

עס איז געווען אַ שווערע זאַוויערוכע. אַ קאַלטער ווינטער האָט געבושעוועט איבערן שטעטל. גאַנצע בערג מיט שנייען האָבן זיך אויסגעלייגט לעבן די הייזער און קראָמען. מענטשן האָבן אין די פרימאָרגנס נישט געקענט אַרויסגיין אין גאַס. גויים מיט שווערע קאָזשוכעס און פאַרשנייטע קוטשמעס זענען געפאָרן מיט אייז־פאַרקאָוועטע שליטנס.

אינעווייניק אין הויז האָט געברענט דער אויוון און דער פּיעקעליק איז געווען מיט וואַרעמע טעפּ באַלאָדן. און קינדערלעך מיט דערפראָרענע פיסלעך...

עס איז געווען פרייטיק־צו־נאַכטס. די מאַמע האָט געבענטשט ליכט. דער טיש איז געווען ווייס געגרייט. די געפלאָכטענע חלות האָבן געלויכטן מיטן ליכט פון שבת... דער טאַטע איז געזעסן אויבן־אָן און די קינדערלעך אַרום. די מאַמע האָט דערפילט די גרויסע שבתדיקע פרייד און גענומען מיין שוועסטערל הע־נעלען און געגאַנגען אַ טאַנץ מיט איר. הענעלע האָט געזונגען מיט דער מאַמען און מיר קינדערלעך האָבן צוגעפּאַטשט מיט די הענט. אונדזער שבת־טיש איז געווען איין שטיק יום־טוב. אַ שבתדיקע רו איז געווען אויסגעגאָסן אין יעדן ווינקעלע. און די מאַמע האָט געזונגען:

— אוי, גאָטעניו, היט מיר מיינע קינדער! זאָל אַלעמאָל זיין שבת און יום־טוב אין אונדזער שטוב!

נאָך דער שבתדיקער סעודה זענען די קינדער געגאַנגען שלאָפן. ביינאַכט האָט הענעלע אַ הוסט־געטון. אַ שאַרפע כריפּעדיקע זעג האָט אַ זעג געטון איר ברוסט. די מאַמע איז אַראָפּגעשפּרונגען פון בעט אַ דערשראָקענע, ווי פון קינדס הוסט וואָלט זיך דערנענטערט אַ שטורעם אין איר הויז. זי האָט דאָס קינד איינגעדעקט און הענעלע האָט שווער געאָטעמט.

מיין מאַמע איז געזעסן ביי איר וויגעלע. מיט הענעלעס כריפּעדיקן הוסט האָט אויך מיין האַרץ אַ זעג־געטון און געשניטן. אַ גאַנצע נאַכט בין איך נישט געשלאָפן.

הענעלע האָט אַלץ שווערער און שווערער געאָטעמט. פאַרטאָג איז די מאַמע אַרויס אין דער ווייסער זאַווערוכע צו רופן אַ דאָקטאָר. יענע נאַכט האָט געטראָפן אַן אומגליק אויף דער פּראָווינץ: עס איז געווען אַ קאַטאַסטראָפע און אַלע דאָקטוירים זענען ביינאַכט אַוועקגעפאָרן אַהין און דאָ קאָן די גאַנצע שטאָט אומקומען, מען קען קיינעם נישט קריגן.

הענעלע ליגט אין וויגעלע און זי הוסט זייער הייזעריק, זי כריפּעט און זעגט מיטן הערצל וואָס הייבט זיך אַרויף און אַראָפּ... זי ראַנגלט זיך נאָך אָטעם.

איך האַלט אירע הענטעלעך און קוש איר פּיבעריק קעפּעלע. די מאַמע גיט איר מעדיצינען, אָבער אַלץ פאַרברעכט זי. זי קאָן נישט כאַפּן דעם אָטעם. עס שטיקט זי. זי ראַנגלט זיך מיט יעדן אָטעם־צוג, אָבער אירע שוואַרצע אייגעלעך רעדן, אירע שוואַרצאַפּלען בעטן זיך: שוועסטערל, העלף מיר! ראַטעווע מיך! איך בין געבוירן צו זינגען און צו טאַנצן. פאַרוואָס שטיקט מיך אין האַלדז? שוועסטערל, איך ווער דערשטיקט!

מיין מאַמע וויינט און ברעכט די הענט. זי ווייסט: הענעלע איז אין גרויסער סכנה... אין שטאָט הערשט דיפטעריע. און זי זעט אין די סימפּטאָמען, ווי הענעלע גייט אויס ווי אַ ליכט און עס איז נישטאָ קיין דאָקטאָר. אין קאַלטן פראָסטיקן ווינטער־טאָג וויקלט מען איין הענעלען און מען פאָרט מיט איר אַוועק קיין סטאַניסלאַוו, אין אַ שפּיטאָל. עס דאַרף נעמען פינף שעה און מיין זיידע יאָסל לאָזט נישט פאָרן די מאַמע אַליין און פאָרט מיט איר מיט.

אין שפּיטאָל גיט מען דער מאַמען ווייניק האָפענונג צו ראַטעווען איר קינד. די קראַנקייט איז שוין צו־ווייט אין איר האַלדז. מען זאָגט איר קאַלט און מלאך־המותדיק, אַז איר קינד האָט ווייניק שאַנסן צו בלייבן לעבן. מען וועט זי אָפּערירן, נאָר מיט דער מאַמעס צושטימונג. אויב דאָס קינד וועט שטאַרבן אונטערן מעסער, בלייבט דאָס קינד אין שפּיטאָל צום פּאַלמעסן...

אַז אַ פאַרצווייפלטע מאַמע דערהערט אַזעלכע רייד קאָן זי זיך שיידן מיט איר קינד און עס אַוועקגעבן צום מלאך־המות? מיין מאַמע כאַפּט דאָס שטאַרבנדיקע קינד, ווי אַ טיגערן און לויפט צוריק צום באַן. הענעלע דערקאָנט זי מער נישט. זי וועט זי נישט איבערלאָזן אויף מעסערדיקע הענט צום פּאַלמעסן און זי

פאַרט מיטן שטאַרבנדיקן קינד צוריק אַ היים און אויפן באַן הויכט הענעלע אויס די נשמה...

די מאַמע ווייסט דאָס געזעץ, אויב זי וועט לאָזן וויסן דעם קאָנדוקטאָר וועט מען ביי איר צונעמען דאָס טויטע קינד. זי וועט זיך מיט איר נישט שיידן...

זי נעמט דאָס טויטע קינד און זעצט זי אַוועק אויף די קני, טוט איר אָן אַ פרישׁ וואָלן קאַפּוזקעלע, מיט ראָזע בלימעלעך, וואָס זי האָט אַליין פאַר איר געשטריקט, טוט איר אָן אַ פרישׁ קליידעלע און נעמט רעדן צו איר, ווי זי וואָלט זי געהערט... איר הענעלע, זי האַצקעט זי אויף די הענט, נאָר הענעלע הערט זי נישט... זי איז שוין אויסגעלייזט פון ערדישן פּיין און מיין מאַמע חלשט, דער ייִדע מונטערט זי און הענעלע ליגט אויסגעפּוצט אויסגעצויגן אויפן באַנק מיט פאַרמאַכטע אויגן, אויסגעלייזט פון די שווערע ליידן. איר הערצעלע קלאַפּט נישט מער. די באַן לויפט און פייפט, נאָר הענעלע הערט נישט מער. זי איז אויסגע־לייזט פון איר אַכצן־חודשדיק נאָך נישט געלעבט לעבן...

אָ, וויין נישט מאַמע, וויין נישט.

איך בין אַ מלאך, איך מוז שטאַרבן —

איך מוז שטאַרבן...

יענע נאַכט האָב איך זיך אויפגעכאַפּט. דאָס וויגעלע איז נישט געווען אין צימער. די פאַרבראַכענע ווינדעלעך און קליידעלעך זענען געלעגן אין אַ בערגל. מיין מאַמעס געהעקלטער זילבערנער שאַל איז געהאָנגען פאַראַבלט...

— מאַמע, ווו איז הענעלע?

— הענעלע שלאָפט ביים זיידן אין שטוב.

און זי האָט זיך אַוועקגעזעצט אויף אַ נידעריק בענקעלע, איינגעגראָבן דעם קאָפּ אין די הענט.

בייטאָג איז געקומען דער קברן מיט אַ קליין קעסטעלע און דאָרטן האָט מען אַריינגעלייגט און פאַרקלאָפּט הענעלען...

איך האָב אַזוי געוויינט.

— לאָזט מיך אַ קוק טון נאָך איין מאָל אויף מיין הענעלען!

די מאַמע האָט מיך אַוועקגעריסן פון קעסטעלע. דער זיידע און דער קברן האָט דאָס קעסטעלע גענומען אונטערן אָרעם און אַוועקגעטראָגן אויף אייביק מיין הענעלען...

נעכט און טעג האָב איך געבענקט נאָך הענעלען. איך פלעג לויפן, די מאַמע זאָל נישט וויסן, אויפן בוידעם, ווו אירע פאַרבראַכענע ווינדעלעך זענען געלעגן און קושן די פאַרבראַכענע זאַכן, ווייל דאָס איז געווען איר לעבעדיק איבער־בלייב, וואָס האָט געשמעקט מיט הענעלען...

איך האָב איינגעאָטעמט איר פאַרבליבן לעבן. איך האָב נישט מורא געהאַט אַז איך קאָן אויך קראַנק ווערן, ווייל וואָס פאַר אַ ווערט האָט שוין געהאַט מיין לעבן, אַז מיין ליכטיק שוועסטערל איז טויט...

אַ, הענעלע מיינע, איך וועל דיך קיינמאָל, קיינמאָל נישט פאַרגעסן...

## שרעק פאַרן טויט

פון דעמאָלט אָן האָט מיך אַ פאַרבאָרגענער פּחד אַרומגענומען פאַרן טויט. וואָס איז לעבן, און וואָס איז טויט?

פאַרוואָס קומט דער טויט און נעמט ביי אונדז צו דאָס טייערסטע? וואָס האָט דער טויט אויסגעקליבן מיין קליין שוועסטערל וואָס האָט נאָך אַפילו רעכט נישט געלעבט?

ביינאַכט פלעג איך ליגן מיט אָפענע אויגן, איינגעהילט אין שטילן פּחד... אָט קומט דער פינצטערער טויט און קלאַפּט אין מיין פענצטער און ער וועט נאָך ביי מיר צונעמען מיין מאַמען, אָדער מיין טאַטן, אָדער מיין שוועסטערל, אָדער אַ ברודערל . איך פלעג וויינען אין קישן אַריין און בעטן גאָט, ער זאָל דעם טויט נישט אַריינלאָזן אויף מיין שוועל, ער זאָל נישט טרעפן מער צו מיין הויז און אויב ער מוז דווקא קומען נאָך אַ קרבן, זאָל ער נעמען מיך און דורך זיך, דורך מיין טויט, זאָלן מיינע טייערע ווערן אויסגעלייזט.

אין שטוב איז געווען אַ טיפער טרויער. הענעלעס געלעכטער איז פאַר־גליווערט געוואָרן אין שפּיגל. ווו איך האָב זיך נישט אַ דריי־געטון איז געשטאַ־נען פאַר מיר הענעלע. מיין מאַמע פלעגט מיך היטן און מיר אויסרעדן, אַז הע־נעלען איז אַסך בעסער, זי איז אין גן־עדן. זי האָט געוווּסט ווי איך לייד און בענק נאָך איר און מורא געהאַט איך זאָל נישט קראַנק ווערן. פלעג זי מיט טאָפּלטער מאַמישקייט און צערטלעכקייט מיך טרייסטן און מיר מאָלן הענעלען אין הימל אַ ליכטיקע, אַ שוועבנדיקע, אַז אייביק־לעבעדיקע, וואָס האָט נישט געקאָנט פאַרטראָגן אונדזער זינדיקע ערד און בעסער אויסגעקליבן צו וווינען אין הימל...

דעמאָלט פלעגן מיינע אויגן אויפשיינען אין דער נאַכט, צום שטערנדיקן הימל, און איך פלעג זען צווישן די שטערן שוועבן מיין טויט שוועסטערל הענעלען.

אָט איז זי אַריין אין דער לבנה און זי שמייכלט צו מיר און שווימט אין דער אייביקייט.

פרימאָרגן פלעג איך דערציילן דער מאַמען, ווי איך האָב געזען הענעלען צווישן די שטערן, ווי די לבנה האָט זי אַריינגענומען און אַרויסגעשמייכלט מיט

הענעלעס שמייכל... נאָר אַזוי שנעל, ווי איך פלעג אויסצִיען די האַנט זי צו פאַרהאַלטן זי זאָל מיך אויך זען, איז די לבנה אין הימל פאַרשווונדן מיט איר...

מיט הענעלעס געשטאַלט פלעג איך אַ גאַנצן טאָג אַרומבלאָנדזשען אַ פאַר־חלומטע, און דעמאָלט האָב איך נאָך טיפער באַנומען דאָס ליד פון פוילישן פּאָעט אַדאַם מיצקיעוויטש:

וויין נישט מאַמע, וויין נישט, איך מוז שטאַרבן, וויין נישט, מאַמע, וויין נישט...

איינמאָל איז מיין מאַמע געגאַנגען אין גאַס און געזען אין רינשטאָק ליגט אַ באַשעפעניש. דאָס באַשעפעניש איז געווען אַ מיידעלע. זי איז געלעגן אין דער בלאָטע און אַ שיכורער מענטש איז געשטאַנען איבער איר און זי געשלאָגן.

דאָס איז געווען איר פאָטער: אַן אַלטער כראָנישער שיכור, וואָס פלעגט קיינמאָל נישט זיין ניכטער. דאָס מיידעלע האָט זיך געצאַפּלט אין רינשטאָק פון די מוראדיקע קלעפּ.

מיין מאַמע האָט זי אויפגעהויבן פון רינשטאָק און זי געבראַכט אַהיים.

זי איז געווען שמוציק און פאַרלייזיקט. זי האָט זי אַרומגעוואַשן און אויס־געצוואָגן, זי איבערגעטאָן און איר געגעבן עסן.

איר נאָמען איז געווען מינדל. זי איז געווען צען אָדער צוועלף יאָר אַלט. מיין מאַמע האָט באַשלאָסן צו האַלטן זי ביי אונדז אין שטוב און מיט דעם וועט זי אויסקויפן די שווערע זינד, וואָס גאָט האָט זי אַזוי ביטער געשטראָפט און ביי איר צוגענומען הענעלען. זי וועט די אָרעמע, אומגליקלעכע יתומה דערצִיען ווי אַן אייגן קינד. מינדל האָט געהאַט אַ שרעקלעכן פעלער: זי פלעגט ביינאַכט זיך נאַס־מאַכן. אינדערפרי האָט די מאַמע זי אַרומגעוואַשן און איר געגעבן פרישע וועש, נאָר פון איר האָט זיך שטענדיק געטראָגן אַ ריח פון אורין...

אין אַ בעט האָט זי נישט געקאָנט ליגן. פלעג די מאַמע איר אויסבעטן לעבן גרויסן אויוון, וווּ עס איז געווען וואַרעם. אינדערפרי האָט זי נאָך מער געשמעקט מיט נאַסקייט און די מאַמע האָט אַלץ אָנגענומען פאַר ליב און זי ווידער איבערגעטאָן פריש. זי האָט געוואָלט דורכן טויט פון איר אייגן קינד ראַטעווען אַ פרעמד קינד. זי איז געווען גוט צו איר אַזוי ווי אַ מאַמע. פלעגט איר אויפנייען אַ ניי קלייד און קויפן נייע שיך אַזוי ווי אירע אייגענע קינדער. אָבער אין שטאָט, האָט מען סיי־ווי געוווסט, מינדל איז אַ יתומה און יעדער האָט אויף איר געהאַט רחמנות...

אַזוי איז אַוועק אַ שווערער ווינטער. דאָס אייז האָט אָנגעהויבן אָפּלאָזן און עס איז געקומען פורים.

פון די פאַרפרוירענע דעכער האָט דאָס אייז זיך צעשמאָלצן אין פרילינג־טראָפּנס... די טייכלעך האָבן געראַשט מיט שטראָמען פלאָפּלדיקע וואַסערן.

קינדערלעך זענען געגאַנגען באָרוועס און געפּלושקעט די נאַקעטע פיסלעך אין די פליסיקע שטראָמען צעלאָזענע שניי־וואַסערן... פון די שטיבער האָט זיך

געטראָגן דער ריח פון לעקעך און האָניק־געפּרעגלטע ניס. אין אַלע יידישע שטיבער האָט מען געבאַקן די פּורימדיקע מחיהדיקע המן־טאַשן און געגרייט זיך צו שיקן שלח־מנות צו די שכנים און משפּחות.

אין אָט די פייערלעכע טעג, ווען די יידן זענען פּטור געוואָרן פון המנען, האָבן שניידער־געזעלן און שוסטער־געזעלן און דינסטמיידלעך זיך פאַרשטעלט און געגאַנגען איבער די הייזער נאָך שלח־מנות...

די פאַרשטעלטע זענען געגאַנגען פון טיר צו טיר און זייערע זעקלעך מיט מטבעות האָבן געקלונגען צוזאַמען מיט די פּורים־לידער...

אויך מינדל האָט זיך פאַרשטעלט יענעם פּורים און געגאַנגען איבער די הייזער. זי איז דאָך געווען אַ יתומה און דאָס פּורים־געלט וועט איר צונוץ־קומען.

אויך איך האָב זיך אָנגעטאָן מיין מאַמעס לאַנגן שלאָף־ראָק און געגאַנגען איבער די הייזער טראָגן שלח־מנות צו די מומעס און פעטערס.

אויפן וועג האָב איך באַגעגנט די פּורים־שפּילער. זיי האָבן געשפּילט אחשורוש. ווי וווּנדערלעך זיי האָבן אויסגעזען אין מיינע אויגן, מיט די אמתע שווערדן, מיט די דריי־עקיקע המן־טאַשן היטלען. זיי זענען געגאַנגען פון הויז צו הויז, אָפּגעשפּילט דעם פּורים־שפּיל און אַלע קינדער זענען זיי נאָכגעגאַנגען...

ווען איך בין אַריין צוריק אין הויז איז קיינער אין שטוב נישט געווען. אויפן טיש איז געשטאַנען אַ בייטל מיט מטבעות. די שפּילער האָבן אָנגעקלאַפּט אין אונדזער שטוב. איך האָב ברייט צעעפנט די טיר, איך האָב זיך פאַרנייגט פאַר זיי, ווי אסתר המלכה און איינגעלאַדן די פּורים־שפּילער זיי זאָלן פאַר מיר אַליין אָפּשפּילן די פאַרשטעלונג.

זיי האָבן געזונגען, די פּורים־שפּילער, און געטאַנצט... און ווען אסתר־המלכה האָט געבעטן דעם קעניג פאַר די יידן האָב איך מיטגעבעטן, און ווען מרדכי האָט אָנגעוויזן אויף המנען — האָב איך מיטגעצאָרנט אויף המן־הרשע.

ווען זיי האָבן פאַרענדיקט די פאַרשטעלונג, בין איך געווען אַזוי באַגייסטערט. אויפן טיש איז געשטאַנען אַ בייטל מיט קליינגעלט, האָב איך עס דערלאַנגט די פּורים־שפּילער...

ווען מינדל איז אַריין אין שטוב און געוואָלט איבערציילן איר בייטל מיט געלט, איז מיר פינצטער געוואָרן אין די אויגן. איך האָב איר געלט אַוועקגעגעבן די פּורים־שפּילער.

ווען די מאַמע איז אַהיימגעקומען און דערזען וואָס פאַר אַ חתונה איך האָב דאָ אָפּגעשפּילט, האָט זי פאַרבראָכן די הענט פאַר חרפּה. אַן אָרעמער יתומהס געלט האָב איך אַוועקגעגעבן די פּורים־שפּילער זיי זאָלן שפּילן פאַר מיר טעאַטער...

יענעם פּורים וועל איך קיינמאָל נישט פאַרגעסן... איך האָב געכאַפּט קלעפּ, וואָס איך האָב ערלעך און כשר פאַרדינט...

## די טעאַטער־טרופּע

אין אונדזער שטעטל איז דאָס ערשטע מאָל געקומען אַ טעאַטער־טרופּע. זיי האָבן געדונגען דעם גרעסטן זאַל, און אויספּאַרקויפט אַלע בילעטן אין פּאַר־אויס. טאַטע און מאַמע האָבן זיך אויסגעפּוצט און מיר זענען אַלע אַוועק אין טעאַטער. ווען דער פאָרהאַנג האָט זיך אויפגעהויבן, מיט די הערלעכע דעקאָראַ־ציעס, איז דער גאַנצער עולם פאַרכישופט געוואָרן. איך האָב טיף איבערגעלעבט יעדע באַוועגונג פון די פּראָפעסיאָנעלע שוישפּילער. ווען דער העלד דערשטעכט זיין קעגנער — צוליב אַ ליבעס־סצענע. ווען דער פאָרהאַנג האָט זיך אַראָפּגעלאָזט האָב איך געוויינט מיט האַרצרייסנדע טרערן.

אָבער פלוצלינג איז געשען אַ נס.

דער דערשטאָכענער טויטער העלד האָט זיך אויפגעשטעלט און זיך פאַר־נייגט פאַרן עולם. איך האָב אַזוי טיף איבערגעלעבט די סצענע און געווען זיכער, אַז דער טויטער איז דערשטאָכן געוואָרן און וועט קיינמאָל נישט ווערן לעבעדיק.

איך האָב נישט געוואָלט גלויבן, אַז עס איז אַ שפּיל און אויב ער איז גע־וואָרן דורך אַ כישוף צוריק לעבעדיק האָט דאָך העגעלע אויך געקאָנט צוריק לעבעדיק ווערן... פאַרוואָס איז נישט געשען קיין נס מיט מיין העגעלען?...

אויפן צווייטן טאָג האָב איך צוזאַמענגענומען די קינדער פון מיין גאַס און מיט זיי אָנגעהויבן אויסצושפּילן די סצענעס, וואָס איך האָב געזען אין טעאַטער, מיט יעדער פּינקטלעכער באַוועגונג און אַלעמען איינגעטיילט די ווערטער און די ראָלן. און שבת האָב איך געגעבן אַ פאָרשטעלונג פאַר מיין מאַמען און די אַנדערע קינדערס מאַמעס.

אויך מינדל האָט מיטגעשפּילט און מיין מאַמע האָט געקוואָלן פון מיין גוטן זכרון, אַזוי פּינקטלעך אימפּראָוויזירן, וואָס איך האָב געזען אויף דער אמתער בינע...

## מינדל צינדט זיך אָן

מינדל איז ביי אונדז געוואַקסן צוזאַמען מיט די אַנדערע קינדער. זי איז עלטער געוואָרן און פלעגט אַרויסהעלפן דער מאַמען. פון צייט צו צייט האָט זיך באַוויזן איר פאָטער דער שיכור. די מאַמע פלעגט אים געבן געלט און ער איז ווייטער פאַרפאַלן געוואָרן אין שענק.

עס איז געווען אַ ווינטער־פרימאָרגן. מיר קינדער זענען געלעגן אין די בעטן און מינדל איז געשלאָפן, ווי שטענדיק, אין קיך. זי פלעגט זיך נאָך אַלץ נאַס מאַכן. עס איז געווען ביי איר אַ כראָנישע זאַך און אַ דאָקטאָר האָט איר נישט געקאָנט העלפן.

## מלכה לי

די מאַמע איז אויפגעשטאַנען אינדערפֿרי און אַוועק קויפֿן מילך פֿאַר די קינדער. מינדל האָט זיך אַוועקגעשטעלט לעבן אויוון אָפּטרוקענען אירע נאַסע שלאָף־קליידער. אין אויוון האָט געברענט אַ פֿייערל. דאָס אייזערנע טירל האָט געלאַכט מיט רויטע ציינדלעך, אַזוי ווי אַ שדל און מינדל איז געשטאַנען מיט דער פּלייצע צום טירל און זיך געטרוקנט. פּלוצלינג האָב איך דערזען אַ פֿייער־דיקע שלאַנג. מינדל, איינגעוויקלט אין דער פֿייער־שלאַנג ראַנגלט זיך און קאָן זיך נישט אויספּלאָנטערן.

איך בין אַראָפּגעשפּרונגען פֿון בעט, אַריינגעלאָפֿן אין קיך.

מינדלס קליידער האָבן געפֿלאַקערט. פֿאַר שרעק בין איך צוגעלאָפֿן צום פּאַס וואַסער, וועלנדיק לעשן, אָבער דאָס וואַסער אין פּאַס איז געווען פֿאַרפֿרוירן... איך האָב מיט די הענט זי גענומען לעשן, האָט זיך מיין העמדל אויך אָנגעצונדן. דערווייל האָבן די קינדער געמאַכט אַ שרעקלעך געוואַלט און אַרויס אין גאַס און שכנים זענען אַריין און אויף מיר אַרויפֿגעוואָרפֿן אַ שאַל און אויך אויסגע־לאָשן מינדלען. די מאַמע איז אָנגעלאָפֿן מיט אַ געוואַלט. איך בין אָפּגעקומען מיט אָפּגעבריטע הענט, אָבער מינדלס הויט איז געווען אָנגעבלאָזן ווי אַ בלאָז־זאַק... אירע האָר פֿון קאָפּ אָפּגעסמאַליעט און איר גאַנצער גוף מיט שוואַרצע ווונדן...

עס איז גלייך געקומען אַ דאָקטאָר. מען האָט זי געראַטעוועט, אָבער ווער קאָן באַשרייבן דעם גרויסן צער פֿון אירע שרעקלעכע ליידן?

אויף קיין שום אבר האָט זי נישט געקאָנט ליגן. אַלע אברים מיט שרעק־לעכע ווונדן. דערצו, פֿלעגט זי זיך נאָך מאַכן נאַס. מיין מאַמע איז נישט אָפּגע־טראָטן פֿון איר, זי וואָלט איר אייגן לעבן אַוועקגעגעבן איר צו לינדערן די ווייטיקן...

אונדזער שטוב האָט זיך פֿאַרוואַנדלט אין אַ שפּיטאָל. עס האָט געשמעקט מיט קאַרבאָל. און מינדל איז געלעגן איינגעוויקלט אין וואַטע. מיין מאַמע האָט נישט געזשאַלעוועט קיין געלט. זי האָט גערופֿן דריי דאָקטוירים פֿון גרויסע שטעט פֿאַר אַ קאָנסיליום. האָבן זיי באַשלאָסן זי אַוועקצונעמען אין אַ שפּיטאָל זי צו היילן.

דער נאָענטסטער שפּיטאָל פֿון אונדזער שטעטל איז געווען „פּאָדהאַיעץ״.

עס איז געווען אַ ווייסער ווינטער־טאָג. דער שניי איז געלעגן ווייס און זויבער. אַ ליכטיקע וועלט. די זון האָט געלויכטן מיט שטראַליקייט. צו אונדזער הויז איז צוגעפֿאָרן אַ שליטן. דער שליטן איז געקומען פֿון שפּיטאָל, מיט אַ לע־דערנעם בויד, אויסגעבעט מיט אַן איבערבעט און מיט קישנס.

מען האָט אַרויסגעטראָגן אויף אַ טראָגבעטל מינדלען. איינגעוויקלט אין וואַרעמע דעקן. מיין מאַמע, אַ פּאַרווייִנטע, האָט זיך אַוועקגעזעצט לעבן איר. מיר קינדער האָבן זיך געזעגנט מיט איר און איר צוגעזאָגט: מיר וועלן זי

קיינמאָל נישט פאַרלאָזן. ווען זי וועט צוריק געזונט־ווערן וואַרט פאַר איר אונ־דזער היים, ווי פאַר אַן אייגענער שוועסטער.

פון אירע צוגעשלאָסענע אויגן האָבן זיך אַרויסגעקייקלט צוויי גרויסע טרערן, אַזוי ווי וואַסער־פּערל... און פאַרפרוירן געוואָרן אויף די באַנדאַזשן.

אַלע שכנים פון אונדזער גאַס, האָבן מיט די שירצן געווישט די רויטע נעזער און די ברוינע פערד האָבן מיט אַ הירזשען אַוועקגעפירט מינדלען אין שפּיטאָל. מיין מאַמע, אַ צעקלעמטע און צעווייטיקטע, איז מיטגעפאָרן...

## דער יאַריד

אין מיין שטאָט איז יעדע וואָך געווען אַ יאַריד.

גויים מיט אָנגעלאָדענע פורן, מיט גענדז און מיט קאַטשקעס; וועגענער מיט הינער־שטייגן און וועגענער מיט האָלץ; וועגענער מיט פולע קיילעכדיקע זעק מיט ווייץ און מיט קאָרן; וועגענער מיט זעק קאַרטאָפל און קי און קעלבעלעך, פערד און לאָשיקלעך; פאַרשידענע וועגענער מיט פויערשע האָרעוואַניע. ייִדן סוחרים קומען אויפן רינג־פּלאַץ באַטאַפּן די סחורה און דינגען זיך, וועגן די הענער אויף די הענט און דער יאַריד רוישט מיט מציאות. די פערד שטייען מיט הענגנדיקע זעקלעך האָבער אויף זייערע העלדזער, ווי זיי וואָלטן אויף זייער פערדישער שפּראַך אויך צוגעשטימט צום מסחר.

די קעלבער מעקען, די קו מועז, די הינער צאַפּלען זיך און טומלען פון יעדער פרעמדער האַנט, וואָס רירט זיך צו צו זיי און צעבלאָזן די פעדערן אין דער לופטן. דאָס גאַנצע שטעטל ציט זייער חיונה פונעם יאַריד. די זון באַקט די בלאָטעס און די פליגן באַזעצן זיך אויף די פאַרשוויצטע פערד און בהמות.

די פליגן זענען דאָס גרעסטע אָנשיקעניש. זיי באַפאַלן די פערד און בהמות און מאַכן זיי ווונדן. די פערד טרייבן זיי אָפּ מיט די ווידלען אָבער די פליגן טרינקען זייער בלוט און מאַכן זיך נישט ווּיסנדיק. ציגיינער, מיט לאַכעדיקע אויגן, לויפן אַרום און שפּירן אויס ווו מען קאָן מאַכן אַ גנבה... און פּלוצלינג ברעכט אויס אַ געוואַלט: מענטשן לויפן, מען ווייסט נישט וואָס עס איז געשען, נאָר מען שרייט און מען ליאַרעמט: אַ פערד איז אַנטלאָפן! אַ קו האָט מען צוגע־גנבעט! און אַזוי האַנדלט מען וואָך־איין און וואָך־אויס, ווייל עס איז אַ יאַריד...

מיין זיידע יאָסל שפּאַנט אַרום מיט דער שיינער באָרד און מיט די הענט אין די קעשענעס. די קאַפּאָטע שלעפּט זיך אים נאָך, אויף אַלץ האָט ער אַ וויץ...

די ייִדן פון יאַריד שטעלן זיך אַרום מיין זיידן. דער זיידע דערציילט ווי וועלט־זאַכן. דער זיידע איז טאַקע אויסגעווען אַ וועלט. אַ גרויסער קבצן און אַ תּלמיד־חכם. שטענדיק מאַכט ער חוזק פון דלות, וואָס לויפט אים נאָך און שלעפּט

זיך אים נאָך אויף אַלע וואַנדער־וועגן... צו־וואָס ער רירט זיך נאָר צו, פֿאַרלויפֿט אים דער שטן דעם וועג און לייגט אַרויף זיין לאַפּע...

און ווען די גרויסע שרפֿה האָט זיך צעפֿלאַקערט מיט רויטע פֿייערדיקע צינגער און פֿאַרצערט דאָס גאַנצע שטעטל, איז דער זיידע אין איין שיינעם טאָג מיט טלית און תפֿילין אַוועקגעפֿאָרן קיין אַמעריקע. די באָבע הודיע האָט גע־שמאַלצן ליכט און דער זיידע איז געפֿאָרן זוכן גליקן אין אַמעריקע.

אָבער זיין שווערער מזל איז אויך קיין אַמעריקע אים פֿאַרלאָפֿן דעם וועג. ער איז אָנגעקומען אין קעסל־גאַרדן מיט אַנדערע עמיגראַנטן און אַ ייִד האָט אים מיטגענומען צו זיינעם אַ קרוב אין אַ סוועט־שאַפּ, ערגעץ אין אַ קעלער־שטוב. עס איז געווען אַ לאַנגער „פּלעט" און די באַלעבאָסטע האָט פֿאַרדונגען אַ בעטל צו יעדן נייעם אימיגראַנט.

מיין זיידע איז גלייך קראַנק געוואָרן און די באַלעבאָסטע האָט זיך נישט געוואָלט עוסקן מיט אַ קראַנקן, פֿרעמדן ייִדן, וואָס וועט איר צונעמען אַן אויפֿ־שטעל־בעטל פֿאַר אַ קונה. האָט זי אָפּגערופֿן אַן אַמבולאַנס, מען זאָל אים צו־נעמען אין שפּיטאָל אַריין... און אַן אַנדערער „באָרדער" וועט פֿאַרנעמען זיין פּלאַץ...

דער זיידע, דער גרויסער וועלט־מענטש, האָט דערהערט קלינגען דעם אַמבולאַנס. אין הויף האָבן זיך באַוויזן צווײ ווייס־געקליידעטע מענער מיט אַ טראַג־ברעט. איז מיין זיידן אין פֿיבערדיקן קאָפּ אַריין אַ מחשבה, אַז די פֿרעמדע, בייזע ייִדענע שיקט אים אַוועק אין משוגעים־הויז... האָט ער זיך אַ שטעל־געטון אויף גיך, געכאַפּט זיין פֿאַרמעגן, דאָס תפֿילין־זעקל און דורך אַן אַנדער טיר געלאָפֿן גלייך צוריק צום קעסל־גאַרדן און אַ פֿיבערדיקער אַרויף אויף אַ שיף וואָס האָט אים צוריקגעפֿירט אַהין פֿון וואַנען ער איז געקומען...

און אַזוי איז ער צוריקגעקומען צו זיין ייִדענע, די באָבע הודיע...

די יאַריד־ייִדן פֿלעגן זיך האַלטן פֿאַר די זייטן. צי עס איז געווען פּונקט אַזוי, — נאָר דער זיידע האָט געמוזט נאָכאַמאָל און נאָכאַמאָל איבערדערציילן די אויסטערלישע מעשה — די נסיעה קיין אַמעריקע...

## דאָס שטעטעלע ערב מלחמה

ווי וואָלט איך דיך מאָלן מיין שטעטעלע ערב די גרויליקע טעג פֿון מלחמה? פֿון אַלע שטעטלעך האָסטו זיך אָפּגעזעצט ווי זאַמד, וואָס זעצט זיך אָפּ פֿון אַ קלאָרן גלאָז וואַסער... איך זע אַזוי קלאָר דיין יעדן ווינקל, דיין יעדעס גּעסל, מיט פֿאַרמאַכטע אויגן וואַנדער איך דורך דיינע אַלע וועגן און שטעגן...

איך בין אַזוי יונג געווען, ווען איך האָב דערפֿילט דעם סאַמעט פֿון דיין

גראָז, מיין שטעטל, דעם ציטער פון טוי, דעם שפּיגל פון זון. איך זע דיך פרייטיק פאַרטאָג, איינגעהילט אין נעפּלדיקן רויך, די לופט שמעקט מיט פלאָם־פלעצלעך... און שמעקעדיקע ריחות פון זאַפראַן און האָניק...

ווייבער שטייען ביי די מולטערס און קנעטן דאָס בייכיקע אייעריקע טייג, וואָס וועט אויפגיין אין געשמאַקע חלות און מיט קימל־באַשפּרענקלטע ברויטן...

איך טאַנץ אַראָפּ אַ באָרוועסע און שאַר זיך אַריין אין קיך. דער אויוון פלאַמט, די מאַמע שטייט און קנעט. אויף אַלע טישן ליגן שוין אויסגעלייגט בלעכן מיט פּוטער־קיכעלעך און ראָגאַלקעלעך ליגן, ווי שיינע ליאַלקעס רייען־וויז און וואַרטן. איך גיי אַרויס אַ באָרוועסע אין גאַס. מיין שטעטעלע דרימלט ווי אין אַ נעפּל. אַלע יידישע אויוונס רויכערן זיך לכבוד דעם ליבן שבת... אָט שלענגלט זיך אַ גרויער רויך. און דאָרט שלענגלט זיך אַ שוואַרצער שלאַנגען־רויך. אויפן הימל לעשן זיך אויס די שטערן. די פענצטער פאַרנעפּלט. דער שלאָף קריכט אַרויס דורך די קוימענס... און דאָ עפנט זיך אַ פענצטערל אין הימל און גאָט אַליין שיקט אַרויס די זון, זי זאָל אַ קוק טון וואָס עס טוט זיך אין די פאַרנעפּלטע שויבן...

און ווו די זון גיט אַ בליק — לאַכט אויף אַ פענצטער מיט אַ זוניק ליכט, די זון גיט אַ שטראַל אויף אין אַ וואַרעמען גוטמאָרגן און איילט זיך, ווייל עס איז פרייטיק און דאָס גרייט מען לכבוד שבת די אַלע געבעקסן.

די זון קומט אויך צו אונדזער שטוב. דאָ פאַרהאַלט זי זיך, ווייל איך בין דאָ... איך רעד צו איר און נעם זי אַרום מיט מיינע קינדערשע אויגן, איך קוש איר פּנים און זי וויקלט מיך אין גאָלדענע רייפן. עס איז שוין העלער טאָג.

די זון לויפט צום טייך זיך באָדן, לויף איך איר נאָך, טונק איך איין אין טייך מיינע ווייסע פיס, איך וויל זיין מיט דער זון צוזאַמען. זי איז מיין היטערין, קיינער האָט נישט אַזאַ ליכטיק פּנים ווי זי. אירע ליכטיקע אויגן זעען אַלץ... גאָט שיקט זי אַרויס זי זאָל ביינאַכט אים דערציילן, וואָס זי האָט געזען אין מיין שטעטעלע, אין אַלע שויבן... זי האָט געזען אויך פינצטערע שויבן און בלינדע אויוונס, ווו עס איז נישטאָ קיין מעל צום באַקן...

נאָר אַ יידישער טיש וועט נישט פאַרשעמט זיין אָן חלה. עס וועט שוין עמעצער קומען מיט שטילע טריט, אויפן אָרעמען טיש וועט שטראַלן אַ שבת־חלה...

די מאַמע באַקט און קאָכט אַ גאַנצן טאָג און גרייט צו די מאכלים פאַרן ליבן שבת. אין אַלע ווינקעלעך שמעקט מיט ריינקייט און זויבערקייט. קיין פאָלק גרייט זיך נישט צו באַגעגענען דעם טאָג פון רו מיט התפעלות. יידן איילן זיך שנעל צו פאַרמאַכן די קראָמען. דער טאַטע לויפט אין באָד אַריין און קומט אַהיים און טוט זיך אָן די שבתדיקע זשופּעצע, מיטן פּליושענעם שבתדיקן קאַפּעליוש און גייט אין שול אַריין דאַווענען.

יידן איילן מיט סויבעלנע שטריימלעך. דער טאָג האַלט אין דעם אָטעם.
די גאַסן שטילן זיך איין. דער ליבער שבת קומט אָן...

מיט שטילע, שטילע טריט לאָזט זיך אַראָפּ דער הייליקער שבת־קודש
איבער די וואָכנדיקע טעג און היילקט די שטיבער אין שבת־רו...

אין שטוב — אַ ווייסער בלענדנדיקער טישטוך, זילבערנע און מעשענע
לייכטער, קינדערלעך אויסגעצוואָגן מיט פאַרפּלאָכטענע צעפּלעך, אָנגעטון אין
ריינע מלבושים, אין שבתדיקע שיכלעך. די מאַמע שטייט ביים טיש אַ לויטערע
און ליכטיקע, דעקט צו איר קאָפּ מיט אַ ווייסן טוך און ציט אויס די מאַמע־הענט
צו די אָנגעצונדענע ליכט דריי מאָל און בענשט מיט אַ הייליקן ציטער אין איר
שטים. זי הייבט אויף די שוואַרצע יידישע אויגן צו גאָט און דאַנקט אים פאַר
דער רו, וואָס ליגט איצט אויף דער שטוב און אויף איר הויז־געזינט...



די באָבע רויזע

# צווייטער טייל

# 1914

**שבת פרי. אין מיין קורצן** העמדל שטיי איך ביים פענצטער. פאַר מיינע אויגן שוועבן שטריימלעך, ייִדן אין ווייסע טליתים, איינגעהילט ווי מתים, אויפן קאָפּ אַ בערגל, אַרום און אַרום אַ קראַנץ, ווי פון ברוינע קאַשטאַנען בלעטער־שטריימלעך.

ייִדן איילן אין שול.

אויף די גאַסן כוואַליען זיך קינדערלעך, אַ געמיש פון קלינגענדיקע שטי־מעלעך, פון אייגן אין אויגן שפיגלט זיך דער סוד: מלחמה! מלחמה!

מיט די פיילן פון דער זון בליצן אויף מיין מאַמעס טריט איבער די גרויע שטויביקע גאַסן. אין איר זילבערנעם קלייד שלעפּט זי שטיקער זון פון שול. זון טונקט זיך פון אירע נאַכטיקע אויגן, מיט קינדערשן גליק לויף איך אַקעגן מיין מאַמען זאָגן „גוט־שבת" און די קינדערלעך, טאַנצנדיקע, פּלעשטשנדיקע מיט די הענט זינגען זיי אויס דאָס נייע אומבאַקאַנטע: מאַמע! עס וועט זיין מלחמה, עס וועט זיין מלחמה!

די מאַמע פּלאָנטערט זיך אין אַ קנויל פון טרויער. דער טיש וואַרט מיט אַ ווייסן טישטוך געדעקט; שבתדיקע לייכטער שטייפן קופּערנע זונען איבער די פאַרוווּנדערטע פּנימער. דער טאַטע אין אַ זיידענער קאַפּאָטע מאַכט קידוש. לעבן ווייסע חלה שאַרפט זיך אַרויס דאָס מעסער מיט אַ שחיטה־גלאַנץ...

דער טאַטע באַהאַלט עס אונטערן טישטוך... דער טיש שטומט, מיין טאַטנס פויסטן איבערן פּנים, ווי פּלאַנעטן... דורך פויסטן זופּט זיך דורך אַ ניגון, די לופּט צערייסט זיך, וועגט פאַלן אום, וועלט טרינקט זיך, דורות קומען אום, אַנטקעגן מיין טאַטעס האַלב־פאַרמאַכטע אויגן בלישטשעט דאָס מעסער מיט שחיטה־גלאַנץ אַפיר...

אין דרויסן שטייען ייִדן רעדלעך. פאַרשייטע הענט רעדן. קעפּ באַהאַלטן זיך טיפער אין די אַקסלען. איבער דער לופט פאַרציט זיך אַ ווייסע הויט. ווייסע

פלאַקאַטן, אַן אויפרוף צו די אונטערטאַנען; מענטשן זאָגן: דער קיסר האָט עס אַליין מיט זיינע הענט אָנגעשריבן. איך הייב זיך אויף די שפּיצפינגער זען דעם קייסערס שריפט...

אָונט־שרעק. אַ שוואַרצע, ריזיקע משוגענע פרוי איז געלאָפן אויף די טעלעפאָן־סלופּעס פון שטאָט, מיט האָר פאַרדרייטע דראָטן, געשריַען אין דער נאַכט. שוואַרצע אויטאָמאָבילן טראָגן זיך ווי מאָנסטערס איבער די גאַסן, ציטערדיקע שטימען מורמלען אומפאַרשטענדלעכע ווערטער, עס גליט אַ מורא, ווי אַ ברענענדיקע קויל און ערגעץ ווי אין אַ חלום דערטראָגט זיך דאָס בילן פון קוילן...

מענטשן אַנטלאָפענע פון שטעט קומען צו אונדז דערשראָקענע, אַ גרויל שפּרייט זיך אויף אַלעמענס פּנימער, ווי אַ געלער טומאַן...

מאַמע, מאַמע! עס איז אַזוי אומעטיק, איך האָב מורא...

שפּעט ביינאַכט. פון יאָרן געזאַמלטע, פון דורות געקליבענע פאַרמעגנס, קייקלען זיך אין בערגלעך אין די קעלערס אַריין. הייזעריקע שטימען בעטן, שרייען: — נעמט צו נאָך אַ פּאַק! נאָך אַ פּאַק! און דער קעלער, ווי אַ גרויס צעפּראַלט מויל, שלינגט איין פאַרמעגנס מיט טרערן אין פינצטערניש... אין פינצטערניש.

איך וויל נישט אויסטאָן מיין שבתדיק קלײדל, מען וועט עס נאָך איז קעלער באַהאַלטן און מיט מיין ווייסן קליידל בלייכט זיך דער טאָג, דער ווייסער טאָג...

קאַלט. דער שטויב טראָגט זיך אין האָרדעס און פלאָנטערט זיך מיט די מענטשן פאַר די פיס. אַלע מענטשן ווילן ערגעץ לויפן, אַנטלויפן. אַ מורא און פרייד מישט זיך אין מיין האַרצן. דאָס ערשטע מאָל וועל איך זיין אין אַ פרעמדער גרויסער שטאָט צוזאַמען מיט דער משפּחה. אין אַ פּאָר טעג נאָך דער מלחמה וועלן מיר צוריקקומען. מיינע חברטעס וועלן מיך מקנא זיין.

דורך גאַסן רייסן זיך קולות: מאָביליזאַציע! מאָביליזאַציע! מיר דאַכט זיך, דאָס איז די נייע שטאָט — וווהין מיר פאָרן...

די שטאָט אין אַ טייך געוויין. מאַמעס מיט פאַרבראָכענע הענט יאָגן אויפן בית־עולם, טויטע זאָלן אויפשטיין פון די קברים. געשרייען, געבעט, אויסגעשטרעקטע הענט פלאָנטערן זיך מיט שטויב און ווינט פאַר די פיס. אַנטלויפן! אַנטלויפן! אַלץ האָבן מיר אין קעלער באַהאַלטן. ווייסע בערג מיט קליידער האָבן זיך געוואַלגערט. פּעק פאַרבונדענע ליגן אויף דער ערד. איך האָב מיין מאַמעס זיידענע קליידער אָנגעטאָן. מיט מיינע צען יאָר זיך פאַרמאָסטן מיט דער מאַמען... זיידענע מלבושים וואָס מיידלשע הענט און אַלטע באָבעס האָבן גענייט, קייקלען

זיך אַרונטער אין קעלער. מיין מאַמע האָט זיי באַוויינט, ווי זיך געזעגנט מיט זיי אויף אייביק.

וויינענדיקע זענען מיר געגאַנגען צום באַן...

## דער שוואַרצער צוג

אויף אָפענע פראַכט־וואַגאָנען שטיקן זיך מענטשן־לייבער. פון דער אָפּגע־צאַמטער זייט — פערד, ברוינע ריטשענדיקע פערד, מיט צעשויבערטע גריוועס, ווי אַלעמענס האָר. ווען עס צעטראָגט זיך דער פייף פון לאָקאָמאָטיוו גיסט זיך שרעק פון אויגן אין אויגן, קראַמפּנדיקע הענט קלאַמערן זיך אין אייזערנע שטאַנגען. מיטן געקלאַפּ פון רעדער קייקלען זיך טרערן, קייקלען זיך לעבן שטאָלענע שינעס.

מאַמע, מאַמע, מיר טוט אַזוי באַנג, אַזוי באַנג...

ביז ניזשניעוו צום דניעסטער האָט אונדז דער צוג געבראַכט, ווייטער האָבן מיר נישט געקאָנט פאָרן. מען באַפעלט אונדז אַרונטערגיין. מיר זענען פרעמדע דאָ. אויפן פעלד סודען זיך קוקורוזעס. דאָרט ציט זיך דער וואַלד און דורכן וואַלד ציט זיך דער דניעסטער ווי אַ גייענדיקע אַרמיי מיט בלישטשענדיקע שווערדן...

מיר קינדערלעך טוליען זיך צו דער מאַמען, ווי בלעטער צו אַ בוים. עס איז נאַכט און קאַלט. גאָרנישט מיטגענומען... אַלץ אין קעלער. דער טאַטע איז געגאַנגען זוכן אַ פור. מיר וואַרטן. רגעס לויפן ווי אייביקייטן. דער וואַלד פון ווייטנס שרעקט. ביימער אין אַ סקעלעטן־טאַנץ. דער טאַטע נאָך נישטאָ. קינ־דערלעך שלאָפן איין אויף קאַלטן טוי. מיין מאַמעס אויגן, מיט נאַכט פאַרצויגן, בלאָנדזשען ערגעץ אין דער פינצטערניש אַרום... דער טאַטע נישטאָ. קוקורוזעס סודן זיך, שווערדן טאַנצן אום אין דניעסטער...

מיט אונדזער צער האָבן מיר איפּגעוועקט דעם טאָג. מחנות פייגל האָבן זיך געצויגן מיט פליגל־געזאַנג אויפן הימל, די פעלדער פאַרזייט מיט זייערע שפּרינגנדיקע פיסלעך און הונגעריקע שנאָבלען... מיר זענען הונגעריק געווען, הילפלאָזער פון די שוואַרצע געלע פייגל. מיר דערוויסן זיך: מען האָט צוגענו־מען דעם טאַטן מיטן געשפּאַן צו די סאָלדאַטן די פור וואָס ער האָט פאַר אונדז געדונגען. די קינדערלעך וויינען, מיין האַרץ קלאַפּט אַזוי. נעכטן — נעכטן, אַזוי־פיל פרייד — און היינט דער טאַטע, דער טאַטע...

נאָך דעם וואַנדערן מיר פון דאָרף צו דאָרף. פורן לויפן, ראָלן, מיר בעטן: אַ שטיקעלע פלאַץ, כאָטש אַ ברעקעלע, פאַרן קליינטשיקן ברודערל. מיין מאַ־מעס הענט זענען געשוואָלן פון טראָגן דאָס קינד. די איבעריקע קינדערלעך

שפּאַנען מיט פּיסעלעך — האָרביזקלעך, מיט אַרונטערגעלאָזטע קעפּעלעך און שוויגן פאַר ווייטיק...

וואָלט כאָטש דער טאַטע מיט אונדז געווען!

אין דריי טעג שפּעטער האָבן זעלנער זיך דערבאַרימט, אונדז האַלב־טויטע, פאַרחלשטע אַרויפגענומען אויף זייערע וועגן, אונדז געבראַכט אין אַ ווייטן שטעטל, צו מיין זיידן און באָבען...

מאָנטיק, דינסטיק, מיטוואָך, דאָנערשטיק, פרייטיק — אַ לאַנגע שלעפּנדיקע קייט... פרייטיק צו נאַכטס — אין שטוב געלע, אויסגעשייערטע פּאָדלאָגעס, פליונדיקע פאַרהענגלעך אויף שוואַרצע פענצטער, ווינט טאַנצט פאַרן שבת, דורך ווייסע פאַרהענגלעך קומט דער שבת... שפּרייט זיך אויס אויף ווייסן טישטוך, ווייסע חלות ליגן גרייט... און מיין באָבעס איינציקער זון — מיין טאַטע — איז נאָך נישטאָ. טרויער שפּרייט זיך איבער דער שטוב. איך, ווי אַ שטומער שאָטן.

גאָט, גאָט, פאַרנעם מיין געבעט! איך זע מיין באָבען, אָן איינגעבויגענע. אַכט גרויסע ליכט צינדן זיך צו גאָט; זעכצן ליכט טאַנצן און שפּיגלען זיך פאַר מיינע אויגן; ווערטער גליטשן זיך ווי רעגנבויגנס, ציען זיך צו גאָט; איינגעקאָרטשעטע הענט פאַלדן זיך, קראַמפּן זיך צו גאָט: אַ הויך דערשטיקט געוויין וואָרגט זיך איבער דער שטוב: גאָט, דערבאַרעם זיך! מיין באָבע אַזאַ הייליקע, אותיות טאַנצן אין מיין חדר, רייסן זיך מיט קינדערשן געבעט, פאַר מיין טאַטן... מיין באָבעס פויסטן קלאַפּן אין טיש, דער טיש ווערט אָן אויסגעקרימטער געוויין... און פאַרקייכט זיך.

פּלוצלונג איז אין שפּיגל אויסגעוואַקסן פון דער שוואַרצקייט — מיין טאַטע. מאַמע! מאַמע! זע, זעכצן ליכט האָבן געבאָרן מיין טאַטן! איך לויף אים אַנטקעגן, ריר אָן די טריט פון מיין טאַטן. טאָקע דער אמתער טאַטע. דער הייליקער שבת האָט אים אונדז צוריקגעבראַכט. איך שווער ביי זיך, איך וועל זיין פרום ווי מיין באָבע, אַ גאַנצע נאַכט האָב איך קריאת־שמע געלייענט און גאָט געדאַנקט...

## דער אָנקום פון די רוסן

גאָסן, גאַסן, בלויע היטעלעך פון פוילישע סאָלדאַטן לויפן און אַנטלויפן... פון ווייטנס ציטערט די לופט, ערגעץ ווי אין אַ וויסטער הייל ברומט אַ וואָלף... הו... הו... איבער דער שטאָט. באַלד וועלן די רוסן אַהער אויך קומען. לויפן, וווהין?

מיר באַהאַלטן זיך ביי דער מומע, וואָס וווינט אונטערן שטאָט. מיר, קינדערלעך, זענען אַרויף אויפן בוידעם, דורך די שמאָלע פענצטערלעך געקוקט ווי די רוסן קומען אָן. פון דער הויך האָבן זיי אויסגעזען מיט די רוקזעק אויף די

פּלייצעס ווי האָרדעס אָנגעלאָדענע יאַגד־הינט לאָזן זיך אַרונטער מיט געבריל פון די בערג, גלייך צו אונדזער פענצטער. מען זאָגט: זיי קוילען קינדער און טראָגן זיי אויף די שפּיזן. פאַר שרעק האָבן מיינע פיס אויסגעגראָבן אַ לאָך אין בוידעם־שטוב, אַ הויפן זאַמד האָט זיך אַ שאָט געטון פון דער סטעליע איבער מיין מומען. ווען מיר זענען אַרונטער פון בוידעם איז זי נאָך אַלץ געשטאַנען פאַרגליווערט ווי אַ טאָלפּן זאַלץ. געמיינט — אָט קומען זיי אַרונטער פון בוי־דעם...

ווען די רוסן זענען אַריין קיין טאָלמעדזש האָט די געמיינדע אויפגעהאנגען זייער פאָן, זיי באַגריסט מיט פּאַראַד, ווי צו אַ פּראָצעסיע. די שוואַרם־ליניע האָט מען פאַרזיגלט אונטערן שטאָט, די באַפעלקערונג האָט געמוזט לויפן, זיך ראַ־טעווען פון די קוילן. מיר האָבן זיך אָנגעלאָדן מיט שפּייז ווי קעמלען אין אַ וויסטעניש און ווייטער געוואַנדערט. מיר זענען געלאָפן. הינטער אונדזערע פּליי־צעס זענען קוילן אונדז נאָכגעלאָפן. רויטע ברענענדיקע צינגער האָבן פאַרגלי־ווערט די לופט. די ערד האָט געבריט די באָרוועסע פיס, געשטאָכן מיט שפּיזל־דיקע נאָדלען, כאָטש מיר האָבן געוווסט: ווייטער וועלן מיר נישט האָבן וואָס צו עסן, האָט מען מידע און צעבראָכענע צוגעוואָרפן דער זון דעם לעצטן ביסן, זי זאָל זיך אָנעסן מיט אונדזער ברויט און אָנטרינקען מיט אונדזער שווייס. שפּעט אין דער נאַכט זענען מיר אין דאָרף אָנגעקומען. די שיסעריי איז ערגעץ אין דער נאַכט פאַרלוירן געגאַנגען.

אין פינצטערניש איז געשטאַנען אַ פאַרלאָזטער שלאָס. מיר זענען צוגע־גאַנגען אַהין. אומעטום איז געווען פאַרשלאָסן. ליידיקע שויבן האָבן בלינד אונ־דזער שיקזאַל באַדויערט. שרעקנדיקע ביימער האָבן אונדז באַוואַכט ווי טויטע סקעלעטן... פון שטאַל האָבן מיר שטרוי אַרויסגענומען. טויט־מידע זענען מיר אין שטעכיקן שטרוי אַנידערגעפאַלן... אין אַ שווערן שלאָף...

פאַרטאָג האָבן מיך הענער אויפגעוועקט. איך האָב זיך אויסגעצויגן מיט דער בלויקייט פון הימל. פאַר מיינע אויגן האָט אַ חלום זיך געוועקט. בלומען האָבן זיך געשלענגלט אויף סטעזשקעס, ווי ליאַלקעס אין פאַנטאַסטישע קליידער, אַרום און אַרום איז אַלץ נאָך געשלאָפן. איך האָב פאַרמאַכט די אויגן, מיין פרייד האָט זיך צעזונגען, די וועלט האָט מיר פריידיק נאָכגעקרימט... סטעזשקעס מיט בלומען, מיניענדיקע בלומען, אַזאַ בלומענדיקע פרייד. מען האָט דאָס אַלץ אי־בערגעלאָזט, קיינמאָל וואָלט איך זיכער נישט געזען אַזויפיל סטעזשקעס מיט בלומען...

אָבער דאָרט, דאָרט, מענטשעלעך, קינדערלעך, שטרוי, אַלעס וויקלט זיך אין שטרוי. ווי אַמאָל, אַמאָל, אין היימישן בעט פון פעדערן... עס איז געווען אַזוי גוט אַמאָל. אַזוי בין איך ווי אַ שמעטערלינג אומגעלאָפן דעם גאַנצן טאָג,

געקושט מיט טרערן די איבערגעלאָזטע בלומען. זיי וועלן וויאַנען, וויאַנען. קיי־נער וועט מער זיי נישט גלעטן, זיי וועלן זיך אפשר אָנציינדן אונטער דער זון. איך האָב באַוויינט זייער אונטערגאַנג...

## צוריק צום זיידנס שטיבל

ידיעות האָבן זיך דערטראָגן פון שטאָט, אַז מען מעג זיך שוין צוריק אומ־קערן. די רוסן האָבן זיגרייך אין אַ ווייטערער ריכטונג זיך פאַרנומען.

די שווארם־ליניע און דער קאַמף זענען פאַריבער. דורך טרוקענע שטויביקע שטראָזן און פאַרוויאַנעטע פעלדער זענען מיר צוריקגעקומען אַהיים. שרעק האָט זיך געשטעמפּלט אויף פּנימער. אויף די גאַסן זענען מיידלעך נישט געווען. אויך יונגע מענער האָבן זיך באַהאַלטן אין די קעלערס, מען זאָל זיי נישט נעמען צום מיליטער.

שבת איז ווידער געקומען. דורך אַ שפּאַרע פון פּלויט האָב איך אַרויסגע־קוקט. פּאָר מיינע אויגן זענען געלאָפן, אַזוי ווי אין אַ צירקוס, פערדלעך, וועגע־נער, קאַנאָנען און מאַשין־געווער, אויוונס. און פּנימער, פאַרעקשנטע פּנימער מיט גרויע דאַשיקעס, לוסטיקע לידער האָבן געהילכט אַלץ ווייטער און ווייטער, טריומפירנדיק, מאַרשירנדיק. מיין זיידע האָט זיך צוגעלייגט שבת נאָכן עסן.

פלוצלינג דערזע איך מיין זיידן אַ האַלב־נאַקעטן, בלייך ווי אַ שניי־מענטש, מיט אַ שרייִקן קול, רייסנדיק מיט די הענט אין דער לופטן: מען יאָגט זיך נאָך מיין טאָכטער! געוואַלט!

דורך די שפּאַלטן צעוואַרף איך דעם פּלויט. איין שפּרונג, איך בין אין ווילדן קאַראַהאַד, אויסגעמישט מיט קאַנאָנען און פערד, סאָלדאַטן־געלעכטער און מענטשן־געוויין. מיין ליכטיקע מאַמע לויפט ווי אַ שוואַרצער פלעק און עמעץ אויף אַ פערד יאָגט זיך נאָך איר.

ווי אַ טיגערן בין איך צוגעשפּרונגען צום פערד, מיט מיינע ווייסע קליינע הענטלעך זיך איינגעגראָבן אין די צוימען פון פערד, מיט אַ בלוטיקן געשריי געבעטן: נישט יאָג זיך נאָך מיין מאַמען! איך האָב נאָר איין מאַמען. גייענדיקע אָפיצירן האָבן דאָס קינדערשע געבעט, ווי פון אַ טרינקענדיקן אויף אַ שיף אויפגעכאַפּט, די צונג פון פערד איז פאַרגליווערט געוואָרן אויף מיינע פינגער, פאַר מיינע אויגן האָבן בייטשן געקריצט אויף די פלייצעס פון די זעלנער, בייטשן האָבן אויסגעוואָיעט מיין שרעק. דאָס פערד האָט זיך אויסגעריסן פון מיר און אַנטלאָפן...

שפּעטער האָט דער זיידע מיט דער צעשראָקענער מאַמען מיך אויף די הענט אַהיימגעטראָגן. אַ שוואַרצע טויטע האַנט האָט געשטיקט מיין האַלדז. איך

האָב נישט געקאָנט רעדן. אין מיין האַרץ האָט געבריט דער בלוטיקער געשריי. אין קאָפּ האָט געהאַמערט, די לופט האָט נאָך געשריִען, — נישט נעם מיין מאַמען! איך האָב נאָר איין מאַמען!

## צוריק אַהיים אין אונדזער שטאָט

פון אונדזער שטאָט האָבן מיר לאַנגע וואָכן נישט געהערט. מיר האָבן די לעצטע גראָשנס אויסגעגעבן, מיר זענען געוואָרן אַזוי אָרעם, אַפילו העמדער נישט געהאַט איבערצובייטן, ווייל אַלץ האָבן מיר אין קעלער באַהאַלטן. דורך די נעכט פלעגן טאַטע־מאַמע זיך איבעררעדן: זיי וועלן אונדז איבערלאָזן און פּרוּוון צוריקגיין צופוס אין אונדזער שטאָט. אין אַ קאַלטן פרימאָרגן האָבן מיר זיך אויפגעכאַפּט, זענען טאַטע־מאַמעס בעטן ליידיק געווען. אַ פרעמדע צעקאָרטשע־טע אַלטיטשקע האָט זיך אַרומגעדרייט לעבן אונדז. ווען די קינדער האָבן זיך צעוויינט נאָך דער מאַמען האָט זי אונדז באַרויִקט, זי וועט אויף אונדז אַכטונג געבן ביז די מאַמע וועט צוריקקומען...

טעג פלעגן זיך ציִען, גליווערן ווי אייז־בערג אויף אונדזערע געמיטער. די אַלטיטשקע פלעגט שטענדיק שלאָפן אין אַ ווינקל, ווי אַ בינטל שמאַטעס, פאַרגעסנדיק אין אונדז. מיר האָבן קיין שטיקל ברויט נישט געהאַט און גאָר־נישט געוווּנטשן, נאָר ברויט, ברויט... און ווען די באָבע רויזע פלעגט אַריינ־טראָגן אַ ברויט, פלעג איך באַהאַלטן דאָס מעסער, די קינדער זאָלן נישט קאָנען אָפּשניידן, עס זאָל בלייבן פאַר מאָרגן... מיר פלעגן עסן אַ סך פרוכט וואָס די קינדער פלעגן צוזאַמענקלייבן אין זיידנס סאַד. אָפט פלעגן מיר זיך קאָרטשען דורך די נעכט. עס פלעגט זיך דאַכטן — עפּל צעוואַקסן זיך, אין שפּיציקע שניי־דנדיקע חיהלעך, קנייפּן, קנייפּן. אַזעלכע מגושמדיקע טעג האָבן זיך געשלעפּט, ביז איינמאָל איז אַ גוי געקומען מיט אַ פור, אונדז אהיימצונעמען, וואָס טאַטע־מאַמע האָבן פאַר אונדז געדונגען...

מיר פאָרן. דער דניעסטער־בריק ליגט האַלב־צעשפּליטערט, האַלב פאַר־לאַטעט און דאָס וואַסער פלאַפּלט אויס אונדזער פרייד צו זען אונדזער היים.

אַ קילע נאַכט. לעמפּעלעך, שטערנדלעך פינקלען. קלאַפּט אַזוי מיין האַרץ. מיין קליין ברודערל וויינט, עס איז אים קאַלט. מיט מיינע דערפרוירענע הענט־לעך טוליע איך אים איין. מיר איז אַזוי גוט, איך וועל זען באַלד מיין היים, מיין מאַמען...

די פור שאָקלט זיך איבער בערגלעך, וויגט זיך, וויגט איין מיינע קליינע קינדערלעך... שטערנדלעך רייסן זיך פון הימל און פאַלן ערגעץ אַרונטער. פליִען שטערנדלעך, בלישטשענדיקע אייגעלעך, דער גוי צלמט זיך — מיינע קינדער־

לעך וויגן זיך, מיינע אויגן בלאַנדזשען ערגעץ אין דער ווייטער נאַכט, רויטע פלעקן מיט רויך רייסן זיך צום הימל. אין רויטקייט קנאַקט אַ פייער, חורבות קנאַקן זיך אויס זייערע ביינער, עפּעס קריצט און פאַלט. וויינט נישט קינדערלעך! איך בין דאָך מיט אייך. גאָט וועט אונדז אָפּהיטן. די שטערן זענען גאָטס־אויגן... און אויפן וועג האָבן מיר געחלומט: מיר וועלן אַהיימקומען, מיר וועלן זיך אַריינלייגן אין ווייסע בעטעלעך, מיר וועלן האָבן אַ סך ברויט צום עסן, מיר וועלן אַלץ פון קעלער אַרויסנעמען, קיינמאָל וועל איך שוין נישט זאָגן מיין מאַמען, זי זאָל באַקן אַ סך לעקעך און גאָרנישט קיין ברויט... מיר וועלן באַקן אַ סך ברויט...

פאַר פרייד האָבן מיר זיך אַרומגענומען מיט די הענט, זיך אַרומגעגאַרטלט ווי אַ סנאָפּ. דאַרע, אויסגעצערטע הענטלעך האָבן זיך געקושט. אַזוי זענען מיר אַריינגעפאָרן אין אונדזער ווסטער שטאָט...

מיין מאַמע האָט געוואַרט אויף אונדז. איך האָב זי נישט דערקאָנט. אירע באַקן איינגעזונקען ווי איינגעפאַלענע חלה... מיין מאַמע איז געווען, ווי די נשמה פון דער שטאָט, דער שטעמפּל פון חושך איז געווען פאַרזיגלט אויף מיין מאַמען...

רויכעלעך מיט שטיקער פייער אויסגעמישט און אינמיטן מיר — קיין ווייסע בעטעלעך האָבן פאַר אונדז נישט געוואַרט. דער גוי אַפילו האָט אונדז נישט געלאָזט איבערנעכטיקן ביי אים אין הויז. אין דרויסן אויף קופּקעלעך בערג פון אַש, פון פאַרמעגנס צעשאָטענע, האָבן מיר גענעכטיקט, איינגעטוליעט ווי שוואַרצע שטיינער אין אַ גרוב. מיר האָבן געחלומט און געהאָפט. אַלץ איז צעשטערט און אָפּגעווישט; נישטאָ מער וואָס צו האָפן. אָט ליגן מיר אויף אונדזערע האָפענונגען, גאָט! איך בין דאָך פרום ווי מיין באָבע, פאַרוואָס האָסטו זיך אָפּגעקערט פון אונדז? מיר זענען אין דער קאַלטער נאַכט אַנטשלאָפן געוואָרן. זיילן רויכעלעך, קנוילן־פייער האָבן געטאַנצט אַרום אונדז, אַרום אונדזערע האָפענונגען...

אונדזער שטאָט האָט זיך פאַרוואַנדלט אין אַ פייער־שפּייענדיקן רויטן קעסל. פון די הייזער זענען פאַרבליבן גרויע רויכיקע ווענט מיט אויסגעשטרעקטע קוימען־העלדזער...

מיר קינדערלעך זענען צוגעלאָפן צו אונדזער הויז. אַלץ האָט זיך נאָך געסמאַליעט. די שטולן, בעטן האָבן זיך נאָך צום לעבן געריסן, מיט פאַררויכערטע זשאַרנדיקע פייער־אויגן... אָט אויף דעם אָרט, איז מיין בעט געשטאַנען, אַצינד — אַ פּאָר גרויע צוזאַמענגעפלאָכטענע שטיקער אייזן.

און דאָס אַלץ האָט מיין אַלטער זיידע יאָסל אָפּגעהיט...

ווען די רוסן זענען אַריין אין אונדזער שטאָט האָט מיין איבערגעבליבענער זיידע נישט געוואָלט אָפּטרעטן פון הויז. די רוסן האָבן זיך איינגעקוואַטירט מיט זייערע פערד אין אַלע צימערן. מיין זיידע האָט זיך ביי זיי געבעטן, אַז ער וועט טון פאַר זיי אַלץ, נאָר זיי זאָלן דאָס הויז נישט אונטערצינדן. און מיין אַלטער

שטאָלצער זיידע יאָסל מיט דער שײַנער באָרד, האָט געטראָגן קאַנען וואַסער פֿאַר זיי, אַלעמען געפּוצט די שטיוול, אָבער ווען זיי האָבן געמוזט פֿאַרלאָזן די שטאָט און ווײַטער מאַרשירן האָבן זיי אים אַרײַנגערופֿן און פֿאַר גרויס דאַנק־באַרקייט אים צוגעבונדן צו דער טיר און אונטערגעצונדן דאָס הויז אין פֿלאַמען.

אַ מחנה שיקסעס האָבן זיך אַ לאָז געטון צום קעלער, ווי הונגעריקע וואָ־ראָנעס געכאַפּט די באַהאַלטענע פּאַרמעגנס. אַלע האָבן פֿאַרלאָזט מײַן זיידן מיט אַ שפּיי אין פּנים אָדער אַ ריס אין זײַן באָרד, וואָס האָט זיך געסמאַליעט פֿון די ווענט מיט פֿלאַמען. אין רויטע פֿלאַמענדיקע שפּיגלען האָבן געבראַזגעט די שויבן. אײַנגעהילט אין גרויען רויך האָט דער זיידע ווי דורך אַ הייל געיאָמערט: לאָזט מיך נישט צוזען! נישט צוזען! די קליידער האָבן זיך שוין געריכערט, האָט עמעצער אַ וואָרף־געטון אַ פּעל, אָפּגעלאָשן און אײַנגעדושעט די פֿלאַמען...

אין דרויסן האָט געברענט די שטאָט. אַ פּאָר פֿאַרבליבענע מיידלעך האָבן זיך אַראָפּגעוואָרפֿן פֿון די גאַניקעס. זעלנער האָבן זיי, האַלב־טויטע, געלאָזט אויף הפקר... מײַן זיידע, מיט הענט געהויבענע, האָט געקלאָגט אויפֿן חורבן.

נאָך ניין ייִדן זענען פֿאַרבליבן אין שטאָט און נישט געוואָלט אַוועק. זיי האָבן זיך נישט געקאָנט אָפּרײַסן פֿון דור־דורות אײַנגעזעסענע ערטער און פֿאַרבליבן אין פֿאַרשידענע טיילן פֿון שטאָט. האָבן די רוסן זיי אַלעמען צוזאַמענגעקליבן, געבונדן זייערע הענט, זאָגנדיק, אַז זיי זענען שפּיאָנען און זיי אַוועקגעפֿירט אויפֿן פֿעלד שיסן. מען האָט זיי אויסגעשטעלט, געהייסן זאָגן ווידוי. דאָס ייִדישע גע־וויין האָט זיך געטראָגן איבער ווײַטע פֿעלדער, דער פֿאַרצווייפֿלטער געשריי פֿאַרן טויט. זיי האָבן זיך אײַנער מיטן אַנדערן שוין געזעגנט, יעדערער פֿון זיי האָט געוווּנטשן צום ערשטן דערשאָסן צו ווערן, נישט צוזען דעם צווייטנס טויט...

אַ גענעראַל איז דורכגעפֿאָרן, די ווידוי פֿאַרן טויט האָט זײַנע אויערן גע־לעכערט. ער האָט געוואָלט וויסן פֿאַר וועלכע שטראָף מען דערשיסט זיי, די ייִדן. ווי פֿאַר משיחן, זענען געפֿאַלן צו דער ערד און ער האָט זיי באַפֿרייט.

אַזוי האָט מײַן אַלטער זיידע אָפּגעהיט אונדזער פּאַרמעגן. פֿאַרוואַנדלט אין אַש...

## דער פֿאַרהאַנג פֿון ווײַסע לײַבער

מיר האָבן געדונגען אַ וווינונג. מײַן קלענער ברודער איז געווען דער גאַנצער פּאָליטיקער, דער ריכטיקער סטראַטעג... ער פֿלעגט אַלץ וויסן אויף אויסנווייניק: וויפֿל קאַנאָנען זענען פֿאַרבײַגעפֿאָרן, וויפֿל קוילן זענען אויסגע־שאָסן געוואָרן. מיר פֿלעגן זיך אַלע שוין אויף אים פֿאַרלאָזן...

אײַנמאָל קומט מײַן ברודערל צו לויפֿן, מיט רויט־צעפֿלאַמטע בעקעלעך, אין אײַלנדיקע שלינגנדיקע ווערטער מאָלט ער: עס קומען צען טויזנט קאָזאַקן...

באַלד האָט זיך דערטראָגן אַ געזאַנג ווי דורך אַ ווייטן טונעל און וואָס נענטער די קלאַנגען זענען געשוואומען איבער שטאָט אַלץ ווילדער האָט מיין ברודערל אויסגעסאָפּעט די ווערטער, וואָס האָבן זיך געפּלאָנטערט ווי פאַרזשאַווערטע קייטן:

יעדיעט קאָזאַק, נאַהייקאַ וורוקאַך!

איבער דער לופט האָט געגרוילט אַ שוואַרצער, לעדערנער, איינגעכלאָכטענער שטריק, געסטראַשעט די דערשראָקענע פּנימער, וואָס האָבן געשלונגען די אויפגעכאַפּטע ווערטער פון מיין קליינעם ברודערל.

אונדזערע שכנימס טעכטער האָבן באַשלאָסן זיך צו באַהאַלטן אויפן בוידעם, וואָס איז געמאַכט געוואָרן צו זאַמלען צו היי. דער שפּייכלער איז געווען אויפן הויף. דאָרט זענען געווען צוויי עפענונגען: איין אַרויסגאַנג דורך אַ טירל, צום דרויסן, ווו מען שטעלט צו אַ לייטער; די צווייטע עפענונג, אין דיל, ווו מען האָט געקאָנט אַרונטערשפּרינגען אויפן הויף.

מיר האָט זיך זייער געוואָלט זיין אַ גרויסע מיידל, פאַר וועמען די מאַמע ציטערט אַזוי, זיך באַהאַלטן אויפן בוידעם...

איך האָב זיך איינגעבעטן ביי די מיידלעך זיי זאָלן מיך מיטנעמען מיט זיי. מיר זענען געלעגן אין ווייכן היי, ווי אויף שמעקעדיקע בעטן.

דער ריח פון היי האָט פאַרשיכורט די בלוטן. די מיידלעך, ווי ווייסע כלות, האַלב־פאַרשלעפערטע, אין אַ בליענדיקן חלום. פּלוצלינג האָט זיך דערהערט אַ הירזשען פון אַ פערד. אויף די פּנימער פון די מיידלעך האָט זיך פאַרצויגן אַ געלע מאַסקע, ווי מיט סירקע באַשאָטן, זייערע שוואַרצע אויגן האָבן ווי טונקעלע שטערן געבלאָנדזשעט נאָך הילף...

דער לייטער האָט געסקריפּעט, ווי אַ הייזעריקער קול. דאָס טירל האָט זיך געעפנט; פון דרויסן — אַ קאָפּ ווי פון אַ נאַקעטער לבנה האָט זיך אויסגעצויגן פאַר די דערשראָקענע מיידלעך. איך, די קלענסטע פון זיי, האָבן דערפילט די געפאַר — זיך געלאָפן ראַטעווען.

איך בין צוגעלאָפן צו דער עפענונג און מיט איין שפּרונג — אין הויף, נישט טראַכטנדיק, איך האָב איבערגעלאָזט די מיידלעך פאַרן זעלנער...

און באַלד נאָך מיר — אַ פּאָר זאָקן, און נאַקעטע ווייסע פיס, בלייבן הענגען אין דער לופטן, דאָס קליידל האָט זיך פאַרטשעפּעט, ווייסע נאַקעטע פיס פון אַ מיידלשן קערפּער האָט זיך געצויגן...

דער זעלנער, געפינענדיק אַ נעסט מיט מיידלעך איז אַרונטער פון בוידעם און פאַר זיינע אויגן האָבן זיך האַלב־נאַקעטע מיידלשע גלידער געצויגן ווי אַן אויסטערלישער חלום.

מיט האַלב־אַרונטערגעלאָזטע אויגן האָט ער געשלונגען דאָס געוויין פון נאַקעט־דערשראָקענע פיס, דער ציטער פון שוואַרצע מיידלשע סודות...

זיינע ווײַס האָבן זיך ווי פֿאַרהאָנגען געבוקט פֿאַר דער ווייסקייט פֿון מיידלשע לייבער.

באַלד זענען מאַמעס, דערשראָקענע, אַרויס אויפֿן הויף, פֿאַרבראָכענע הענט האָבן זיך געכוואַליעט אין האָר. דער צעטומלטער זעלנער האָט זיי געטרייסט: ער איז אויסן־געווען אַ ביסעלע היי פֿאַר די אויסגעמאַטערטע פֿערד; ער איז אַ ייִד, געוויזן זיי דאָס לייבצודעקל, זיי זאָלן זיך באַרויִקן...

אָבער די מאַמעס האָבן אַלץ אין שרעק געציטערט, זייערע קולות האָבן זיך אויסגעמישט ערגעץ מיט גרילצענעם קייטן־געפּילדער פֿון לוסטיק סאָל־דאַטן־געזאַנג...

יעדיעט קאָזאַק, נאַהייקאַ ווראָקאָף!

און איבער דער שטאָט האָט ווי אַ קאָמעט געשראָקן אַן איינגעפּלאָכטענער שטריק. די לופֿט האָט אַזש געציטערט פֿאַר ווייטיק.

## די אַרויסגעטריבענע ייִדן פֿון ניזשנאָוו

פֿרייטיק. מיין מאַמע האָט געהייצט דעם אויוון. געלע מאַלאַיען זענען שוין געלעגן אויסגעצויגן אין די בלעכן. די מאַמע האָט אויסגעלייגט קאַרטאָפֿל־קני־שעס אין די בלעכן, צו פֿיר אין אַ ריי ווי די זעלנער. דער אויוון האָט אַ געדיכטן רויך אין שטוב אַריינגעהויכט, ווי פֿאַרע פֿון אַ קאָכיקן קעסל. מיר קינדערלעך האָבן שוין געקייט, געפּילט דעם טעם, זיך באַלעקט פֿון די באַלד־אָפּגעבאַקענע קנישעס.

אין אויוון האָבן זיך בלעכענע קנישעס דערציילט מעשׂות, געסודעט זיך, געקאָרטשעט פֿאַר תּענוג. קינדערשע אויגן האָבן מיט טרוקענע ליפּעלעך זיך באַלעקט פֿאַר נחת.

דאָ האָבן פּלוצלינג פֿאַרטרולן אויפֿגעפּראַלט די טיר, זאָגנדיק: עס קומען אויף קוואַטיר סאָלדאַטן. אינאיינוועגס פֿאַרשריבן צוועלף שטיק. מיין מאַמע האָט פֿאַרגעסן אָן אויוון. אַזוי ווי די קנישעס וואָלטן זיך דערשראָקן פֿאַר דער גרויסער צאָל זענען פּלוצלינג זייערע פּנימער פֿאַרוואָלקנט געוואָרן אויף שוואַרצע שטיקער קויל...

אין גאַס זענען געלאָפֿן מענטשן אַרויף שטאָט, ווי אין אַ שׂריפֿה און איך בין מיטגעלאָפֿן. אויפֿן הויף פֿון דער טאַבאַק־פֿאַבריק האָבן שוואַרצע בערד, איינגעראַמט אין אייזערנע גראַטעס, מיט בלייכע הענט אַרויסגעקוקט. דורך פֿאַרשטיקטע טרערן האָבן זיי דערציילט, מען האָט זיי אַוועקגעריסן פֿון ווייב און קינדער. זיי אַרויסגעטריבן פֿון שטאָט. איך בין געלאָפֿן אַהיים, געכאַפּט די בלעך מיט אָפּגעבאַקענע מאַלאַיען און זיי דערלאַנגט די אויסגעהונגערטע ייִדן.

איך ייִד האָט מיטגענומען אַ קליין ייִנגעלע. ער האָט אים נישט געהאַט ווו איבערצולאָזן. דאָס ייִנגעלע האָט זיך אַרויפגעדראַפּעט אויף די גראַטעס און געזאָגט צו מיר: זעסט, איך בין שוין אַ גרויסער! גאָר אַ גרויסער!

דער טאַטע זיינער האָט אים אַראָפּגעזעצט אויף דער ערד...

די קאָזאַקן האָבן צוזאַמענגענומען די אַרויסגעטריבענע ייִדן, אַלע צוזאַמען, ווי אַ מחנה שוואַרצע שאָף און זיי ווייטער געטריבן. אַ הויכער געיאָמער האָט זיך אויפגעהויבן פון די מיטפּילנדיקע מענטשן, וועלכע האָבן זיי באַגלייט, ווי צו אַ לוויה, פאַרויסזעענדיק אין די פאַרטריבענע — זייער אייגענעם שיקזאַל...

איך בין געשטאַנען לעבן די אייזערנע גראַטעס, ווו דער קליינער ייִנגל איז אויסגעוואַקסן אַ גרויסער, ווו דעם ייִדנס טרערן האָבן זיך געראַנגלט, איינגעזאַפּט אין האַרטן צעמענטענעם שטיין, טרערן וועלכע האָבן געדאַרפט צעשמעלצן אָט דעם שטיין... די וואָך האָט מיך אָוועקגעטריבן...

ביי אונדז אין הויז זענען שוין געווען צוועלף קוואַרטיראַנטן. מיין מאַמע האָט פאַר זיי געמוזט קאָכן. ביינאַכט האָבן מיר די בעטן פאַר זיי אָפּגעגעבן און אַלע אינאיינעם זענען מיר אויף דער ערד ביים שוועל ווי הינט אַנטשלאָפן געוואָרן...

## ווען טויטע שטייען אויף

אַ גרויסע פינצטערניש. רעגן, ווי גרויסע אַרבעס בייטשן. ביי דער טיר פון אונדזער שוועל, איינגעקנוילטע, ליגן קינדערלעך און שלאָפן. חלומען פון זעלנער מיט העק, קאָזאַקן מיט בערישע קוטשמעס און שראַפּנעלן ביי די ברוסטן. קינדער וואַרפן זיך פון שלאָף, שרייען און דרימלען איין...

אַלע שלאָפן ווי די נאַכט, נאָר איך בין וואַך. שלאָף האָט זיך אַרויסגעגנבעט דורך אָפענע אויגן, אַנטלאָפן דורך פינצטערניש. האַרץ קלאַפּט און קלאַפּט, ווי דער רעגן פאַר די טירן. איך וויקל אַרום מיינע פיס אַרום מיין שוועסטערל. מיינע הענט נעמען אַרום די קנוילנדיקע, שלאָפנדיקע, מען קלאַפּט!

ערד־ציטערניש הינטער די קערפּערס... זיי וואַרפן זיך, מען קלאַפּט שטאַרקער! אַלע מאַכן זיך שלאָפנדיק, מען רירט זיך נישט...

אַ דונערדיקע שטים: — עפנט אויף! ווייל מיר שיסן!

די מאַמע גייט, גייט עפענען — מיט הוידלדיקע טריט, ווי אין דער שוואַרצקייט — זאָל אַ ווייס געשפּענסט טאַנצן...

אַ שטופּ און אַ פּראַל! די טיר ווערט געעפנט ווי אַלעמענס מיילער פאַר שרעק...

— יעווריע! נעמט צוזאַמען די שמוציקע ייִדישע לייבער, און מאַרש אין דרויסן! — האָט די דונערדיקע שטים קאָמאַנדעוועט; בלאַסקענדיקע שפּיזן האָבן געבלישטשעט אין דער פינצטער, ווי צאַפּלענדיקע זילבער־פיש אין טייך...

מיין מאַמע האָט אין איילעניש געכאַפּט אויף זיך אַ קליידל. מיר זענען נאַקעט אין די העמדלעך אַרויס אין גאַס. די ברידערלעך זענען צוריקגעלאָפן, געכאַפּט אויף זיך די היטעלעך.

אַ גרויע פינצטערניש, דער רעגן בייטשט אין פּנים. מיטן נאַכט.

ווי פון דער ערד און הימל זאָלן זיך עפענען גריבער, טויכן אויף קופּקעלעך־מענטשן, — שוואַרצע סילועטן. פון אַלע ווינקעלעך קומען זיי אָן. טויטע זענען פון די קברים אויפגעשטאַנען, מען שאַרט זיך אין שוואַרצן טומאַן, אין די העמ־דער, נאַקעטע ווי אין תכריכים...

אַ קנאַלנדיקער שאָס לעכערט די פינצטערניש: — מאַרש, פאָרויס! — קאָמאַנדעוועט מען.

באָרוועסע פיסעלעך ציטערן, קערפּערלעך וואַרפן זיך אין קעלט, שטיינ־דלעך שאַרפן זיך, שטעכן, מען שטופּט, מען שרייט, עס טוט ווי, מאַמע!

די דערשראָקענע מאַמע בייגט זיך, הייבט אויף צווי קינדערלעך אויף אירע הענט, דער טאַטע — צווי וויינענדיקע קינדער אויף זיינע הענט. די מאַמע הייבט אויף שטיקלעך פון קלייד, דעקט צו די פאַרפרוירענע פיסעלעך. איך מיט מיין שוועסטערל גייען ווי ווייסע טויבן, שטומע טויבן צו דער שחיטה...

מיר זענען שוין אַלע אינאיינעם. קינדער, ייִדן, מאַמעס, דאָס גאַנצע שטעטל — איך בית־עולם, מתים — מתים...

אַ דין שטימעלע רייסט איבער די נאַכט, ווי אַ וויינענדיקע סטרונע.

מאַמע! איך האָב פאַרלאָרן מיין מאַמען!

סאָלדאַטן הערן נישט, זיי לאַכן און טרייבן, לאַכן און טרייבן...

אַלע זענען שוין צוזאַמען. אַלע. וואָלקנס, הויפנס וואָלקנס רייסן זיך פאַר־אויס, דער רעגן שטופּט זיי צוריק, הענט דונערן אין פינצטערניש און הענט ברעכן זיך. וווהין! וווהין?!

זיי לאַכן און טרייבן, לאַכן און טרייבן.

איינגעדרייטע קערפּערלעך, שוואַרץ־קנויליקע, קינדער־געוויין. וווהין? ווו־הין? ווייט אונטערן שטאָט, אין אַ מיליטערישער קאַזאַרמע, האָט מען אַלעמען צוזאַמענגעטריבן ווי בהמות. אַלע האָבן זיך אויסגעזעצט אויף דער נאַסער ערד אין הויף. דער אייזערנער טויער האָט זיך פאַרשלאָסן הינטער די ייִדן. קיינעם איז נישט קלאָר געווען פאַרוואָס מען האָט אין אַזאַ אומדערוואַרטעטער שעה, צוועלף ביינאַכט, איבערגעפאַלן די הייזער און מיט געוואַלט זיי געטריבן. אַלע מענטשן פאַרשמירט ווי קוימענקערערס, די העמדער — מיט בלאָטע, אַלעמעס גלידער — מידע, מען טוליעט זיך ווי הענער איינער צום צווייטן אין ציטער־

ניש. אויף מיין מאַמעס שויס האָב איך מיין קאָפּ און הענט באַהאַלטן און אַנט־שלאָפן געוואָרן...

ווען איך האָב געעפנט די אויגן האָט אַ שלייער איינגעהילט די נאַכט, אַ בלויער טומאַן האָט זיך געצויגן, דער בלויער טאָג. ווייסע טליתים האָבן זיך געהוידעט אַהין און אַהער, געבוקט זיך. אונטער די טליתים זענען יידן געווען פאַרהוילן, געבויגענע, נישט אַזעלכע טליתים ווי אַמאָל, נאָר גאַנצע בערג האָבן זיך געוויגט אַהין און אַהער, אַ תפילה מיט מענטשן־געוויין האָט זיך אויסגע־מישט, אַלץ העכער און העכער, מיטן בלויען פרימאָרגן צו גאָט...

איך הענער האָבן געקרייעט, אַרויף, אַרויף צו גאָט. קינדער האָבן געוויינט. ווייסע טליתים האָבן אַלעמען איבערגעשריען. ווייסע הענט מיט אַרומגעדרייטע שוואַרצע רימענס האָבן זיך געצויגן צו געקעסטלטע שטערנס: דאָס איינציקע וואָס זיי האָבן מיטגענומען, נאַקעטע אַרויס, נאָר גאָט מיט זיך גענומען...

מיין זיידע יאָסל איז צוגעגאַנגען, מיך אויף זיינע הענט גענומען, ווי אַ קליין פאַרפרוירן קינד מיך איינגעוויקלט אין זיין טלית... הייסע טרערן האָבן מיך געוויגט...

מיין טייערער זיידע, וויג מיך אַזוי, מיר איז גוט, פאַרוויג מיך, זאָל איך מיינען איך בין נאָך אין וויגעלע, זאָל איך זיין אַ קינד... ווייל איך בין שוין אַן אַלטע. איך האָב שוין אַ סך געזען, קלעפּ און בייטשן פּליִען אויף מיין פּאָלק, מוראַדיק פאַרשעמט זענען מיר, קיינער איז נישטאָ צו העלפן; וויין נישט מיין זיידע, וויין נישט, נאָר וויג מיך ווי אַמאָל אין וויגעלע, זאָל איך מיינען אַז איך בין נאָך אַ קינד...

## דאָס פרומע שייטל...

אינדערפרי זענען די אייזערנע גראַטעס פאַרזייט געוואָרן מיט הענט און צינגער. גוישער געלעכטער, שיקסעשע צינגער האָבן מיט רויטקייט פון לייבער געגרייצט זיך מיט אונדז. און הענט — הענט, ווי אויף די פלויטן וואָלטן פון הייוון אויפגעצוירן הענט און הענט...

מאַרוסיאַ איז צוגעקומען. אונדזער אַמאָליקע ניאַנקע. מיין מאַמע האָט זי אָנגעכאַפּט פון דער אַנדערער זייט פלויט, בעטנדיק, זי זאָל עפּעס ברענגען עסן פאַר די קינדער, פאַרזיכערנדיק איר: מיר וועלן באַפרייט ווערן וועלן מיר עס איר נישט פאַרגעסן.

איר בהמהשע צונג האָט זיך אַ שטרעק־געטון, זאַגנדיק:

— „איר וועט שוין מער נישט צוריקקומען זשידי“ — און אַוועק.

אייניקע יידעלעך וועלכע האָבן ביי זיך געהאַט געלט האָבן אָפּגעקויפט די וואַך, מען זאָל זיי לאָזן אַהיימגיין, מיטברענגען עפּעס זאַכן.



דער זיידע שלמה

אַ רייכע פרוי האָט באַצאָלט אַ וואָך זאָל זי מיטבאַגלייטן אַהיים. איר שכן האָט זי געבעטן זי זאָל אַרויסנעמען דאָס געלט וואָס ער האָט באַהאַלטן אין לאָמפּ, הינטערן אַבאַזשור. די זון איז אויפגעגאַנגען. קינדערלעך האָבן געפּלאָטערט פאַר דער זון, ווי ווייסע פּאָנען, זיי האָבן פאַרגעסן צוליב וואָס זיי זענען דאָ, פאַר זיי איז געוואָרן אַ יום־טוב, אַלע צוזאַמען, קינדערלעך, האַלב־נאַקעטע און באָרוועסע.

אין דער גרויסער קאַזאַרמע, ווי שטענדיק, וווינען נאָר זעלנער.

אַ פּאַניק האָט אויסגעבראָכן צווישן די מענטשן. דער ייד וואָס האָט פריער אַזוי געבעטן זיין שכנה זי זאָל אים ברענגען דאָס פּעקל געלט איז איצט גע־שטאַנען מיט אויגן ווי צוויי שטורקאַצן... הענט אין פינגער האָבן זיך ווי שונאים געריסן. די שכנה, אַ דערשראָקענע, האָט מיט טרערן דערציילט, ווען זי האָט אויפגעזוכט דאָס באַהעלטעניש איז דאָס פּלאַץ אַ ליידיקס געווען... די זעלנער האָבן נאָך פריער דאָס געלט אָפּגעראַמט...

אַרום זיי האָבן זיך אַלע מענטשן פאַרזאַמלט, אַלע האָבן זיך געשטופּט, דער ייד מיט קולות יאָמערדיקע, האָט פאַרזיכערט, אַז קיינעם האָט נישט גע־קאָנט איינפאַלן אַזאַ באַהעלטעניש. האָט די פרוי זיך געבעטן מען זאָל זי פאַר אַלעמען אויסטאָן און זי באַזוכן, און זיך אַליין איבערצייגן...

פאַרגליווערטע פנימער האָבן זי אויסגעטאָן, כמעט נאַקעט, אָבער מען האָט גאָרנישט געפונען. איר פנים ווייס ווי פון קרייד, אַ דערשראָקנס. דאָס בעטגע־וואַנט וואָס זי האָט מיטגעבראַכט — צעוואָרפן ווי אייסגעטראָטענע בערג מיט שניי...

אַלע מענטשן האָבן זיך שוין געוואָלט צעגיין, ווען פּלוצלינג איז איר שכן צוגעשפּרונגען, אַ ריס־געטון דאָס שייטל פון איר קאָפּ און זי אין אַ נעכט איז געלעגן אַ פּעקל מיט פּאַפּירן־געלט...

מיט געבויגענע קעפּ האָבן מענטשן זיך אָפּגעשאַרט פון דער רייכער פרוי מיטן פרומען שייטל...

## די פּראָצעסיע

רייטנדיקע סאָלדאַטן אויף פערד זענען אָנגעקומען מיט ביקסן אויף די פּלייצעס, אַלעמען צוזאַמענגענומען אין אייך הויפן, אויסגעשטעלט אונדז אין רייען און, ווי געפּערלעכע פאַרברעכערס, אונדז געטריבן...

מענטשן זענען מיט ציטערדיקע קניען ווי סטרינעס געגאַנגען. אין דער לופטן האָט גוישער געלעכטער און יידישער געוויין זיך אויסגעמישט. ביי די ראַנדן פון די וועגן, ווי די קייט איינגעשרומפּטע מענטשן האָבן זיך געצויגן,

האָבן פערד זיך געפּלאָנטערט. אויף די פערד שדים — אין קוטשמעס, רייטנדיק האָבן זייערע שפּאָרן מיט אימפּעט געטופּעט די פערד אויף די מענטשן...

אַ גרויסע לוויה האָט זיך געצויגן, דער מת איז נישט געווען, נאָר יעדער טראָט האָט אויסגעטראָטן דעם טויט, אַלעמענס טריט האָבן באַווײנט דאָס אייגענע לעבן...

נאָך צוויי מייל וואַנדערן צופוס האָבן מיר דערפילט, אין דער פּלייצע, ווי פון ווייטנס יאָגן זיך פוקסן נאָך אונדז. מען טאָר נישט אויסדרייען דעם קאָפּ, ווייל די נאָענטע ציטערט אונטער די אויערן. ענדלעך האָבן די קאָזאַקן אונדז אָפּגעשטעלט. די פורן האָבן אונדז דעריאָגט. די קליינע קינדער האָט מען אַרויפגעזעצט, אַלטע און דערוואַקסענע האָבן געמוזט פאַרזעצן זייער גאַנג צופוס.

מיר, קינדערלעך, זענען אַרויף אויף אַ וואָגן, ווו אַ קימפּעטאָרן איז געלעגן מיט אַ פּיצעלע קינד. נאָך אַ פּאָר פרעמדע קינדער האָבן זיך אַרויפגעכאַפּט אויפן וואָגן... אַלע וועגענער האָבן אָנגעהויבן זיך צו יאָגן, די קינדער האָבן ערשט באַגריפן, אַז טאַטע־מאַמע לאָזט מען נישט אַרויף, האָט זיך יעדער צעוויינט אויף זיין שטייגער...

ווען דער טאַטע האָט זיי געוואָלט באַרויקן האָט אַ קריצנדיקע נאָענטע אַ וואָיע געטון ווי אַ שטורעם אויף מיין טאַטנס קאָפּ. אַ שרעקלעכער געוויין האָט אויסגעבראָכן פון דער מאַמען. האָט די נאָענטע זיך אַ גליטש געטון איבער איר פּנים. זי איז געווען אַ שוואַנגערע. די קינדער — דערשראָקענע פייגל — האָבן געוואָלט אַרונטערשפּרינגען פון וואָגן. דאָ האָבן זיך די פורן צעטאַנצט אין אַ גאַלאָפּ.

די פעלדער זענען אַנטלאָפן אויף צוריק. די גרויסע לוויה איז שיטערער געוואָרן, ווי שוואַרצע פינטעלעך. די פורן האָבן געטאַנצט און געהאָפּקעט אויף פעלדער און איינגעהאָרביקטע וועגן — פּוילישע וועגן. איבער שוואַרץ באַגרינטע בערגלעך, פון ווייטנס האָבן די מענטשן זיך געצויגן ווי פלעקן. דער וועג איז געווען אַ האָרביקער און זייער שמאָל. לעבן ראַנד — אַ שטראָמיקער וואַסער.

די פורן האָבן געכריפּעט, ווי הייזעריקע גראַגערס. אַלע ווילן זיך איבערגעוויגט צום וואַסער צו, די קינדער מיט אויסגעשרייען האָבן זיך אָנגעכאַפּט אין גאָרנישט. אַ ווייס פּעקל מיט בעטגעוואַנט האָט זיך אַרונטערגעגליטשט פון דער פור, וואָס איז פאַרויס געפאָרן. גלייך אין שטראָמיקן וואַסער אַריין. עס האָט זיך געוואָרפן אין קאָנוולסיעס און פאַרשוווּנדן.

פּלוצלינג, האָט אין דער שטוביקייט פון פעלד אויסגעבראָכן אַ געיאָמער.
געוואַלט! געוואַלט! געוואַלט!
און מיר נאָך זיי, מיט מיילער צעשריגענע: געוואַלט!
די אַרומיקע פעלדער האָבן אונדז נאָכגעקרימט: געוואַלט! פון די שוואַרצע

פלעקן זענען אויסגעוואַקסן געשרייען: געוואַלט! הימל האָט זיך צעפּלאַמט מיט פייער און מיט זון:

געוואַלט! ערד און פעלדער האָבן פאַרקייכט זיך: געוואַלט!

קיינער האָט נישט געוווּסט פאַרוואָס מען שרייט. נאָר אַלע האָבן געשריִען. די קאָזאַקן האָבן אַליין זיך אויך דערשראָקן, ווי אַ גילגול איז אַריין אין דער פּראָצעסיע.

מענטשלעכע פּנימער זענען גרוי געוואָרן ווי אַש, די העלדזער האָבן הייזעריק געריטשעט דאָס געשריי: ווי אויף כריפּנדיקע וואַשברעטלעך... די פלעקן זענען געדיכטער געוואָרן, זיי זענען נאָכגעלאָפן נאָך די פורן און געיאָמערט: געוואַלט! און מיר האָבן זיי הייזעריק אָפּגעענטפערט. קיין בוטשאַטש האָט מען אונדז געטריבן. ווען מיר זענען אינמיטן נאַכט אַריין אין שטאָט זענען מענטשן אַרויס פון די בעטן אויף אונדזער געוואַלט. קיינעם איז נישט קלאָר געווען פאַרוואָס מען האָט געשריִען — עס איז געווען אַ מאַסן־היסטערישער געוואַלט...

## מען האָט אונדז אָפּגענאַרט

אַ נייע שטאָט. גרויסע מויערן, לאָמפּן און לאַמטערנעס, ווי אויסגעשטעלטע וועכטער אין רייען. מען האָט אונדז צוגעטריבן אינמיטן שטאָט אויף אַ ברייטן מאַרק־פּלאַץ. אין דער שוואַרצקייט פון דער נאַכט האָבן זיך אויפגעזוכט מאַמעס מיט קינדער, גליקלעכע, זיי האָבן זיך לעבעדיקע געפונען.

די איינוווינער פון שטאָט האָבן זיך צעטומלטע אויפגעכאַפּט, אַרונטערקומענדיק דערשראָקענע, אונדז אויסגעפרעגט. אין געדאַנק האָבן זיי זיך געזען ליגן, אַזוי ווי מיר דאָ, ערגעץ אויף אַן אַנדער פאַרוואָגלטער ערד. זיי האָבן אַרונטערגעטראָגן די אויסגעהונגערטע מענטשן ברויט מיט טיי. אַלע זענען געזעסן ווי נאַמאַדן, אָדער הונגעריקע ציגיינער, געזופּט טיי מיט ברויט.

אַ געשריי פון אַ מיידל האָט אויפגעריסן די נאַכט, זי איז פון שרעק אַרונטער פון זינען. די מאַמע האָט געיאָמערט איבער איר און דאָס געוויין האָט געזאָטן אין דער נאַכט ווי שוואַרצער שוועבל. די שוואַרצע איינגעקנוילטע פיגורן האָבן שטיל געיאָמערט זייער אייגן געוויין און די פייכטע ערד האָט איינגעזאַפּט די ידישע טרערן. די לאַמטערנעס האָבן ווי שטילע וועכטער, צוגעקוקט און געשוויגן...

אינדערפרי האָבן פויקן געהילכט אין די גאַסן, טרובעס האָבן געטרובעט דורך פויסטן פון סאָלדאַטסקע מיילער...

אַלע אַרויסגעטריבענע ייִדן, — מענער, פרויען און זקנים, זאָלן זיך פאַרזאַמלען.

די אומבאַוועגלעכע פיגורן זענען פּלוצלינג אויפגעשפּרונגען, געגאַנגען אַהין ווו די פויקן און די טרובעס האָבן גערופן...

די פרויען און די קינדער האָט מען געהייסן בלייבן זיצן. די מענער זענען אַלע אַוועק זיך מעלדן אין דער קאָמאַנדע.

ווען דער זיידע מיטן טאַטן זענען אַוועק זענען מיר געבליבן זיצן אויפן מאַרק־פּלאַץ אינמיטן שטאָט. שעהן זענען פאַרפלויגן. קיין צייכן נישט פון די יידן. אַן אומבאַוווסטער פּחד האָט זיך מיט צווייפל געראַנגלט אין מיין האַרצן. האַרץ האָט ווי מיט פויקן געקלאַפּט. וווהין זאָלן מיר גיין זוכן אונדזער טאַטן און אונדזער זיידן? גאַסן אומבאַקאַנטע. ערגעץ וווייט הינטער דער שטאָט געפינט זיך די עטאַפּן־קאָמאַנדע. ווי בלאַנדזשענדיקע וואָלקנס זענען מיר געלאָפן אַהין פונוואַנען עס האָבן זיך געטראָגן אָפּגעהאַקטע געשרייען. ווען מיר זענען אַנט־קעגן געלאָפן די געשרייען האָט זיך געצויגן אַן אָפּגעצאַמטער וועג. אַרום שטע־כיקע דראָטן זענען בערגלעך מענטשן געשטאַנען.

ווי אַ בליץ האָט אַ געדאַנק אויפגעבליצט: זיי האָבן אָפּגענאַרט, אָפּגענאַרט די פרויען און קינדער, כדי מיט געוואַלט די טאַטעס און מענער אַוועקצורייסן...

אַ שטומער בית־עולם האָט קעגנאיבער מיט ווייסע מצבות צוגעקוקט. איך, מיין מאַמע, דער איבערגעשראָקענער טאַטע, די וויינענדיקע יידן... ווער זענען מיר? האָבן טויטע דאָ פאַרבלאָנדזשעט? און דאָרט שטייט אַ מענטש און ציטערט מיט זיינע הענט ווי ער וואָלט האַלטן אַ זיפּ. ווער איז ער? אַ טאַטע, אַזוי ווי מיינער... זיפּט ער זיינע שרעקלעכע מחשבות... באַלד וועט זיין שאָטן פאַרשווינדן...

פרויען זענען אַנגעלאָפן, אַלעמען האָט דאָס גלייכע שיקזאַל דערוואַרט ווי אונדז. מיין קאָפּ האָט ווי אַ מילראָד זיך געדרייט. איך בין צוגעפאַלן צו די כאַל־דאַטן וואָס האָבן באַוואַכט די יידן, זאָלן זיי זיך דערבאַרעמען, מיר זענען עלנטע, זאָלן זיי רחמנות האָבן אויף דער מאַמען, וועלכע איז אַזוי שוואַך, דאַרף געבוירן אַ קינד. טרערן האָבן זיך געגליטשט איבער מיינע פיבערדיקע באַקן...

אַן אייזערנע האַנט האָט מיך מיט געוואַלט צוריקגעשטופּט. איך בין צוגע־פאַלן צו אַ ברונעם אַרומגעמויערט מיט צעמענטענע ווענט. וואָסער האָט שטענדיק געשפּריצט ווי פון אַ פאָנטאַן. באַלד איז נאָך עמעצער צוגעפאַלן צום שטיינערנעם ברונעם.

אַן אַלטע פרוי האָט געבעטן אַזוי ווי איך. די גרייע זילבערנע האָר, וואָס האָבן אַרויסגעקוקט ווי ווייסע פעדים פון הינטער דער פאַטשיילע. די אייזערנע האַנט האָט זי אַ שטויס־געטון. בלוט און טרערן האָבן זיך אויסגעמישט מיטן וואַסער...

איך האָב געזען דעם אַלטן רבין. אין ווייסע פאַרבלאָטיקטע זאָקן, ווי ער שפּאַנט אין דער ריי מיט מיין זיידן. די ליפּן האָבן שטיל אין זיך געדאַוונט.

דער פּאָדעם פון יושר האָט זיך איבערגעריסן, שאַרנדיקע טריט מיט מאַסן־געוויין האָבן זיך אויסגעמישט, ווי אַ לעבעדיקע לוויה...
אַ טויטע האַנט האָט געשריִען אין דער לופטן...
צדקה תציל ממות... צדקה תציל ממות...

## דער דיבוק

עלנטע האָבן מיר געבלאָנדזשעט איבער די גאַסן. פון אַלע שטיבער, פון אַלע דעכער האָט אַ פּראָסטיקייט געגליווערט. מיר האָבן אָפּגעזוכט אַ ווייטן קרוב. ער האָט פאַר אונדז אויסגעליידיקט אַ דאַך־שטיבל, ווי אַ נעסט פאַר טויבן... צע־בראָכענע זענען מיר אַנטשלאָפן געוואָרן. שלאָף האָט מיט די קערפּערס געוואָרפן. קינדער האָבן געוויינט פון שלאָף. דורך מיינע אָפענע אויגן זענען געשוווּמען ביל־דער, שאָטנס אויף ווענט־צעקריפּלטע, קערפּערס צעקאָרטשעטע ווי פּוילע־רוילעכס... און דער ברינעם ווו איך בין צוגעפאַלן האָט מיך גערופן אין זיין טיפעניש...

אין דער פרי האָט אַ זעלנער געבראַכט אין הויז אַ ספר־תורה און אויך אַן אַלטע פאַרקריפּלטע פרוי. ער האָט דערציילט: ער איז פאַרבייגעגאַנגען אַ שטעטל. אין דער שוואַרצקייט פון דער נאַכט האָט די שול געברענט. אים האָט זיך אויס־געדאַכט: ער הערט די ספר־תורהס יאָמערן. די אותיות, פלאַמיקע, פליִען אין דער נאַכט, הייליקע אותיות יאָמערן, דורות ייִדן קלאָגן. דער ייִד האָט געשריגן אין אים. איז ער אַריינגעלאָפן אין די פלאַמען און אַרויסגעראַטעוועט איין ספר־תורה... אָבער דאָס געוויין האָט זיך נישט איינגעשטילט אין געריפן צו אים. איז ער נאָכגעגאַנגען דעם יאָמער צו אַ דערבייִיקער שטוב, וואָס האָט אויך געברענט. אין אַ ווינקל־בעט איז געלעגן אַן אַלטע זקנה און געקרעכצט. די פלאַמען האָבן געקנאַקט. האָט ער געכאַפּט די אַלטיטשקע אונטערן אָרעם, אין דער צווייטער האַנט די ספר־תורה און זיי אַרויסגעטראָגן פון ברענענדיקן גהינום. ער האָט געדונגען אַ פור און זיי געבראַכט צווישן ייִדן, ווייל באַלד גייט־אָפּ זיין רעגי־מענט אויפן שלאַכט־פעלד...

עס האָט זיך אַרויסגעוויזן: דאָס איז די אַלטע פרוי, וואָס טראָגט אַ גלגול אין זיך, „אַ דיבוק". זי האָט געשמט איבער דער גאַנצער געגנט. זי איז געווען ביי די גרעסטע רבנים. קיינער האָט זי מער נישט געקאָנט היילן... מענטשן פלעגן אַנטלויפן פון איר און אירע אייגענע קינדער האָבן זי איבערגעלאָזט אויף הפקר. אומצוקומען אין דער פאַרלאָזטער שטאָט אין די פלאַמען...

זי איז געלעגן אויפן דיל מיט פינגער איינגעדרייטע, דאָס מויל פאַרקרימט ווי אַ שפּראָנזינע. זי האָט זיך איינגעפלאָכטן אין זיך ווי אַ דרייענדיקע שרויף און מאָדנע נביאישע ווערטער האָבן זיך געשאָטן פון איר מויל:

מ ל כ ה ל י

— אונדזער עלנט וועט נאָך עלנטער ווערן,<br>
אונדזער בראָך וועט נאָך גרעסער ווערן<br>
איך האָב אַלס קינד אויף פוסטע וועגן געטאַנצט<br>
אויף פעלדער מיט שדים גערעדט<br>
אַ קינד געווען ווי יעדעס קינד,<br>
ווי צו מיר, ווי און ווינד!...

אַ טיפער רחמנות האָט מיך אַרומגענומען צו דער אַלטער קראַנקער פרוי, אַלע אַרויסגעטריבענע מענטשן, אַליין נע־ונד און עלנט, האָבן געווייכט פון איר, ווי פון אַ קרעציקער... זיי האָבן מורא־געהאַט זי אָנצורירן, דער דיבוק זאָל זיך אין זיי נישט באַזעצן...

איך האָב זיך איינגעבויגן צו דער קראַנקער, איר באַקוועם געמאַכט, גע־האָלפן איר אויסטאָן איר שמוציק קלייד. איר לייב איז געווען ווי צעפוילט. מיין מאַמע האָט איר אָנגעטאָן אַן אַנדער קלייד. איך האָב זי פאַרקעמט, נאָך אַ סך אומבאַקוועמלעכע זאַכן געטון פאַר איר, זי אָנגעהאַדעוועט ווי אַ קליין קינד.

טרערן פון רחמנות האָבן געוואַשן מיין קינדיש ווייטיקדיק פּנים. רחמנות פאַר אַזויפיל מענטשלעכע ליידן. ווי דורך אַ באַרג אַרויס האָט זי געברומט: גאָט וועט דיר העלפן וואָס האָסט געהאָלפן אַן אַלטער קראַנקער פרוי; מיינע אייגענע קינדער האָבן מיך געלאָזט אומקומען און לעבעדיק פאַרברענט צו ווערן...

גאָט וועט דיר העלפן! איך האָב אַזוי געגלויבט אירע רייד. פּלוצלינג האָט זי זיך פאַרוואַנדלט ווי אין אַ חיה,איינגעקראַמפּט פינגער אין פינגער, ווי לע־בעדיקע שלאַנגען זאָלן קאָרטשען זיך אַרום איר. זי האָט געשריִען. דער דיבוק רעדט אַרויס דורך איר. אַלע מענטשן האָבן זיך אָפּגערוקט און אָפּגעשיידט פון איר, נאָר איך האָב פאַר איר קיין מורא נישט געהאַט. אַ הייליקייט האָב איך געפילט אַרום איר, געוואָלט איר העלפן אין איר גרויסן אומגליק, אין איר הילפ־לאָזיקייט. זי פלעגט מיך בענטשן מיט הייליקע ברכות און איך האָב געגלויבט אירע ברכות וועלן מקוים ווערן...

די אַרומיקע מענטשן, שלעכטע מענטשן, האָבן צוליבן „דיבוק", אויך מיך אויסגעמיטן.

## איך פאַרקויף ציגאַרעטן

מחנות קאָזאַקן האָבן זיך געצויגן איבער די שטראָז. ייִנגלעך זענען געלאָפן און געשריִען: מאַכאָרקאָ! פּאַפּיראָסן!

איך האָב אַזוי מקנא געווען די ייִנגלעך, וועלכע האָבן פאַרדינט. מיר זענען

געוועזן שטענדיק הונגעריק און געגעסן דאָס שטאָט־געקעכץ, וואָס מען האָט צוגעטיילט די פּליכטלינגע. ווען איך וואָלט געקענט פאַרדינען! איך האָב זיך שטום צוגעקוקט ווי אַ קליין יינגל פאַרקויפט ציגאַרעטן. איך האָב זיך געבאָרגט אַ פּאָר קאָפּיקעס און געלאָפן צו אַ שטעל און געקויפט פּאַפּיראָסן. די יינגלעך האָבן געזשומעט ווי פליגן: פּאַפּיראָסן! קויפט פּאַפּיראָסן!

אַ קאָזאַק אויף אַ פערד האָט אַ ווונק געטון צו מיר, איך זאָל אים דערלאַנגען די פּאַפּיראָסן. ווען איך האָב אים צוגעטראָגן די פּאַפּיראָסן, מיין ערשטן קונה, האָבן צוויי גרויע אויגן ווי אַ וואָלף מיט שפּיזן זיך איינגעשטאָכן דורך מיין קלייד, דורכגעברענט מיין נאַקעטקייט פון אונטער דער הויט און עפּעס אומפאַרשטענד־לעכעס געמורמלט... די קליינע באַנדע קאָנקורענטן זענען זיך צעלאָפן. איך בין געשטאַנען איינגעחתמעט אין דער ערד. רעדער האָבן זיך געדרייט, דאָס געלעכ־טער האָט געקייכט אין דער לופט: טי, שטע, מאַלענקאַ! טי, שטע, מאַלענקאַ!

דורך מיין בושה האָב איך דערפילט: הונגער וואַרט פאַר אונדזער טיר; די מאַמע דאַרף געלעגן ווערן און ווערטער האַגלדיקע האָבן געקלונגען איבער די גאַסן:

פּאַפּיראָסן! פּאַפּיראָסן!

געלט האָט געהאָגלט אין מיין האַנט ווי מן פון הימל...

אַלע ציגאַרעטן האָב איך אויספאַרקויפט. מיט שטראַליקע אויגן האָב איך דערלאַנגט מיין ערשטן פאַרדינסט דער מאַמען... דער יינגערער ברודערל, דער זיבן־יאָריקער, האָט זיך אויפן קול צעוויינט: ער וויל אויך זיין אַ טאַטע און גיין פאַרדינען געלט...

וואָכן זענען פאַרפלויגן. אַ קלאַנג האָט זיך פאַרשפּרייט איבער דער שטאָט: מען קאָן אָפּקויפן דעם קאָמענדאַנט מיט געלט, וועט ער באַפרייען די יידן...

מיט קינדערשן פיבער פלעג איך לויפן איבער די גאַסן, שרייענדיק: פּאַפּי־ראָסן! פאַרן פאַרדינסט צו באַפרייען מיין טאַטן.

אין אַ גליענדיקן הייסן טאָג, ווען טראָטואַרן האָבן געבריט ווי בריענדיקער ארץ אונטער מיינע פיס, קאָזאַקן זענען מחנותווייז געפאָרן, האָב איך זיך גע־פלאָנטערט אַרום די פערד, געשריען: קויפט! קויפט, פּאַפּיראָסן!

אַ קאָזאַק האָט אַ ווונק געטון אויף אַ פערד. אויף די שפּיץ פינגער האָב איך דערלאַנגט אים ציגאַרעטן. אנשטאָט מיר צו באַצאָלן האָט פערד זיך ווי אַ וויכער אַ יאָג געטון מיטן רייטער און אַנטלאָפן מיט מיינע ציגאַרעטן.

די גאַס מיט פערד און קאָזאַקן. איך האָב זיך איינגעפּלאָנטערט אין געפלעכט פון פערד און נאָכגעלאָפן דעם פליענדיקן פערד מיטן קאָזאַק. איך האָב אים דעריאָגט מיט מיין געוויין, זיך געראַנגלט מיט אים פאַר מיין געלט. די איבעריקע קאָזאַקן האָבן נאָכגעקוקט דעם קינדער־שפּיל, זיי האָבן געפּועלט ביים קאָזאַק, ער זאָל מיר צוריקגעבן די ציגאַרעטן. ער האָט זיי מיר צוריקגעשליידערט מיט

אַ פּאַך פון זיין נאַהייקע. ווען איך בין מיט אַ בלויען צייכן אויף מיין אַקסל אַהיימגעלאָפן איז מיין מאַמע געשטאַנען אַ בלאַסע און דערשראָקענע. מענטשן זענען געקומען איר אָנזאָגן, ווי איך האָב זיך געראַנגלט מיט אַ לויפנדיקן פערד — איך האָב קיין מורא נישט פאַר קאָזאַקן — און מיין מאַמע האָט זיך פאַרשווירן: מער גיי איך נישט פאַרקויפן ציגאַרעטן.

מיך האָט נישט געאַרט. איך האָב שוין געהאַט גענוג געלט צו העלפן באַפרייען מיין טאַטן.

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

— — — די שוואַרצע נאַכט האָט אַלעמען איינגעוויקלט אין אַ טיפן שלאָף. שלאָפנדיקע האָבן געזויגן פון אירע שוואַרצע בריסטן גיפטיקע חלומות...

גאָלדענע שטערן האָבן אויסגעשטיקט אַ וועג פאַר די פאַרטריבענע און אויסגעמאַטערטע יידן, וואָס זענען געגאַנגען צוריק אַהיים.

שטומע שאָטנס האָבן זיך געשאַרט דורך דער נאַכט, מיט בלויזע קעפּ אָן היטלען, צעריסענע העמדער. פון דאָרטן האָט דער טיפער עלנט מיט זיין גאַנ־צער נאַקעטקייט אַרויסגעקוקט. ווען אַ שוואַרצער שאָטן האָט, ווי אַ קראַנקער בוים, זיין האַלדז אויסגעשטרעקט אין דער פינצטער, ערגעץ אַרויף צו אַ שמאָלן פענצטערל, האָבן פון דער בלינדער פינצטערניש ציטערדיקע הענט זיך אויס־געשטרעקט, איינגעשלאָסן דעם שוואַרצן שאָטן אין בענקנדיקע אָרעמס — מיין מאַמעס אָרעמס...

קליינע קינדער האָבן אין דער פינצטערניש געטאַנצט פאַר פרייד, וואָס זייער טאַטע און באַשיצער איז צוריקגעקומען...

## די כאָליערע

אַ מוראדיקע קראַנקייט, אַ ווילדע מגפה האָט מיט רייטע, ברענענדיקע נעגל זיך אַריינגעריסן אין אַלע ווינקלען פון שטאָט.

פון די בערגלעך טויטע סאָלדאַטן, וואָס זענען געפאַלן אויף די שלאַכט־פעלדער האָט אַ טויטלעכער ריח פאַרגיפטעט די לופט. אויף הונדערטער שטיבער האָבן ווייסע צלמים פון קרייד אויסגעקריצט דעם „מלאך־המות" — דאָ הערשט כאָליערע! מענטשן זענען וואַקלענדיק געגאַנגען, אין זייערע איינגעווייידן האָט געצאַפּלט אַ שד, דערמאָנט: דער וואָס גייט איז נישט דער — אָן אַנדערער... דער אַנדערער ווערט באַלד זיך אויסציִען, דורך לענג פון שאָטן און בלייבן ליגן אַ טויטער...

טויזנטער טויטע האָבן דורך דער נאַכט אויסגעפּילט די אָפענע פינצטערע גריבער. דער טויט האָט געקאָסעט אומברחמנותדיק און נישט אויסגעמיטן קיין

אין טיר. אַט האָבן קינדער באַגלייט אַ שוואַרצן קאַסטן, — דאָס האָט מען זייער מאַמען אַוועקגעפירט. דאָס קינדערשע געוויין האָט געלעכערט דעם הימל. ווער עס האָט זייער צער דערזען, האָט טויט דערזען... נאָכן מת האָט זיך געשלעפּט אַ צווייטער וואָגן, אַ פאַרמאַכטער. איבער די גאַסן זענען געלעגן בערגלעך שטיינער. דער וואָגן האָט זיך אַ קער געטון און אַרויסגעוואָרפן צוויי נאַקעטע מיידלעך. אַזוי האָט מען זיי געפירט — אָן תכריכים... מענטשן האָבן זיך פאַרמאַכט אין די שטיבער, זיך פאַרשטאָפּט די נאָזלעכער, כדי דער שד זאָל זיך נישט אַריינגנבענען, וואָס מיידט נישט אויס קיין שום שטוב...

פרייטיק, איז מיין מומע כאַנציע אויפגעשטאַנען, די חלה פאַרקנאָטן, געהייצט דעם אויוון, דורך איר גאָרטן האָט אַ גרינע אוגערקע געוואונקען, זיך געבעטן עס צו פאַרזוכן. ביים ערשטן ביס האָבן שוואַרצע פּיאַווקעס אָנגעהויבן צו טאַנצן אין איר לייב. די פאַרקנאָטענע חלה האָט פּוכיק געוירן ווי איר לייב. אין אַ פּאָר שעה זענען קליינע יתומעלעך געשטאַנען אַרום איר בעט. קינדערשער געיאָמער האָט געוועקט און מער נישט אויפגעוועקט זייער טויטער מאַמען...

דער שד אין אויוון האָט לאַכנדיק געפייפט, צוגעקנאַקט און איינגעשלונגען די לעצטע שפּענער צוזאַמען מיט איר יונג לעבן...

אַזוי איז אויך איינגעזונקען די חלה, די נישט-געבאַקענע — גרויסע לעכערדיקע פינגער-צייכנס האָבן באַוויינט דאָס ווערן אויס...

אין אַט דער פינצטערער נאַכט האָט דער שד זיך געוואָלט אַ שפּיל טון מיט מיין טאַטע - מאַמע און שוועסטער. אויפן איינציקן בריטן בעט האָבן זיך דריי לעבנס געקאָרטשעט, ווי געביסן פון שלאַנגען אין די אינגעווייד...

אין דעם טאָג, ווו קיין וואַסער איז נישט געווען גענוג צו קילן זייער דורשט, צו לעשן זייערע געשרייען. די טירן פאַרקלאַפּטע, פענצטער פאַרהאַקטע און מיר ווי אין אַ טיפן אָפּגרונט פאַרשלונגען...

אין דעם טאָג ווען די קאָזאַקן האָבן געהאַט זייער ריקצוג: דער טויט האָט אין דער פינצטערער שטוב מיט דריי לעבנס זיך געראַנגלט, די קליינע ברידערלעך זענען ווייענדיק אויף דער ערד אַנטשלאָפן געוואָרן און איך בין געלאָפן פון איינעם צום צווייטן זיי ראַטעווען. אויפן אונטערשטן עטאַזש זענען די מענטשן געזעסן פאַרצאָרנטע. אַלע האָבן מורא געהאַט אַרויפצוגיין, זיי זאָלן זיך נישט אָננעמען און קיינער איז נישט געווען צו העלפן. איך בין אַרונטערגעגאַנגען אַנטלייען אַ ליכט און אַ ביסל וואַסער צו לייגן קאָמפּרעסן. האָט אַ ברום-געטון אַ שטים צו מיינע אויערן: דער ייִד האַלט ביים שטאַרבן...

מיטן טויטן שוועבעלע אין האַנט האָב איך זיך אַרונטערגעקייקלט ווי אַן עפּל די שטיגן. אין מיינע שלייפן האָבן שפּילקעס געזאָטן. מיר האָט זיך געדאַכט: איך שווים דורך פלאַמען אין די רוימען... אין מיין פאַרחלשטן פּחד האָב איך זיך דערמאָנט אַז טאַטע-מאַמע שוועבן אין טויט-געפאַר, זיי זענען אַליין און קיי-

נער לויפט זיי נישט ראַטעווען. איך בין צוריק אַרויף. מיין טאַטנס נאָז איז געווען געל, פאַרשטייפט ווי טריוואָקס. זיינע פיס ווי טויטע קלעצער. מיין מאַמען האָבן פּאָר אַ פּאָר סעקונדן נאָכגעלאָזט די שרעקלעכע קראַמפן, האָט זי ווי מיט וואַ־רעמע פליגל דערוואַרעמט די פאַרשטייפטע פיס פון מיין טאַטן...

באַלד האָבן זיך ווידער אומגעקערט די גיפטיקע שלאַנגען, איינגעקאָרטשעט מיין מאַמען ווי אין אַ קנויל. איך בין אַרויס אויפן פינצטערן גאַניק אויסקילן די נאַסע האַנטעכער פאַר קאָמפּרעסן, זענען מיינע אויגן שיעור בלינד געוואָרן...

די שטאָט איז געווען אַ פייערדיקער גהינום. דער הימל האָט נענטער געבי־דערט צו דער ערד. זיין מאָרגן־קלייד איינגעטונקען אין פייער און אין בלוט... דער דרויסן — אַ פייערדיקער ים... קוילן האָבן געריטשעט ווי שטורעמדיקע כוואַליעס. שויבן האָבן געלאַכט מיט קנאַקנדיקן גלאָז. בריקן האָבן ווי שטייפע אָדערן געפּלאַצט. הייזער האָבן זיך געבאָדן אין רויטקייט. בלוט און פייער האָבן זיך באַפּרוכפּערט ווי גאַסן־פּרויען. צעבלאָזן די רויטקייט איבער הימל און ערד, פאַרגיפטעט דאָס האַרץ פון שטאָט... דורך רויטקייט פון הימל האָט אַרויסגע־קוקט אַ פאַרזעעניש: די לבנה...

אַנטקעגן הויז אין אַ הויף איז געשטאַנען אַן עלטערער ייִד. איבער אים האָט געהירזשעט אַ שטים ווי פון אַ לעמפּערט: דאַוואַי טוואַי באַרישניאַ! דעם ייִדנס הענט האָבן געציטערט. זיין באָרד — אַנטקעגן דער פייערדיקער לבנה. ער האָט געהאַלטן אין איין שרייען:

שמע ישראל! שמע ישראל!

קוילן האָבן פאַרטויבט זיין געשריי. אין מיין האַלדז האָט געשטאָכן ווי מיט קראַפּעווע. עס האָט זיך מיר געוואָלט אַ שפּרינג־טון דורכן פייער, אַרויסרייסן די שווערד פון זעלנערס מערדערישע האַנט. גאָט! ווי קאָנסטו איצט שווייגן! פאַרנעם זיין געבעט! שמע ישראל! שמע ישראל!

איך בין ווי אַ וואַנזיניקע אַריין אין שטוב צו די האַלב־שטאַרבנדיקע. גאָט, פאַרוואָס בין איך געבוירן אין אַזאַ בלוטיקן יאָרהונדערט? מאַך בעסער בלינד מיינע אויגן. ווי קאָן איך ווייטער לעבן — דאָס וואָס איך האָב איצט צוגעזען...

די קראַנקע האָבן געדרימלט. איך האָב זיך אָנגעטאָן אין אַ פאַרגיפטעטער רויקייט. אַזאַ רויקייט פון אויסשיילן זיך פון זיך. איך בין אַריין אין אַן אַנדער צימער. דורך אַ שפּאַרע האָב איך אַרויסגעקוקט, געזען קאַזאַקן זענען געלאָפן אין גאַלאָפּ, פוסגייער זענען אָן די היטלען איבערגעשפּרונגען איינער איבערן צווייטן, פערד האָבן זיך געיאָגט ווי ברייזיקע בייטשן זאָלן פליִען איבער זייערע קעפּ; קוילן האָבן זיך געצונדן ווי גאָלד־פליגן, געפלויגן ווי שוואַרצע רויבפייגל. אין מיין טויטלעכער רויקייט האָב איך אָנגעהייבן צו ציילן די וועגענער: איינס, צוויי, צוואַנציק, הונדערט, טויזנט, געציילט און געציילט. אין זייער ריקצוג האָבן די רוסן פאַרגעסן אין זייערע קרבנות. דאָ און דאָרט איז נאָך געפלויגן אַ שטיין

אין אַ שטוב. שויבן האָבן אויפגעשריִען און אַלץ איז פּלוצלינג שטיל געוואָרן ווי אין אַ ריזיקער מיל וואָלט זיך אָפּגעשטעלט דאָס לעצטע רעדל. די גאַס איז אָפּגעשטאָרבן. מען האָט געקאָנט די שטילקייט מיטן אָטעם אָנטאַפּן. אַ טויטע שטילקייט...

איבער די טראָטואַרן האָט ווי אַ דין גלעקעלע עמעץ אויסגעקלאַפּט טריט פון פּאָדקאָוועס, לעכערנדיק די שטילקייט — מאָרגן אָנזאָג...

איך האָב געהיים אַרויסגעקוקט. אין דעמערונג פון פרימאָרגן האָט אַ בלוי היטל זיך געבלויט. איך האָב אויפגעפּראַלט די טיר צום גאַניק, צו דער גאַס. חורבן פון שטאָט האָט געשטומט, ווי אַ קוואַל וואָס עפּנט זיך פּלוצלינג הינטער אַ שווערן שטיין — האָט מיין שטים אויסגעשריִען — עסטרייך! עס לעבע עסטרייך!

שטילער, שטילער, האָט דער עסטרייכישער רייטער געוואָרנט, זיי שטיל קליינע, זיי קאָנען נאָך צוריקקומען...

איך האָב אויסגעפּלאַצט: זיי זענען שוין לאַנג אַוועק. פאַר פרייד נישט געוווּסט וואָס צו טון. איך בין אַריין אין הויז, געכאַפּט מיינע פאַרבליבענע ציגאַרעטן, געשאָטן איבערן איינציקן רייטער ווי ווייסע שנייעלעך. פאַר עקסטאַז וואָלט איך זיך מיט זיי אינאיינעם אַרונטערגעוואָרפן. איך בין אַריינגעשפּרונגען צו די קראַנקע און הויך אויסגעשריִען: מיר זענען באַפרייט! די עסטרייכער זענען צוריק אַריין!

טאַטע־מאַמע שטייט אויף! די מלחמה האָט זיך געענדיקט. פּלוצלינג האָט דער טאַטע זיך אָנגעהויבן אויסצוציִען. די מאַמע האָט זיך אויפגעזעצט ווי דורך מיין פריידיקער בשורה האָב איך ווי דורך אַ כישוף אַוועקגעבלאָזן די שלאַנג. די געלקייט פון זייערע פּנימער האָט זיך פאַרצויגן ווי מיט אַ רויטן וויין. דער טאַטע האָט ווי אין אַ בייזן חלום געשעפּטשעט: — ענדלעך, ענדלעך זענען מיר באַפרייט...

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

טראָמפּייטן האָבן געשאַלט איבער די גאַסן, פענצטער באַהאַנגען מיט עסטרייכישע פענער און פריידיקע פּנימער. הוראַ־געשרייען און הימנען האָבן געהילכט. הימל האָט מיט קאָנפעטיע גערעגנט איבער די מאַרשירנדיקע זעלנער פון די גאַסן...

איבער ביידע זייטן גאַסן זענען געשטאַנען ייִדן מיט געהויבענע קעפּ. אינמיטן האָבן זיך געצויגן פוסגייער מיט אַריינגעשטעקטע בלומען אין די בלויע היטלען. די ייִדן האָבן אויפגעהויבן די אָפּיצערן אויף די הענט און זיך געדרייט אין אַ ראָד, ווי להבדיל מיט הייליקייטן, געטאַנצט מיט זיי ווי מיט קליינע קינדער....

מיידלעך מיט בלומענדיקע באַקן האָבן בלומען געוואָרפן אויף די מאַר־שירנדיקע סאָלדאַטן. דאָ און דאָרט האָבן זיך רוסישע געפאַנגענע באַוויזן ווי שאָטנס איבער די ראַגן.

פון אַ דערבייאיקן הויז האָט מען איינעם פון אַ הינער־שטייג אַרויסגעשלעפּט. איך בין צוגעשפּרונגען צו אים, פרעגנדיק: קאָזאַק, כאָטשעס באַרישניאַ?!

אַ שפּיי־טון געוואָלט אין זיין פּנים. זיין ריזיקע געשטאַלט האָט מיט אַזוי־פיל מורא זיך געקאָרטשעט אַנטקעגן מיין קליינער פיגור. איך האָב געקראָגן רחמנות אויף אים. אפשר — אין טייוולס שפּיל — איז ער אויך נישט שולדיק? אינעם וועלט־שפּיל פון מאָרדן און רויבן האָט ער פאַרשפּילט דעם קאָן...

## אַ חתונה אויפן בית־עולם...

די כאָליערע האָט אַלץ געדיכטער אירע שוואַרצע פּאָלעס צעפלאַטערט. טויט האָט געקאָסעט די מענטשלעכע לעבנס. אויף יידישע און אויך אויף גוייִשע בית־עולמס האָבן די בערגלעך מיט טויטע זיך געמערט...

די פרומע יידן האָבן געפונען אַ סגולה צו פּראַווען אַ חתונה אויפן בית־עולם... מען האָט אויסגעזוכט אַן אָרעמען בחור און אַ קאַליקע אַ כלה. נדן האָט מען זיי צוגעזאָגט אַ פערד מיט אַ וואָגן מיט אַ ניי־מאַשין און שטאָט האָט באַשלאָסן זיי זאָלן חתונה האָבן אויפן בית־עולם, צוועלף ביינאַכט...

די גאַנצע שטאָט, גרויסע מענטשן און קליינע קינדער, האָבן זיך פאַר־זאַמלט אויפן בית־עולם צו גיין צו דער חופּה. ביי אַלעמען אין די הענט האָט זיך געצונדן צוויי ליכט. די גאַסן זענען גרוי פון מענטשן. ווי שאָף זענען אַלע געלאָפן. סאָלדאַטן פון פאַרשידענע רעגימענטן זענען יום־טובדיק מיטגעגאַנגען צו דער פּראָצעסיע...

אַ בית־עולם. ווייסע שטיינער. אונטער זיי — מתים... איבער זיי — לע־בעדיקע מתים... מיט ציטערדיקע ליכט אין זייערע הענט... אַ ווייסע דערשראָ־קענע כלה מיט אַ שוואַרץ־מוראדיקן חתן. פון הינטער די רוי־פאַרשיטע בערגלעך האָבן מתים געשטערקט זייערע קעפּ צום לעבן. ווייסע שטיינער, גרויע שטיינער, מצבות פון דור־דורות, וואָס האָבן בלויז טויטע מקבל־פּנים געווען, האָבן זיך אָפּגעגעבן מזל־טוב.

אַ חתונה! לעבעדיקע האָבן זיך אויסגעמישט מיט מתים, צוזאַמען האָט מען געטאַנצט אַ טויטן־טאַנץ... קלעזמער האָבן געשפּילט, יידן מיט גע־הויבענע הענט צום הימל האָבן זיך געשלענגלט אין אַ ראָד, געדרייט זיך אַרום און אַרום ווי מיט די הקפות... ציטערדיקע הענט האָבן געפינטלט מיט ברענענ־דיקע ליכט אין דער לופטן. טויטע האָבן זיך פאַראייניקט מיט לעבעדיקע, זיי

זענען איינס געוואָרן אין קאַראַהאָד פון פייערדיקע ליכט. פּנימער האָבן זיך ווייסער פון מצבות געבלייכט...

טויטע און לעבעדיקע, סאָלדאַטן און קלעזמער, קינדער און אַלטע האָבן געטאַנצט דעם טויטן־טאַנץ מיט אויסגעשטרעקטע הענט און ברענענדיקע ליכט...

חתן־כלה האָבן געשפּאַנט ווי געשפּענסטער. דער קאַליקע־חתן מיט דער הינקענדיקער כלה האָבן ווי פון אַ טויטער וועלט געקוקט מיט פאַרשטאַרטע אויגן... איר שלעפּ האָט ווי אַ גלגול זיך נאָכגעשלעפּט, מטבעות האָבן געהאָגלט צו זייערע פּיס. מטבעות האָבן מיטגעטאַנצט דעם טויטן־טאַנץ...

און די מוזיק האָט געסקריפּעט אַ פריילעכס: מזל־טוב! מזל־טוב אייך, מתים! שיידט זיך אָפּ פון די לעבעדיקע! לאָזט זיי לעבן!...

## און ווידער פאָרן מיר אַהיים צוריק אין אונדזער שטעטל...

מיר האָבן געדונגען אַ פור, זיך אומצוקערן אַהיים. דער גוי האָט צוזאַמענגעקליבן אַ באַרג מיט האַלץ, אויפן וואָגן אונדז אַרויפגעזעצט אויף די שפּיצן הערנער פון האָלץ, די רעדער האָבן זיך געלאַשטשעט, געקושט די האַרטע ערד וואָס פירט אַהיים, אַהיים...

פאַרנאַכט זענען מיר אָנגעקומען אין שטאָט. די שטאָט — אַ שוואַרצער באַרג מיט חורבות. אירע ריפּן פון קויל און אייזן, פּעדערן אין רויך־פאַרסמאָליעטע האָבן זיך געשוויבערט אין דער לופטן. אויסגעשאָסענע קוילן פון שראַפּנעלן האָבן זיך געוואַלגערט פאַר די פּיס, געדראָט די טריט מיט באַהאַלטענעם עקספּלאָדירן.

לעבן אונדזער פאַרברענטער שטוב איז געלעגן אַ זאַק מיט צוקער וואָס זעלנער האָבן אין איילעניש פאַרגעסן און מיט זיסע חלומות זענען די קינדער אַנטשלאָפן געוואָרן ביים שוועל פון חורבות...

אויף מאָרגן האָט זון־שטויב מיט גאָלדענע פיילן זיך צעשאָטן פון הימל, אָנגעצונדן פּנימער מיט זון. קיין געלט אויף צום לעבן האָבן מיר נישט געהאַט. מיטן אַנטלויפן פון די רוסן איז דאָס רוסישע פּאַפּיר־געלט געוואָרן ווערטלאָז. און אַזוי ווי איך בין שוין געווען אַ שטיקל פּרנסה־געבערן האָב איך גענומען די פאַרברענטע טשערפּעס, זייערע גלידערלעך אויסגעגליכן, זיי אָנגעטאָן פּאַפּירענע קליידעלעך, געפּונען אַ קאַסטן און אויסגעשטעלט די כלים, זיי אָנגעפילט מיט צוקער, זיך אַוועקגעזעצט מיט מיין שוועסטערל און ברודערל און געוואַרט פאַר קונים. אַ זעלנער האָט געקויפט פאַר אַ פּאָר גראָצער צען שטיקלעך צוקער, די איבעריקע זעלנער האָבן פאַרזוכט, נישט קויפנדיק און מיר קינדער האָבן געהאַלטן אין איין נאַשן. און ווי צוקער האָט זיך צערינען דער טאָג.

אַ רויטער פאַרנאַכט האָט זיך צעגאָסן איבערן שטאָט. פורן זענען געפאָרן מיט אינוואַלידן, פורן מיט פאַרוואונדעטע זעלנער, איינגעהילט אין וואָלקנס שטויב.

זיי זענען שטיק־געבליבן אויפן שטראָז נישט ווייט פון אונדז. דער גאַנצער וועג איז געווען געפּאַקט מיט וועגענער פון רויטן קרייץ...

צו מיינע אויערן האָט זיך דערטראָגן אַ יאָמערן ווי פון אַ נישט־דערשאָכ־טענעם קאַלב. איך בין צוגעגאַנגען צום וואָגן. דאָס געוויין האָט מיין קינדיש האַרץ צעריסן. אינעווייניק אין וואָגן זענען צו צווי פון אויבן, און צווי פון אונטן, געלעגן טויטלעך פאַרוואונדעטע זעלנער... די לייכט־פאַרוואונדעטע זענען געהאנגען לעבן וואָגן אויף טרעפלעך, מיט באַנדאַזשירטע הענט, קעפּ און פיס.

דער רויטער פאַרנאַכט ווי אַ בלוטיקע וווּנד. און די האַלב נישט־דערשאָכ־טענע זעלנער אין די קרייץ־וועגענער האָבן צעשניטן די לופט...

וואָכן, וואָכן, מענטשן ווערן צוגעווווינט צו נויט. מען הייבט אָן אויף דאָסניי. דער ווילן צום לעבן מאַכט פאַרגעסן דעם נעכטן. די אַרויסגעטריבענע קומען צוריק. מען פאַרריכט די פאַרברענטע הייזער. דער ידישער האַנדל זשומעט ווי־דער. דאָס לעבן זידט מיט טאָג־טעגלעכע זאָרגן. צו אָרעמקייט ווערט מען צוגע־וווינט ווי צו אַן אַלטער קראַנקייט. די טאַבאַק־פאַבריק איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ שפּיטאָל, די נאָך נישט צעשטערטע שולן — אין קראַנקן־לאַגערן. טאָג און נאַכט ברענגט מען נייע פאַרוואונדעטע. די גאַסן הילכן מיט מיליטערישע טויט־פאַראַדן, וואָס באַגלייטן אַרויס די נאָמענלאָזע העלדן ערגעץ ווייט, ערגעץ ווייט...

## געזאַנג פון דערוואַכונג

ווען זינגט אויף אַ בלום? ווען וואַכט אויף אַ גראָז? ווען עס זינגט דער ווינט מיט זיך פּייפל געזאַנג... פון בלאָט צו בלאָט, פון בוים צו בוים.

מיידלעך שיינע, רויט־בליקע, שפּאַצירן און פלירטעווען מיט די זעלנער לעבן דער פאַבריק. דאָס געזאַנג פון בלוט איז שטאַרקער פון געבריל פון קאַנאָ־נען... און די טעכטער פון מיין שטאָט זענען שיין. אין זייערע בליטן זינגען די זוניקע פעלדער פון גאַליציע...

און איך בין דין און מאָגער און זוך שוין אויך אַ הונגעריקן בליק פון אַ שיינעם ידישן זעלנער, וואָס קומט אויף מיר ווי אויף אַ קינד.

מיך טאַטע האָט אָנגעהויבן צו האַנדלען און פאַרקויפן פלייש צו די זעלנער. און דאָ קומט איינער, אַ פעלדוועבל, אַריין אין שטוב און באַמערקט מיין מאַמען: איר טאָכטער איז שיין און בליט ווי אַ רויז. ווען איך האָב דערהערט אַזאַ גע־פליגלט וואָרט האָב איך זיך שטאַרק פאַרויטלט.

שפעטער האָב איך באַגעגנט דעם יונגן פעלדוועבל שפּאַצירן מיט אַ שיינער פרײלן און ער האָט מיך דערקאַנט און מיך שיין באַגריסט און מיך געאירצט. פאַר איבעררעשונג וואָס ער האָט מיך צום ערשטן מאָל אין מיין לעבן געאירצט בין איך אַזוי צעטומלט געוואָרן, אַז איך האָב זיך אומגעקוקט, אפשר האָט ער געמאַכט אַ טעות און נישט געמיינט מיך?

איך האָב זיך פּלוצלינג דערזען אַ גרויסע, איך בין שוין אויך אַ פרײלן. דער פעלדוועבל האָט מיך געאירצט...

פון דעמאָלט אָן פלעג איך שטיין ביים שפּיגל, פאַרשנעבלען די ליפּן און דרייען זיך ווי אַ פּאַווע, ווי די גרויסע דערוואַקסענע מיידלעך. און ווען עס פלעגט קומען שבת, פלעג איך שפּאַצירן מיט מיינע חברטעס, דרייען מיט די היפּטן, אַזוי ווי זיי... נאָר קיינער האָט מיך נישט באַמערקט, קיינער נישט, קיינער נישט...

## באָמבעס

די קלויסטער־גלאָקן האָבן געקלונגען מיט פייער־אַלאַרמירנדיקע קלאַנגען און געפּילדער. שיקסעס איז זונטיקדיקע קליידער האָבן זיך אַ לאָז־געטון. זייערע קאָלירטע סטענגעס האָבן געפלאַטערט ווי שמעטערלינגען אַראָפּ, אַראָפּ שטאָט.

נאָך זיי האָט אַ הילך־געטון די לופט. די ערד האָט אַ ציטער־געטון. שויבן זענען צעשמעטערט געוואָרן אין קראַך. דאָס שטעטל האָט זיך איבערגעדרייט אין אַ בויך־ווייעניש. באַלד האָט ווידער זיך צעשאָטן אַ קראַך, ווי די גאַנצע וועלט וואָלט זיך אָפּגעריסן פון דער ערד און די וועלט, אַ פליענדיקע, איז אַראָפּ־געפאַלן אויף אונדזער שטעטעלע מאָנאַסטריטש. מענטשן צאַפּלדיקע האָבן זיך אונטער די בעטן געדרוקט זיך צו שיצן און באַהאַלטן.

אַ דונערדיקער קראַך האָט ווידער אויפגעהויבן די הייזער, זיי אַרונטער־געשליידערט, שטאַלן זענען איינגעפאַלן, פערד צעריסן אויף שטיקער, צוזאַמען מיט מענטשן פון אַלע שטאָט־טיילן...

אַט־דער שרעקלעכער טויט איז אונדז געוועזן אומבאַקאַנט. עראָפּלאַנען און באָמבעס. ווען מיר האָבן פון שרעק געעפנט די אויגן הינטער די בעטן, זענען מיר אַלע געוועזן האַלב־פאַרחלשט. און מאָדנע: די מאַמע מיט אַלע קינדערלעך צום האַרצן צוגעדריקט, איינגעקלאַמערט און אַרומגענומען; די שויבן צעשמעטערט, שטיקער ציגל צעפּאַלענע, מיר האַלב־פאַרבלוטיקטע, נישט ווייט פון אונדזער הויף האָט אַ שוואַרצער גרוב פון אַ ריזיקער באָמבע אויפגעריסן ווי פון אַ שרעקלעכן מעטעאָר...

דער טויט איז שוין געווען דער שוידערלעכסטער פון אַלע טויטן. ביי דער נאַכט האָט קיינער קיין ליכט נישט אָנגעצונדן. דאָס שטעטל האָט זיך איינגע־

האַרבעט אין שוואַרצן טרויער. אויפן הימל האָט איבער דער שוואַרצקייט פון דער נאַכט אַ גאָלדענער לאַמטערן געשפּרייזט: אַ פייַנטלעכער עראָפּלאַן. הינטער זיינע פליגל האָט ער באַהאַלטן דעם זיגל פון טויט איבער דערשראָקענע מענטשן.

מיר זענען געלאָפן צוזאַמען מיט אַנדערע שכנים אין קעלער זיך באַהאַלטן. ווי מיט פאַרפרוירענע וויקלשנורן האָט די קעלט אַרומגעוויקלט די קינדערלעך, וואָס האָבן אין קעלט געגעכטיקט אין קעלער. נאָך באַמבעס זענען געפאַלן איבער דער פינצטערער שטאָט, נאָר איבער פּוסטע ווייטע פעלדער...

פאַרטאָג האָט אַ ווייסער צודעק פון שניי איבערגעצויגן מיט אַ טויטן דעק די שטאָט. פּונקט ווי אויף אַ בית־עולם. ווי עס וואָלט געוועזן ווייסער אייביקער פרידן אויף דער וועלט...

שוואַרצע שאָטנדיקע טעג זענען געקומען אויף אונדזער שטאָט. מען האָט נישט געקאָנט ווייט פון הויז אַוועקגיין, ווייל די געפאַר איז איבעראַל נאָכגע־לאָפן מיט שוואַרצע טויטן־פליגל. די מענטשן זענען געווען אַזוי דערשראָקן, אַז אַ פויגל איז געפלויגן איז מען גלייך געלאָפן מיט גוואַלדן אין קעלער אריין זיך באַהאַלטן, מיינענדיק אַן עראָפּלאַן...

די קרעמערס פלעגן איבערלאָזן די קראָמען. דעמאָלט האָבן גאַסן־יונגען געהאַט אַ געלעגנהייט צו גנבענען...

מיין מאַמע פלעגט כאַפּן דאָס ניי־געבוירענע קינד אויף די הענט און איך — די דורות „גאָלדענע קייט״ וואָס אונדז איז פאַרבליבן פון גאַנצן פאַרמעגן און לויפן מיט די איבעריקע קינדערלעך אין קעלער אריין, זיך באַהאַלטן.

## מיר אַנטלויפן קיין סטאַניסלאַוו

דער ווינטער איז אַוועק. דער קריג האָט געפלאַקערט הינטערן שטאָט. מענטשן האָבן ווידער גענומען אַנטלויפן וואָס ווייטער אַוועק פון דער שוואַרם־ליניע וווהין נאָר די אויגן האָבן זיי געטראָגן.

און אָט זענען מיר אין דער שיינער שטאָט סטאַניסלאַוו. אין אַ פאַרנאַכטיקן רויטן שלייער איז איינגעהילט די שטאָט. מענטשן מיט רויט־גאָלד באַגאַסענע פּנימער. זיי שפּרייזן איבער ברייט־צעשפּרייטע גאַסן. פרויען מיט בלומענדיקע היטעלעך, קינדער מיט נייע באַנעטן אין וואָכנדיקע טעג. ביי אונדז אין מאַנאַס־טריטש פלעגט מען זיי טראָגן נאָר אום שבת און יום־טוב. הייזער מיט אויס־געשטרעקטע טורעמס, ווי פאַנטאַסטישע הענט זאָלן זיך ציען אין די רוימען. מיר בלאָנדזשען דורך אומבאַקאַנטע גאַסן מיט אונדזער פרעמדקייט אַנטקעגן.

אויך דאָ האָבן אומרוען ווי בייזע ווינטן זיך געטראָגן. אַלע טאָג האָט מען געכאַפּט אַנדערע מענטשן צום מיליטער. די קראָמען זענען געווען פאַרשלאָסן.

די מענער באַהאַלטן אין פינצטערע באַהעלטענישן... אין אַזאַ מוראַדיקן טאָג איז מיין טאַטע געגאַנגען אין שטאָט און מער נישט צוריקגעקומען. זי האָט גע־הערט, מיין מאַמע, אַז מען האָט געכאַפּט אַ גרופּע מענער און מען האָט זיי אַוועקגעשיקט. איז זי אַוועק אויסצוגעפינען וואָס עס האָט געטראָפן און מיר קינדערלעך זענען געבליבן אַליין אין גרויסן הפקרדיקן הויז, וואָס מענטשן האָבן געלאָזן אויף הפקר און אַנטלאָפן... די נאַכט האָט ווי אַ בעטלערין זיך אריינ־געגנבעט אין אונדזערע פענצטער. קיין נאָפט האָבן מיר נישט געהאַט. די פינצ־טערניש האָט אונדז אַרומגענומען מיט אירע שוואַרצע לאַפּעס. אויף די ווענט האָבן געשוועבט ריזיקע שאָטן־פערד מיט אויסטערלישע ריזיקע קעפּ און לאַנגע פערדישע פיס... די דרויסנדיקע פערד און וועגן מיט די לאַמטערנעס האָבן געוואָרפן די שאָטנס אין דער פינצטערער שטוב. אין דער פרעמדער נע־ונדקייט האָבן מיר געציטערט אין שרעק.

ווינטן האָבן זיך צעהוליעט. אַ שטורעם האָט זיך געטראָגן. דונערן האָבן זיך צעדונערט. בליצן האָבן זיך גערייצט מיט דער שוואַרצקייט פון דער נאַכט. רעגן האָט געשטאָכן די נאַכט מיט לאַנגע בליציקע נאָדלען. פענצטער האָבן גע־ציטערט ווי קינדערשע הערצער.

אַלע קינדערלעך זענען אַנטשלאָפן געוואָרן, נאָר איך, די עלטסטע פון זיי, בין געשטאַנען ביים פענצטער, געלאָכט מיט די בליצן, געיאָמערט מיט די דו־נערן, און פאַרגאַנגען זיך ווי דער רעגן אין אַ הויכן געוויין, ביז מיין מאַמע איז אַ דורכגעווייקטע אַהיימגעקומען, — מיין טאַטן האָט מען שוין אין אַ צווייטער שטאָט אַוועקגענומען...

טעג, טעג, יאָמערדיקע טעג, טעג בענקנדיקע און נעכט פינצטערע, וואָס רייסן אַוועק טאַטעס פון קינדער, שפּייזערס און באַשיצערס. נאַכטיק געוויין הערן נאָר קישנס שטרויענע און בעטן אייזערנע.

אָבער טעג זוניקע, זון גלעט אַוועק אומעט ביז די נאַכט קומט ווידער מיט אירע מיליאָנען אויגן, דערציילן: — ערגעץ אין אַ ווייטער שטאָט ליגט אַ טאַטע פון זעקס קינדער, ווײנט און שעלט אין דער נאַכט אַריין...

אַ זוניקער טאָג. מיין מאַמע האָט מיר אויסגעוואַשן מיין קאָפּ, פאַרפלאָכטן מיינע צעפּ. איך האָב אַ וווּנדערלעכע באַנד! זי רויטלט זיך שענער פון דער זון. אַ שאָד היינט אָנצוטאָן די זוניקייט... איך וועל זי באַנייען ערשט ווען מיין טאַטע וועט צוריקקומען.

אַזוי האָב איך געטראַכט שפּילנדיק זיך מיט מיין באַנד אַנטקעגן דער זון, ווען אַ מיידעלע איז צוגעלאָפן אָן אָטעם. זי האָט אַ גוטע בשורה פאַר מיר. דערפאַר זאָל איך איר שענקען מיין רויטן באַנד...

שווער זיך צו שיידן מיטן באַנד. דאָס פייערדיקע זייד איז ווי איינגעוואַקסן אין מיין זינגנדיקן בלוט... און אַרויסגעפּלאַטערט פון מיינע קינדערשע פאַרגע־

ניגנס. נאָר אויב די גוטע בשורה איז פון מיין טאַטן — שענק איך איר מיין רויטן באַנד...

זי האָט אויף אַן אמתן געהאַט אַ בשורה פון מיין טאַטן. איך האָב אַ וואָרף געטון איר דעם באַנד, געלאָפן אין מאַגיסטראַט ווו ער געפינט זיך.

פליגל האָבן געהויבן מיינע פיס. איך בין אַריין אין מאַגיסטראַט, געזען מיין טאַטן אין אַ מיליטערישן אוניפאָרם. מיינע אויגן האָבן מיט מיניענדיקע שטויבן געציטערט. איך בין צוגעלאָפן און אַרויפגעשפרונגען אויף זיינע הענט, אים געקושט. נאָר פּלוצלינג — אַ פרעמדע שטים גאָר, איך האָב אַ טעות געהאַט. מיין טאַטע איז צו מיר צוגעלאָפן, אַ דערשראָקענער מיך אַוועקגענומען פון פרעמדן זעלנער, וועלכער איז אויך אַזוי געווען אָנגעטאָן ווי מיין טאַטע... ווען איך האָב אין צעטומלטער פרייד פאַרביטן פאַר מיין טאַטן...

איך בין געווען פרום און געוואָלט פאַרדינען די ערשטע מצווה, פאַר דער גוטער בשורה, לויפן אָנזאָגן מיין זיידע שלמה און באָבע רויזע וואָס האָבן זיך געפונען ווייט אונטערן שטאָט, אויך אַנטלאָפענע, אַז מיין טאַטע, זייער זון, איז דאָ צוריק...

ווידער בין איך געלאָפן. הייזער, וועגן, פערד. אויפן הימל איז געפלויגן אַן עראָפּלאַן. מיר האָט זיך געדאַכט: איך לויף פונקט אַזוי שנעל ווי דער עראָ־פּלאַן, ווייל איך הער דאָך זיין שפּינען איבער מיין קאָפּ. שוין האָבן אַלע הייזער זיך פאַרלוירן, פעלדער האָבן זיך געצויגן, איך בין אַלץ געלאָפן צו יענעם הייז, וואָס ענדיקט זיך הינטער דער שטאָט. איך האָב אויפגעפראַלט די טיר, אויסגע־שריִען: באָבע טייערע, זיידע, דער טאַטע איז דאָ!

מיין זיידע האָט געגעסן. די שיסל האָט זיך אַרויסגעגליטשט פון זיינע צי־טערדיקע הענט. די רייז מיט מילך האָט זיך אויסגעגאָסן. אויף דער שוועל זענען זיך צוזאַמענגעלאָפן פרעמדע הינער, אַריין אין הויז, קלייבנדיק מיט די שנאָבלען די צעשאָטענע רייז... דער זיידע, די באָבע און איך האָבן צוריק גענומען לויפן דורך הייזער, דורך וועגן און גאַסן — צום מאַגיסטראַט, ווו דער טאַטע געפינט זיך. קומענדיק צום אָרט איז מיין מאַמע אַ וויינענדיקע פאַר פרייד געשטאַנען מיט אַלע קינדערלעך, געוואַרט ביז מען וועט דעם טאַטן באַפרייען צוליב די זעקס קינדער.

אין אַ ווינקל האָב איך געוויינט. נישט געוויינט — מיין האַרץ האָט זיך געהוידעט, מיינע קני האָבן געציטערט, דורך לייב זענען געשוווּמען קאַלטע און וואַרעמע שפּילקעס. מיינע הענט זענען אַלץ שווערער געוואָרן, ווי שווערע דעמ־בעס. אַ הויכע מויער האָט זיך אַרויפגעזעצט אויף מיין קאָפּ. אין די אויגן האָבן געטאַנצט שוואַרץ־גרינע פליגעלעך. מיינע ליפּן האָבן געציטערט ווי סטרונעס.

ציינער ווי טאַצן. די ערד האָט אַזוי מוטערלעך מיך אַראָפּגעצויגן נידעריקער, נענטער. מיין גוף האָט זיך ווי אַ רעגנבויגן אויסגעבויגן. איך בין ווי אַ סנאָפּ אומגעפאַלן אויפן וואָקזאַל...

## אין טיפוס - פיבער

אַ פיר־ראַנדיק בעט, מיט ווענט לײדיקע. איך, אַ רויט־באַטופּטע, ווי מיט שטערן־באַגילדטע, ליג, צײַענדיק זיך, שוועבנדיק אין דער לופטן. און אויף די ווענט — סילועטן אין שטריימלעך, רייסן זיך פון קעפּ, בוקן זיך פאַר מיר, באַהאַלטן זיך אין שופלאָדן. פון די שליסל־לעכער קריכן אויגן מיט רויטע באַנקעס, שטעכן, שטעכן אין מיין גוף... ווענט! ווענט! מאַמע! מאַמע!

די ווענט — אַ שוואַרצער קבר — טויטע סאָלדאַטן קומען מיט באַמבעס און שראַפּנעלן, לעכערן די ערד, טאַנצט די ערד, פאַרשיט מיין בעט, פינצטער — שווערער...

— מאַמע, צינד אָן ליכטער! ליכטער! זאָל ווערן ליכטיק!

צינד אָן די ווענט אין פלאַמען! מאַך אַ וועג, לאָז מיך פליִען מיט די פלאַמען, צו די וואָלקנס, מאַמע! מאַמע!

טאַנצן מיידלעך אין ווייסע קליידלעך; מאַמע! מאַמע! איך בין נאַקעט! איך בין אַצינד געבאָרן, פון דיך גוף זיך אויסגעשיילט, איך וויל אַ קלייד, אַ קלייד פון ווייסן זייד! רייס אַרונטער אַלע קליידלעך פון די מיידלעך; איך בין נאַקעט, וויקל מיך אַרום, מיר איז קאַלט, די שטערן פרירן, פלעקן אויף מיין גוף, דעק צו מיין נאַקעטקייט. זיי קוקן דורך שליסל־לעכער, אין שטריימלעך. זינד... זינד... זיי לאַכן. מאַמע! מאַמע! דעק מיך צו, שלינג מיך צוריק אַריין אין זיך... דעק מיך צו מיט מיין נישט־געבוירנקייט, מאַמע! איך וויל אַ קלייד, פון ווייסן זייד, איך בין נאַקעט, נאַקעט!

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

די ליבע מאַמע ברענגט די שניידערן, נעמט די מאָס מיר אויף אַ קלייד. שאַרפע שער שלינגט דאָס זייד, דאַרע רויט־באַשפּריצטע הענט ווינען צו איר: אַ קלייד פון זייד, ניי אויף מיט דער שנעלקייט פון מיין קוקן, מיט דער אומרו פון מיינע אויגן, זאָל איך טאַנצן מיט די שאָטנס, אין אַ ראָד זיך דרייען. שנעל, אַ קלייד פון ווייסן זייד!

מיך מאַמעס אויגן וויינען, גיסן וואַסערן זיך אויף מיין לייב. זי שרייט: תכריכים מיין קינד. ווייסע תכריכים אויף אַ יונגן גוף... נעמט מיר, דער מאַמען, די מאָס, דער מאַמען! דער מאַמען...

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

אויף מיין בעט ליגט אַ קלייד, זינגט מיט זייד, טו עס אָן מיר מאַמע, שנעי־לער, זיי רופן מיך אין ראָד, זיי זאָגן: איך בין אַ ווייסער מלאך, די פליגל האָבן פייגל מיר אָפּגעביסן. איך בין אַ מלאך פון ווייסן זייד; מעסט אָן, מאַמע, מיר דאָס קלייד!

מאַמע, שלאָף מיט מיר, איך האָב אַזוי מורא. ווייסט, מיין טויט קליין שוועס־טערל וואַרגט זיך אין גרוב. זי האָט איינגעשלונגען דעם טויטן טשערפּ פון אירע אויגן־דעקלעך... לאָמיר זי ראַטעווען! זי רופט מיך, קום! די ערד יאָמערט מיט לאַווע אַרויס, מאַמע, איך האָב אַזוי מורא!...

די מאַמע לייגט איר געזונט לעבן נעבן מיינעם, אָטעמט איין דעם טיפוס, הערט נישט די וואָרענונגען פון קיינעם, מיין מאַמע שפּרייט איר לעבן אויס פאַר מיינעם...

טרערן וויקלען דורך די נעכט מיך אַרום, אָבער גאָט איז גוט; מיין מאַמע איז אַ הייליקע, לייטערט זיך פון מיר, ווערט נישט קראַנק, מיין מאַמע ווערט נישט קראַנק...

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

די זון האָט געשיינט מיט מיליאָנען שטויבן דורך די פענצטער. איך וויל אַזוי שלאָפן. זיי זאָגן: איך האָב געהאַט פלעקן־טיפוס, בויך־טיפוס.

אויף מיין בעט ליגט אַ קלייד אַ לאַנגס. די מאַמע זאָגט: איך האָב אַ קלייד געוואָלט. מיין גוף איז שוואַך, איך קאָן נישט זיצן.

איך דערמאָן זיך — מיטן חוש פון אַ ניי קלייד בין איך געזונט געוואָרן...

מאַמע טייערע, מאַמע ליבע! נעם מיך אויף די הענט! מעסט מיר אָן דאָס קלייד, טראָג מיך צו דער זון! צום גאָרטן! איך בין לאַנג געשלאָפן — אָן איי־ביקייט... זעץ מיך אַנטקעגן דער זון. מיינע בלאַסע ליפּן זאָלן קושן אירע לאַנגע לאַנגע פינגער...

## מיר אַנטלויפן אויף בלינדע פראַכט־וואַגאָנען

איבער די ברייטע גאַסן האָבן זיך געצויגן מחנות באַטאַליאָנען. די עסט־רייכישע סאָלדאַטן האָבן געהאַט אַ שווערע נידערלאַגע און געלאָפן אויף צוריק...

קיינער פון דער באַפעלקערונג האָט נישט געוואָלט פאַרבלייבן ווידער מיט די רוסן. און אַלע זענען געלאָפן צום באַנהויף, וואָס האָט אויסגעזען ווי אַ טעמפּל, ווו טויזנטער מענטשן, פון פאַרשידענע שטעט פאַרטריבענע, האָבן זיך געצויגן מיט זייערע קינדער און קלומעקעס צום באַנהויף. מיילן־ווייט האָט זיך געשנירלט די שורה מענטשן. יעדעס פריי שטיקל פעלד האָבן פאַרנומען פליכטלינגע מיט זייערע בעבעכעס, ווי בעטלער וואָס קומען צום גרויסן יאַריד...

די שטאָט האָט אַרויסגעשיקט פרייע לאַסט־וואַגאָנען און אַלע האָבן זיך געשטופּט, יעדער האָט פריִער זיך געוואָלט ראַטעווען. אַלע פאָר מינוט האָט מען אָנגעלאָדן די דערשראָקענע מענטשן. אַזוי שנעל ווי דער צוג איז אַוועק זענען אַנדערע וואַגאָנען אָנגעקומען און די נייע מענטשן־מחנה האָט מען ווידער געלאָדן.

ווען אונדזער ריי איז געקומען, האָבן מחנות מענטשן זיך אַריינגעשטופּט. אַלע האָבן זיך צוזאַמענגעקוועטשט אין וואַגאָן און דער צוג האָט זיך אַוועקגעלאָזט ווי אַ שוואַרצער מאָנסטער, מיט פייערדיקע אויגן, אין דער אומבאַקאַנטער ווייטקייט...

שטעט און דערפער מיט מלחמה־אַנגסט אויף די פענצטער. די וואַגאָנען זענען געווען פינצטער. אויף איינציקע נאַכטיקע סטאַנציעס איז דער צוג שטייןגעבליבן און די יידישע באַפעלקערונג האָט אָפּגעוואַרט די פליכטלינגע מיט שפּייז. מען האָט געטיילט פעטע שטיקער פלייש. די עלטערע מענטשן האָבן נישט געוואָלט פאַרזוכן ווייל עס איז נישט געווען גענוג כשר, נאָר איך פון דער טיפוס־קראַנקייט, אַ טויט־פאַרהונגערטע, האָב זיך נישט געקאָנט זאַט אָנעסן. איך האָב געמאָנט מער און מער. איך האָב נישט געקאָנט שטילן דעם הונגער. צען טעג און נעכט זענען מיר געפאָרן ביז ענדלעך זענען מיר אָנגעקומען אין אַ שטאָט, אויף „קאַראַנטין", קיין ניקולסבורג...

מיר זענען געגאַנגען דורך שלענגלדיקע גאַסן. אַלע פאַרבייגייער האָבן אונדז נאָכגעקוקט מיט שפּאָט. זיי האָבן מורא געהאַט, מיר ברענגען זיי קראַנקייטן צו טראָגן...

אויף מיר האָט זיך יעדער באַזונדער אָפּגעשטעלט. איך בין געגאַנגען אָנגעשפּאַרט אויף אַ שטעקעלע און בין געווען נאָך זייער שוואַך און קראַנק. דורך מיין טיפוס־געלן פּנים האָט אַרויסגעקוקט דער צער פון אַלעמענס פּנימער...

אַ קאָמיטעט פון פירער האָבן אונדז געבראַכט צו די ניקולסבורגער באַראַקן.

ווען מען האָט אויפגעשלאָסן די טויערן האָבן טויזנטער מענטשן פון פריִער פאַרשפּאַרטע אין די באַראַקן, פאַרצאַמטע ווי חיות אין שטייגן, צו אונדז געשריִען. זייער עלנט האָט זיך דערפרייט מיט אונדז, אונדז אַרומגענומען דורך די אייזערנע שטאַכעטן. די באַראַקן זענען געווען אויסגעשטעלט אין רייען. יעדע ריי באַזונדער. ווען מען האָט אונדז ווי די בהמות אַריינגעטריבן אינעווייניק, האָט אַ פאַרפּעסטעטע לופט מיט עיפּושקייט אונדז אַרומגענומען...

אָט־דאָ, אין דער פעסטונג האָט מען געהאַלטן טויזנטער מענטשן פאַרשפּאַרט, אָפּגעצאַמט פון דער גאַנצער וועלט, אויסצוגעפינען אויב מענטשן טראָגן אין זיך באַקטערישע קראַנקייטן. פאַר די אויסגעמאַטערטע מענטשן איז שוין געווען אַלץ־איינס. זיי האָבן געזוכט אַ מקום־מנוחה אויסצוזוכן די שטייפע גלידער. זיי זענען מידע אַוועקגעפאַלן אויפן נאַקעטן שמוציקן דיל. קיין שטרוי איז

דאָ אויך נישט געווען. זייערע פאַרחלשטע קעפּ אָנגעשפּאַרט אויף הענט און קלו־מיקלעך און ווי שיכורים אַנטשלאָפן געוואָרן...

אינמיטן נאַכט האָט אַ ווילדער פּאַניק אויסגעבראָכן צווישן די שלאָפנדיקע. ברוינע און שוואַרצע ראַצן האָבן אַרומגעטאַנצט צווישן די שלאָפנדיקע מענטשן, געלעקט און געביסן די הענט. שמוציקע אינזעקטן — רויטע וואַנצן — האָבן אַרומגעוואַנדערט אויף די ווענט און אויף די מענטשן...

קיינער איז נישט געשלאָפן. קינדער, בלוטיק צעביסן, האָבן געוויינט און מיט זיי די פאַרצווייפלטע מאַמעס.

דורך אַלע שפּאַרעס פון די באַראַקן־ווענט האָבן שלינגנדיקע בלישטשענ־דיקע אויגן גערייצט און געשראָקן... אַלעמענס פּנימער רויט און פאַרשוואָלן. און אַהער האָט מען מענטשן געטריבן און זיי איזאָלירט, זיי זאָלן נישט פאַרשפּרייטן קרענקלעכע באַצילן...

נעכט — אונטער פּיין פון אינזעקטן און מייז און שטשורעס. טעג — אונ־טער געשריי פון הונגער... אַחוץ „קאָלעשע" *) האָט מען גאָרנישט געגעבן צום עסן. דריי מאָל טעגלעך געשטאָפּט אונדז ווי אינדיקעס מיט קאָלעשע און מיט טיי פאַרטרונקען...

פּערצן טעג האָבן זיך געצויגן ווי יאָרן. מענטשן זענען קראַנק געוואָרן. אַ סך זענען געשטאָרבן. יעדן טאָג זענען נייע מחנות פּליכטלינגע אָנגעקומען און אויסגעפּילט אַלע לעכער פון די באַראַקן, צוזאַמען מיט אינזעקטן און ראַצן...

דעם פופצנטן טאָג האָט מען געעפנט די טויערן. מען האָט זיך געקאָנט אַרומקוקן אַרום די אַרומיקע באַראַקן. אין רויטקייט פון זוניקן פרימאָרגן האָב איך ווי אַ טאַנצנדיקער וועוועריק אַריבערגעטאַנצט די דראָטן, געלאָפן ווי אַ לוי־פנדיק וואַסער, אַנטקעגן דער זון. אַ רויטער מויער מיט פייערדיקע ציגל, ווי מיט שטיקער לעקעך האָט געוווּנקען. קולות פון מענטשן האָבן מיך צוגעצויגן, אייזערנע פענצטערלעך האָבן זיך געפלאַכטן ווי זאַלצברעטלעך... אין די ראַמען — פּנימער. מיט קרימענדיקע גרימאַסן ווי אַקראָבאַטן. אַ שילד איז געהאַנגען מיט דער אויפשריפט: „סאַניטאַריום פאַר נערוון־קראַנקע".

דורך איין פענצטערל האָט אַ יונג מיידל געשמייכלט מיט בלוטיקע רויזן אויף די באַקן. זי איז געשטאַנען ווי אַ קוסט אַ זוניקער, געקוואָלן צו דער דרויסנ־דיקער וועלט. פאַרוואָס שטייט זי דאָרט רויִק מיט שטאַרק־פאַרזיגלטע אויגן? ביים צווייטן פענצטער האָט אַ שלאַנקער בחור געשלונגען די ווייטקייט פון די קעפּיקע באַראַקן, געשריִען: ער איז אַ דאָקטער, ער וויל היילן אַלעמען, אויס־היילן די קראַנקייטן, זיי זאָלן אים באַפרייען... זיינע שלאַנקע ווייסע הענט האָבן

*) קאָלעשע — מאַמעליגע.

זיך ווי פּאַלמען געבויגן, — די ליידיקייט אַרומצונעמען, — פּלוצלינג איז ער נישט געוואָרן.

איך האָב לאַנג אַריינגעשריען אין דער פּוסטקייט ווו ער איז געשטאַנען. קיינער האָט נישט געענטפערט...

פּלוצלינג איז ער ווידער אויסגעוואַקסן, מיט אויגן ווי שוואַרצע לבנות. פון אַ צווייטן פענצטער, האָט אַ האַרצרייסנדיק געוויין צעשניטן די רויטקייט פון הימל: — אַ מעסער! גיט מיר אַ מעסער!

אַ מיידל איינגעוויקלט אין אַ צוואַנגס־יאַקע האָט געיאָמערט: גיט מיר אַ מעסער! באַפרייט מיך!

פאַר מיינע אויגן האָבן מעסערס געטאַנצט אין דער לופטן אין אַ פלאַקער־דיקן מעסער־טאַנץ... איך בין אַ וויינענדיקע צוריקגעגאַנגען אין באַראַק און איר געוויין איז פאַרטרונקען געוואָרן ווי דאָס געוויין פון שאַקאַלן ערגעץ אין אַ טאָל...

## מיר פאָרן ווייטער

נעכט שלעפּן זיך. מאָנאָטאָנע נעכט. נאָך די נעכט ווי שוואַרצע האָוקענדיקע הינט לויפן נאָך וואַגאָנען. סאָפּענדיקע חיות ריטשען איבער לויפנדיקע פעלדער. אין די וואַגאָנען איז שטענדיק נאַכט. טאָג קוקט אַריין פאַרשעמט דורך די שפּאַ־רעס פון פענצטערל, לאָזט אַ פרייען וועג פאַר דער אייביקער נאַכט אין פינצ־טערן וואַגאָן. רויך שניידט זיך דורך אַ וועג אויף בלאָנדזשענדיקע פעלדער. מיר דאַכט זיך: מיר פאָרן אַזוי אייביק, געבוירן אין פינצטערער נאַכט אין וואַגאָנען. דאָס פייפן פון צוג האָט זיך איבערגעריסן, טירן האָבן זיך געעפנט, לויפנדיקע שאָטנס מיט פעקלעך האָבן זיך ארונטערגעקייקלט אויף דער ערד, גרויסע מענטשן האָבן מיט פאַרשלאָפענע פּיס ווי קליינע קינדער זיך געלערנט גיין. אַ ווייסע ציג האָט פון ערגעץ זיך אָפּגעריסן, אונדז אַנטקעגן געלאָפן. נאָך דער ציג — אַ מחנה אונגאַרישע שיקסלעך מיט שקאָצים אין בלויע האַלבע פאַרטוכער זי ראַ־טעווען, מיינענדיק, מיר זענען ציגיינער... זייערע מאַמעס זענען אַרויסגעלאָפן מיט שעפלעך שוימענדיקע מילך; זיי האָבן זיך דערוווסט מיר זענען פליכט־לינגע...

עס איז אָנגעקומען דער „שעריף" פון דאָרף מיט אַ פּאָר בעל־הבתים. זיי האָבן געטראָגן בלויע פאַרטעכער און יעדע פליכטלינג־פאַמיליע האָט מען אָוועק־געפירט אויף אַ פור אין אַ באַזונדערן דאָרף...

אונדזער גאַנצע משפּחה האָט זיך אַרויפגעזעצט אויף אַ פור. די זון האָט זיך געבאָדן אויף די פעלדער. די פור יאָגט זיך ווי אַ שטורעם. רייען טרויבן מיט גאָלד־בלויע קרעלן טאַנצן פאַר דער זון. רייען טרויבן מיט שוואַרצע שטע־

קעלעך ווי לויפנדיקע פֿאַרלעך שיסן נאָך מיט פֿיילן זון דער שווינדלדיקער פֿור. גרינע סאַמעטענע טעפּיכער שפּרייטן זיך, ציִען זיך אויף פֿעלדער. סנאָפּעס היי טורעמען זיך ווי פּיראַמידן צום הימל. אויסגעצויגענע פֿרויען וויגן זיך מיט די קיילעכדיקע היפּטן, מיט רונדע קוישן אויף די קעפּ. מיר האָט זיך געדאַכט: גאָלדענע לבנות שוועבן און וויגן זיך אין דער לופֿטן...

אונדזער פֿור פֿליט מיט גאָלד־שטויב פֿעלדער, טרויבן און פֿלוימען־ביימער טאַנצן אויף צוריק, ווי אַ פֿייערדיקער וויכער האָבן די רעדער אויפֿגעוועקט די שלאָפֿנדיקע שטיבלעך פֿון בײדע רייען...

אַ דינער אומעטיקער גלאָקן־קלאַנג פֿון אַ ווייטן קלויסטער האָט אָנגעזאָגט: מיר זענען דאָ. פֿון די פֿאַרנאַכטיקע פֿעלדער זענען אָנגעלאָפֿן בהמות מיט גלעק־לעך. בהמהשע אויגן האָבן טאַמעוואַטע אונדז אָנגעגלאָצט, לויפֿנדיק אין די שטאַלן.

אויפֿן איינציקן דאָרפֿישן שטראָז איז טומלדיק געוואָרן. די ציגײַנער זענען אָנגעקומען. גויִים האָבן פֿאַרמאַכט די לאָדנס, אָפּגעבינדן די הינט צום בײַסן... בלויז אין ייִדיש־דײַטשע פֿאַמיליע האָט געוווינט אין שטאָט. האָבן די אויפֿזעער אונדז אָפּגעגעבן אַ שטאַל צום שלאָפֿן און פֿאַרשלאָסן הינטער אונדז די טיר...

ווי איז אַ שוואַרצן פֿינצטערן אָפּגרונט זענען מיר געלעגן. מײַן מאַמעס טרערן האָבן אונדז געבאָדן... קינדערשע טרערן האָבן קריעה־געריסן פֿון דער נאַכט, קריאת־שמע געלייענט און זיך אײַנגענורעט ווי קליינע הינדעלעך אונטער דער מאַמעס פֿליגל — און אַזוי אַנטשלאָפֿן געוואָרן...

אין חלום האָבן מיר קינדערלעך, אין ווײַסע העמדעלעך, זיך געטובלט אין לבנה אויף ווײַסע בעטן. מיר האָבן אַרויסגעקוקט דורך שויבן ווי בלױענדיקע וואַזאָנעס. פֿאַרטאָג האָט אַ מרוקען אונדז אויפֿגעוועקט. אונדזערע שכנים פֿון דער צווייטער זײַט שטאַל — די בהמות, האָבן צו אונדז געמרוקעט: גוט־מאָרגן!

## אין דאָרף פּערעניע

אויף מאָרגן האָט אַ בלויער כּאָרהאַנג זיך געצויגן איבער דער לופֿט. גאָל־דענער שפּינוועבס האָט צעשויבערט אונדזערע קעפּלעך, ראָז און וויאָלעט האָט זיך געבאָדן אין קרישטאָלענע שלייערן אויף גרינעם גראָז פֿון מאָרגן־טוי...

אַ נײַער טאָג איז געקומען. קיין באָמבעס וועלן מער נישט האָגלען. מיר וועלן זיכער אָטעמען גאָטס שמעקנדיקע לופֿט... מיר וועלן קריכן אויף שפּיצן ביימער, רײַסן בלוי־זאַפּטיקע אונגאַרישע פֿלוימען... דער הונגער האָט זיך אויפֿ־געכאַפּט און געגאַנגט ווי פֿיִאַווקעס אין די קינדערשע געדערים.

איך בין געגאַנגען מיט מײַן שוועסטערל צום „שעריף" אין זײַן הויז בעטן עפּעס צו עסן. ער האָט נישט פֿאַרשטאַנען אונדזער שפּראַך — האָב איך אויפֿ־

געהויבן זערנעס און אים אויף שטום-לשון געוויזן צום מויל, אַז מיר זענען זייער הונגעריק, מען זאָל אונדז געבן עסן... און אַזוי אויף שטום-לשון האָבן מיר געקראָגן שפּייז.

מען האָט אונדז אַוועקגעפירט ערגעץ אין אַ געוועזענער ציגעלניע, וואָס איז געשטאַנען פאַרלאָזט אויף אַ הויכן בערגל. אויפן שפּיץ בערגל איז געשטאַנען אַ ווייס הילצערן שטיבל פון איין גרויסן צימער מיט אַ סאַך קליינע פענצטערלעך. עס האָט אויסגעקוקט פון דער ווייטנס ווי אַ ווייסער פויגל מיט רינגען אין די אויערן. ביי די פענצטער האָט אַ דין וואַסערל זיך געשלענגלט, אויפן גרונט פון וואַסער האָבן שוואַרצע פּיאַווקעס אין אַ משוגענעם טאַנץ זיך געוויכערט און זיל־בער־פישלעך האָבן זיך געמיניעט אַנטקעגן דער זון.

די ציגעלניע איז געשטאַנען אינגאַנצן אַ פאַרלאָזטע, מיט זילבערנעם שפּינ־וועבס אַרײַנגעוועבט. נאָר די רויטע ציגל האָבן געבלענדט אַקעגן דער זון, ווי פאַרבליבענע שטיקער ווונדן פון אַ רויט־זשאַרנדיקן אויוון. הינטער דער פליצע פון שטיבל איז געווען אַ גרויסער סאָד, מיט אַ סךביימער און רויטע עפּל. זיי האָבן ווי רויט־ברוסטיקע מיידלעך געווונקען, געווונקען...

אונטער אָט־די עפּל־ און פלוימען־ביימער פלעג איך ליגן און חלומען. יונג קינדיש לייב פלעגט זיך ציִען הינטער בלויען טלית פון הימל. די זון פלעגט ווי אַ רויטע שטעכיקע שפּין זיך צעבליִען אויף מיין לייב און מיך קושן. יונג־קינדישער קערפּער פלעגט בענקען, בענקען... מיינע אויגן אין מיניענדיקע שלייערן. איך בין געלאָפן אַ צעזונגענע אין וואַלד מיט אָנגעצונדענע ליפּן — קושן די לופט. מיינע האָר, צעפלאַטערטע ווי גאָלדענע זאַנגען אין פעלד. דאַן אַ צעבליטע לויפן צום וואַסערל, פאַרקאַטשען מיין קליידל, די נאַקעטע פיס שפּיזן אין וואַ־סערל, די זינגענדיקע פונקען אין מיין לייב פלעגן זיך דערשרעקן פאַר די שוואַרצע פּיאַווקעס פון שפּיגל־וואַסערל און אַנטלויפן..

עס איז געווען אַ הייסער טאָג, דער ווינט האָט פאַרצויגן זיין האַלדז, קיין בלאַט האָט זיך נישט גערירט, אַלץ איז ווי פאַרגליווערט געוואָרן, די ערד אַנ־געשוואָלן מיט שטויב, דאָס וואַסערל פאַרצויגן מיט אַ גרינער הויט, אין די קוסטעס האָבן פאַרהלשטע קלאַנגען געקוואָקעט, געשריִען אויף דער ברענענ־דיקער היץ. איך בין געלעגן אונטערן שאָטן פון בוים, ביי מיינע קניִען די ווייטקייט...

אַ וואָלקן שטויב אין גרויע רייפן האָט זיך געדרייט פאַר מיינע אויגן. פונעם שטויב האָט זיך אויסגעשיילט אַ שוואַרצער פלעק און ווי אין אַ גרויסער ראַם האָט זיך געשאַרט אַן אַלטער ייִד מיט אַ ווייסער שטויביקער באָרד. אַ גרויער זאַק האָט זיך געהאָרביקט אויף זיין געבויגענעם רוקן. די געשטאַלט — ווי מיין זיידע יאָסל, נאָר אַ סך, אַ סך עלטער.

איך בין אויפגעשפרונגען. דער גרויער פלעק האָט אַלץ נענטער געשאַרט זיך. איך בין געלאָפן אַנטקעגן. דער טיפער שטויב האָט מיך אין זיין נעץ אַריינ־געצויגן. איך בין געשפּרונגען אַריין און אַרויס, ווי אויף שטויביקע טרעפּ. גריבער זענען געוואָרן פון מיינע טריט. דער גרויער שטויביקער סילועט איז צוגעשווומען נענטער. איך האָב דערזען מיין אמתן זיידן...

אַ מחנה קינדערלעך זענען אים נאָכגעלאָפן, אים אַרומגערינגלט פון אַלע זייטן און געשריען: „סאַנטאַ קלאַוז״! „סאַנטאַ קלאַוז״! דעם זיידנס טיפע קלוגע אויגן האָבן געקוקט און געקוקט, ער האָט נישט פאַרשטאַנען וואָס זיי שרייען...

זיידע! מיין זיידע! בין איך אים אַנטקעגן געלאָפן. זיין גרויער זאַק איז אַראָפּ־געפאַלן אויף דער ערד, אַרום זיינע צעקנייטשטע אויגן האָבן זיך פאַרצויגן זילבערנע שנירלעך, געקאַפּעט אויף מיר ווי צעגאַנגענער אייז.

איך האָב אים פאַר דער האַנט גענומען, געפירט מיין אַלטן זיידן באַרג אַרויף צו אונדזער וויסן שטיבל...

דערציילט האָט אונדז דער זיידע, ער איז צוזאַמען מיט דער באָבען געקומען קיין ניקולסבורג אין די באַראַקן. דאָרט האָט ער אויסגעפונען וווהין מען האָט אונדז פאַרשיקט. אָפּזיצנדיק מיט דער באָבען פערצן טעג, „קאַראַנטין״, האָבן די פליכטלינגע זיך אויפגעזעצט אויף אַ צוג, ווייטער צו פאָרן. דערווייל איז דער זיידע אַראָפּ פאַר אַ מענטשלעכער פונקציע. ביז דער זיידע איז פאַרטיק געוואָרן איז דער צוג מיט דער באָבען אַוועקגעפאָרן... און איידער וואָס־ווען האָט שוין אַן אַנדער צוג אויפגענומען נייע פליכטלינגע.

ווער קאָן זיך פאַרשטעלן דעם צער פון מיין זיידן? די באַן איז אַנטלאָפן מיט דער באָבען... פאַרצווייפלט האָט ער געבעטן. עס איז געווען מלחמה־צייט און עס איז געווען פאַרפאַלן. קיין צוג האָט מען נישט געקאָנט אָפּשטעלן צוליב אים. זיי האָבן נישט געוווּסט אַפילו וועלכן...

אַזוי איז ער געפאָרן מיט אַן אַנדער צוג — געפירט פון אַ קליינעם שטיקל פּאַפּיר, אונדזער אַדרעס, געוואַנדערט מיטן זאַק פון דאָרף צו דאָרף, ביז ענדלעך אונדז געפונען. זיינע קליידער זענען געווען צעריסן. דורך דער צעריסענער קאַפּאָטע האָט אַרויסגעקוקט עלנבויגנס מיט שוואַרץ צעקראַצט לייב...

זיינע פינגער צעבלוטיקט פון קראַצן זיך. מיר זענען געווען אַזוי אָרעם אַפילו זאַכן אויף צו איבערבייטן האָבן מיר נישט פאַרמאָגט. דער טאַטע האָט פון זיידן אַראָפּגענומען די שמאַטעס, אים איינגעוויקלט אין אַ דעק, געפירט אים צום וואַסערל זיך וואַשן, דאָס וואַסערל איז שוואַרץ געוואָרן פון זיין לייב...

אויף דער צווייטער זייט טייכל האָבן קינדער זיינע קליידער געוואַשן און געקליבן די לייז... און מאָדנע — מיר האָבן זיך גאָרנישט געעקלט. ווי אַ הייליקע אַרבעט געטון... פון דער ווייטנס האָט זיך געטראָגן אַ וויינענדיקער ניגון, דעם זיידנס ניגון... ער האָט געדאַווענט מנחה...

די זון איז אונטערגעגאַנגען ווי אַ קיילעכדיקער פייער־ראָד ביים האָריזאָנט. די שאָטנס פון ביימער האָבן אין שפיגל פון וואַסער געציטערט מיט זייערע צווייגן ווי לירעס...

דער טאַטע האָט אויסגעלייגט דעם זיידנס קליידער צום טריקענען אויפן גראָז. דער געפּונענער זיידע האָט זיך אָנגעשפּאַרט אויפן גראָז און אַלע קינדערלעך האָבן זיך אַרומגעזעצט אַרום אים. ער האָט אונדז דערציילט מעשיות. מיר זענען געזעסן אַרום זיידן דרימלענדיק אויך ווי אין אַ מעשהלע...

ווען די נאַכט איז געקומען האָבן מיר נאָר איין „פּרוטש" געהאַט פון פיר צוזאַמענגעקלאַפּטע שטאַנגען אויף צו שלאָפן. אַלע קינדערלעך האָבן געוואָלט שלאָפן מיטן זיידן.

עס איז געבליבן דריי ברידערלעך זאָלן שלאָפן צוקאָפּנס און איך מיט מיין שוועסטערל טויבעלע צופוסנס. דאָס קלענסטע האָט געמוזט נעבעך שלאָפן מיט טאַטע־מאַמע אויף דער ערד. ביי דער נאַכט האָב איך געהאַט אַ וווּנדערלעכן חלום. עס איז יום־כפור. די וועלט האָט זיך אָפּגעטיילט פון ערד אין אַ רעגנבויגן־בריק... מענטשן ציִען זיך צום רעגנבויגן אין ווייסן אָנגעטאָן. מיר קינדערלעך זענען אויף אַ שיף. דער זיידע שטייט ווי אַ געטלעכע געשטאַלט אויסגעצויגן גלייך און אַלע קינדערלעך טאַנצן אַרום אים אַ טאַנץ פון שלאָף. מיט שלאָפנדיקע הענט, מיט שלאָפנדיקע פיס, טאַנצן מיר. דורך די פענצטערלעך שפּרינגען אַריין נאַ־קעטע קינדערלעך מיט פאַרשלאָפענע קעפּלעך, די שיף וויגט זיך ווי אין שלאָף, אַ שלאָפנדיקע נידערט אַראָפּ די שיף אויף דער ערד... און אַלע טאַנצן מיר דעם טאַנץ פון שלאָף... איך האָב זיך אויפגעכאַפּט אַ דערשראָקענע, גענומען מיין זיידנס פיס די געשוואָלענע און פאַרמוטשעטע פון וואַנדערן, און מיין שוועסטערל האָט אויך אַרומגענומען די פיס. ווי ליב און הייליק מיין זיידע איז געווען אונדז... און אַזוי זענען מיר אַנטשלאָפן געוואָרן אין שטילער פרידלעכער רו...

## אַסענט־ירט

לאַנגע בייטשן רעגן האָבן די פענצטער פאַרבלינדט. אויפן ליימיקן דיל ביי דער טיר זענען קינדערלעך געלעגן, געקלאַפּט מיט די פויסטן אין טיר, געוויינט: דער טאַטע אַ זעלנער! וואָס וועלן מיר טאָן? מען נעמט ביי אונדז ווידער צו דעם טאַטן... דער טאַטע איז געשטאַנען, אַן אויסגעצויגענער, מיטן ווייסן פּאַפּיר אין האַנט, ווי מיט אַ טויט־אורטייל... און די קינדער האָבן געוויינט: דער טאַטע איז אַ זעלנער.

נאָר די מאַמע איז געשטאַנען אין אַ ווינקל, זי האָט נישט געוויינט, נאָר דאָס פּנים איז געווען אַ פאַרגליווערט שטיק פון געוויין... זי האָט נישט געוויינט...

דאָס שוואַרצע לאַנגע קלייד האָט אַראָפּגעווײנט צו דער ערד. אַרום אירע אויגן האָבן זיך צעשניטן שוואַרצע שפּיגעלעך־געווײן... זי איז געשטאַנען פאַר־חלשט ווי אַן אויסגעצערטער פלאַם, אַ פאַרלאָשענער. אירע ליפּן איינגעביסן, און רויט בלוט האָט געטריפט ווי פון א ליכט, טראָפּ נאָך טראָפּ... און אַן אומ־זיכטבאַרע האַנט האָט געמאָלן אויף אירע באָרוועסע פיס און ליימיקער ערד רויטע בלומען און קיינער האָט זיך נישט גערירט עס איינצוזאַמען...

דער טאַטע מיטן פּאַפּיר, דער אַסענטירטער זעלנער, ווי איינגעוואַקסן אין דער ערד. מיר אויפן דיל, און די מאַמע אַ פאַרצאַגטע שטומע סטאַטוע...

כאָטש גוט וואָס דער זיידע איז אַוועקגעפאָרן צו דער באָבען אין אַן אַנדער דאָרף און זעט נישט צו אונדזער עלנט... בלויז נאָך איין נאַכט האָט דער טאַטע געדאַרפט מיט אונדז פאַרבלייבן. אין פיר־און־צוואַנציק שעה האָט ער געמוזט איינרוקן נאָכן מיליטערישן באַפעל... אויב נישט האָט אים געדראָט טוים־שטראָף...

כאָטש פון שטענדיק אָן האָט ער געהאַט קראַמף־אָדערן אויף זיינע פיס האָט מען נישט קוקנדיק אויף דעם באַשטימט אים גלייך אויפן איטאַליענישן פראָנט...

מיין מאַמע האָט זיך געבעטן ביי אים: זי וועט אויסגעפינען אַ הייל אין די בערג, אים באַהאַלטן. די לעצטע נאַכט האָט זיך אָנגעשיכורט מיט אונדזערע טרערן...

ווען אַלע זענען שוין כמעט ווי געשלאָפן, איז מיין מאַמע אַראָפּ און צוגעגאַנגען צום טאַטן אויף די שפּיץ פינגער, געגלעט זיין פנים, ווי אַ ווינט אַרומגעבלאָנדזשעט אַרום זיינע הענט. דאַן האָט אַ פאַרחלשט געשריי איבער־געריסן די נאַכט, אַזוי ווי מען טיילט־אָפּ נשמה פון גוף. מיין מאַמע האָט געשריִען אין דער נאַכט דאָס געשריי פון טויזנטער פרויען און מאַמעס ווען מען רייסט ביי זיי אַוועק דאָס הייליקסטע. דאַן געבליבן שטיל. מיטן זעלבן צעוויינטן פנים געקוקט ווי די נאַכט איז צעגאַנגען אין שוואַרצער בלאָטע...

## ערב יום־כפור

די ערד איז געווען אַזוי פייכט און אויסגעוואַשן ווי אונדזערע טרערן. די ביימער צעשויבערט מיט אַראָפּגעלאָזטע קעפּ.

מיין מאַמע האָט זיך געגרייט באַגלייטן דעם טאַטן אין שטאָט אַריין קיין סאָמבאַטהעל, ווו אַלע אַסענטירטע סאָלדאַטן וואַרטן. זי האָט אָנגעפּאַקט ברויט אין זיין רוקזאַק. ווען דער טאַטע האָט זיך געזעגנט מיט די קינדער האָבן די בערג זיך איינגעהאָרבעט פאַר ווייטיק און געשרייען...

מיר האָבן ערב יום־כפור אַרויסבאַגלייט דעם טאַטן. די לופט האָט זיך צעריסן פון אינדזער געוויין און צער. שפּעטער, ווי לעבעדיקע יתומים, זיך צוריקגעקערט אין דער ליידיקייט פון שטוב.

ווען נאַכט איז געקומען, יום־כפּורדיקע נאַכט, זענען ציגיינער אָנגעלאָפן אויף די פעלדער אַרום דער ציגעלניע, ווי שוואַרצע פלעדערמייז. זיי האָבן זיך באַהאַלטן אונטער די ציגל און פלויטן. מוראדיקע קלאַנגען האָבן געלעכערט די לופט...

זעקס קינדערלעך אין מיטן פעלד אַליין, אום יום־כפור, אַרום אונדז ציגיי־נער. מיר האָבן זיך אַרומגענומען; אַ רויטער הימל האָט זיך אָנגעצונדן, ווי ברע־נענדיקע הייזער זאָלן פלאַמען דאָרט אויבן. רויטע כמאַרעס ווי חיהשע קעפּ האָבן מיט רויטע צינגער פאַרשלונגען דעם הימל. חיות האָבן אין פייער־טייכן זיך געבאָדן...

פּלוצלינג האָט אַ רויטער בעזים זיך באַוויזן אויפן הימל... אַ שוואַרצע כמאַרע האָט פאַרצויגן דעם גאַנצן הימל. בלויז דער רויטער בעזים מיט פייערדיקע ריטער האָט געקערט דעם הימל — אַלעמענס זינד פאַרקערט... אפשר איז עס געווען אַ רויטער שד, וואָס האָט זיך געשפּילט מיט דער וועלט אין מלחמה? דער שד האָט זיך באַוויזן צום יום־הדין...

אַ שרעקלעכער פּחד האָט אונדז, קינדערלעך, אַרומגענומען. ביים אַריינגאַנג פון שטיבל איז געשטאַנען אַ לייטער. מיין זיידע ווען ער איז געקומען — האָט אָנגעקלאַפּט אַ מזוזה. מיר האָבן זיך אויסגעשטעלט אַלע אין אַ ריי. איך בין די ערשטע אַרויף אויף דער לייטער, נאָך מיר — מיין שוועסטערל, נאָך איר — אַ ברודערל, נאָך אים — די איבעריקע קינדער, מיט דערשראָקענע פּיסלעך פאַר־פלאָכטן אין אַ שווערן צאָפּ דעם לייטער. מיר האָבן געשטרעקט די פינגער צו קושן די מזוזה, בעטן גאָט פאַרן טאַטן. מיר זענען געשטאַנען אויפן לייטער, דינע וויינענדיקע פינגער האָבן זיך געצויגן אַרויף צו דער מזוזה. עס האָט זיך געדאַכט דער הימל האָט זיך איינגעבויגן איבער אונדז, פאַרהיט אונדז ווי אַ שוואַרצע, גאָלדענע חופּה...

ווען איך האָב דערגרייכט דעם שפּיץ פון לייטער האָב איך צוגעלייגט מיינע וויינענדיקע ליפּן צו דער מזוזה... פון דער וויטנס איז אַ שיקסל געשטאַנען, קוקנדיק אויף אונדז האָט זי זיך געצלמט און מיטן פאַרטוכל זיך געווישט די אויגן: „סעגין זשידיע", „סאַנטיש זשידיא *), געמורמלט...

מיט ערב יום־כפורדיקער הייליקייט זענען מיר צוריק אַריין אין שטוב. מיר האָבן אַלע קריאת־שמע געלייענט און זיך שלאָפן געלייגט אַליין, אָן טאַטע־מאַמע, אין וואַלדיקן שטיבל.

---

*) אָרעמע יידן.

איך האָב זיך דערמאָנט יום־כפּור אין דער היים: אויף אַלע פענצטער ליכט צעצונדענע, די נאַכט לייכט מיט ליכט און טריפט דעם אייביקן ייִדישן טרויער...

אָבער היינט? מיין מאַמע איז אין אַ פרעמדער שטאָט און מיר קינדערלעך האָבן אָנגעצונדן ליכט אין הימל, דער גאַנצער הימל האָט אין פלאַמען גע־ברענט... אונדזער אָרעמער טיש איז שוואַרץ און פינצטער; אינדרויסן באַ־וואַכן אונדז ציגיינער. אפשר וועלן זיי אונדז צוגנבענען אין דער נאַכט, מיר וועלן מער נישט זען טאַטע־מאַמע?

שוואַרצע פאַקלען פלאַקערן אין דער נאַכט, שרעקן און ווערן ניט... ווערן ניט...

## איך פאָר קיין ווין

די גרינע בערג אַרום אונדזער הויז שפּרייטן זיך, גלייכן־אויס זייערע גע־האָרביקטע רוקנס הינטער מיינע לויפנדיקע טריט. איך שפּאַן מיט איינגעהאַל־טענעם אָטעם. יעדער גליד האָט דערוואַכט אין מיר. פרילינג האָט געבליט אויף מיין קערפּער. איך בין געוואַקסן ווי אַ ווילדער בוים דאָ אין פעלד. מיט בענק־שאַפט האָב איך אויסגעחלומט צו פאָרן קיין ווין זיך לערנען. דורך די נעכט פלעג איך זען דעם קייסער, רייטנדיק אויף אַ ווייסן פערד, דאָס פאָלק גייט אים נאָך, מיט געוויין און בעט, ער זאָל אָפּשאַפן מלחמה, באַפרייען די טאַטעס און זיי שיקן צוריק צו די פרויען און קינדער...

איך האָב געזען זיך אין ווין, ווי איך שטיי ביים פּאַלאַץ און דער קייסער קומט אַרויס צו מיר און ווי אסתר־המלכה בעט איך פאַר מיין טאַטן און פאַר אַלע טאַטעס, ער זאָל זיי באַפרייען...

די מאַמע האָט אָנגעפּאַקט אַ סך פּעקעלעך מיט מעל, איך זאָל ברענגען טאַנטע מירציען קיין ווין. ביי איר וועל איך איינשטיין אויף קוואַטיר און טאַנטע מירציע האָט אונדז געשריבן איך זאָל איר ברענגען פרישע פּוטער פון אונגאַרן.

ביי אונדז אין דאָרף, אין פערעניע, האָט מען נישט געקאָנט זיך פאַרגינען צו עסן פּוטער, בין איך געפאָרן קיין סאַמבאַטהעל צו קויפן פרישע פּוטער פאַר מיין טאַנטע.

די שטאָט סאַמבאַטהעל איז געווען אַ הערלעכע שטאָט און די פויערטעס האָבן אויסגעקוקט, ווי ביבלישע געשטאַלטן מיט זייערע רונדע קוישן אויף די קעפּ. איך בין צוגעגאַנגען צום מאַרק־פּלאַץ און אין גרינע פרישע בלעטער זיינען געלעגן גאָלד־שמעקעדיקע פּוטער. דערווייל בין איך פאַרכישופט געוואָרן פון פאַרשידענע גרינצייגן, וואָס איך האָב פריִער קיינמאָל נישט געזען. זיי האָבן געשמעקט מיט פרישער גאָרטן־ערד. שפּאַצירנדיק אַזוי אַרום צווישן די פאַרשידענע ווונדערלעכע קוישן, אָנגעפילט מיט פרישע געמיזן און גרינצייג

האָב איך אויסגעקליבן דריי פונט פּוטער, אויסגעבעטע אין ריזיק גרינע בלעטער און איך וויל אויפעפענען מיין טאַש אַרויסצונעמען דאָס אָפּגעשפּאָרטע געלט צום באַצאָלן. איך זע אַ שניט אין טאַש און דאָס געלט איז פאַרשוווּנדן. דער הימל איז אַראָפּגעפאַלן אויף דער ערד. איך האָב זיך אַזוי צעשריִען — דער גאַנצער יאַריד מיט אַלע פּאָליצייליט זענען זיך צוזאַמענגעלאָפן און איך גרויסן מענטשן־קנויל. מען האָט צוגעגנבעט מיין געלט, דאָס לעצטע געלט, וואָס איך דאַרף פאָרן קיין וויִן. איך האָב אַזוי ביטער געוויינט, אַז אַלע מענטשן האָבן אויך אָנגעהויבן צו וויינען און שעלטן דעם שרעקלעכן גנב, וואָס האָט דווקא מיך אויסגעקליבן פאַר זיין קרבן...

איך געדענק נישט ווי אַזוי — נאָר מען האָט פאַר מיר באַצאָלט פאַר אַ בילעט און איך בין אַהיימגעקומען צו דער מאַמען אָן געלט און אָן פּוטער.

די מאַמע האָט מיך דערזען פונדערווייטנס האָט זי געמיינט, אַז מיט מיר האָט אַ שרעקלעך אומגליק געטראָפן... און ווען זי האָט דערהערט אַז עס איז אויסגעגאַנגען בלויז צו געלט, האָט זי דריי מאָל אויסגעשפּיגן און אַ זאָג געטון: — טאָכטער מיינע, צוליב געלט האָסטו דיינע שיינע אויגן אויסגעוויינט! דער גנב וועט קיין הנאה נישט האָבן פון אַזאַ געלט און גאָט וועט אונדז נישט פאַר־לאָזן. און זי האָט מיך גענומען קושן און טרייסטן, אַבי חלילה מיר איז גאָר נישט געשען און דאָס מעל איז פאַראַן, וועל איך קומען צו טאַנטע מירציען אָן פּוטער.

און אויפן צווייטן טאָג האָט די מאַמע אַנטליִען געלט אויף אַ בילעט און מיך אָנגעפּאַקט און אַרומגעבונדן אַרום מיין לייב די פּעקלעך מיט מעל. איך האָב אויסגעקוקט ווי אַ געשוואָלענע שאַפּקע פּראָוויאַנט...

און אַזוי אַוועקגעפאָרן קיין וויִן. אין וואַגאָן האָב איך אונטער די שטולן און אין די ווינקלען באַהאַלטן די איינציקע פּעקלעך מעל. אין געדרענג פון די פּאַסאַזשירן בין איך געזעסן אַ שטייפע, זיך מורא געהאַט אַ ריר צו טון. פּינצטער איז געווען אין וואַגאָן. דאָ און דאָרט האָט אין דער פּינצטערניש אויפגעלויכטן אַ שוועבעלע, מיינע וויִעס האָבן אַ ציטער געטון. איך האָב זיך איינגעגעסן אין דער פּינצטערניש. הינטער מיר זענען געזעסן זעלנער מיט שיקסלעך. שטומע קושן האָבן דערשטיקט די נאַכט. אַ דינע, זיסע מורא האָט מיך האַלב איינגע־שלעפערט. ווי דורך אַ פאַרנעפּלטן שלייער האָב איך געטראַכט: פרידן איז אויף דער וועלט, זעלנער מיט זייערע געליבטע קושן זיך, אויף די סטאַנציעס שטייען מחנות מענטשן, קושן זיך... פון פעלדער בלאָנדזשען הינט און קעץ און קושן זיך... די וואַגאָנען קלאַפּן נישט, נאָר זיי קושן זיך איינער מיטן אַנדערן...

מיין קאָפּ איז צוגעפאַלן צום שולטער פון באַנק, מיינע האָר האָבן זיך אָנגערירט אָן עמעצענס. דינע שפּיזן האָבן זיך געזיפּט דורך מיין לייב, דורך מיינע שפּיץ־פינגער, אַ זיסע פרייד האָט געמאָנט אין מיר... איך האָב זיך אומ־געקוקט — אַ זעלנער איז געזעסן מיט זיין מיידל אַרומגענומען, געערדט פון טעג

איינזאַמע און צעשיידטע. פון זייערע האָר האָט די נאַכט אַרויסגעשטראַלט מיט אַזויפיל סודותדיקייט...

איך האָב אויפגעהויבן מיין קאָפּ צום פרעמדן אויף יענער זייט באַנק. זיי זענען ביידע מיר אַזוי נאָענט געוואָרן, ווי איך וואָלט זיי לאַנג געקאָנט. איך האָב זיי געקושט שטומערהייט מיט זייער ליבע, וואָס האָט זיך פאַרפלאַנצט אין מיר, ווי אַ פלאַנץ אין אַ גאָרטן.

אין ווינער־ניישטאָט זענען אַרויפגעקומען זשאַנדאַרן און ריווידענטן. מען האָט אָנגעהויבן זוכן אין אַלע ווינקלען. איך האָב געזען: מען האָט באַטאַפּט פּרויען, צעריסן קליידער, אויסגעטאָן פון די ברוסטן זעקלעך מעל. סאָלדאַטן האָבן געקייכט פון געלעכטער, זשאַנדאַרן האָבן געזוכט מיט לעמפּלעך הינטער די בענק. טרערן, געשרייען, געבעט האָט פאַרהילכט די נאַכט.

אַ דערשראָקענע בין איך געזעסן. אָט באַלד קומען זיי אַהער, זיי דער־נענטערן זיך שוין. דאָס האַרץ האָט ווי אַ שלאָגנדיקער זייגער געקלאַפּט אין מיר. איך האָב אַפיר גענומען אַ פּעקל פון אונטערן באַנק, דערלאַנגט עס אַ זעלנער, אים געבעטן ביי זיך עס באַהאַלטן. איך האָב זיך פאַררוקט הינטער זיין מאַנטל, וואָס איז געהאנגעןביים פענצטער, איך האָב צוגעמאַכט די אויגן, מיט מיין קינדערשן גלויבן געבעטן גאָט...

פּלוצלינג האָבן די וואַגאָנען זיך אָנגעהויבן צו רירן, די געשרייען זענען פאַר־שטיקט געוואָרן; דאָס גערויש איז פאַרשלונגען געוואָרן, ווי ערגעץ אין אַ טאָל. דורך די פענצטער האָבן לויפנדיקע לעמפּלעך זיך געריצט און פאַרשוווּנדן...

אַ הוראַ האָט אויסגעבראָכן! די גרעניץ איז פאַריבער. מען האָט ליכטיק געמאַכט אין די וואַגאָנען. אַלע האָבן אָפּגעזוכט די באַהאַלטענע פּעקלעך. ליכט האָט זיך צעצונדן מיט שטראַלנדיקע פּנימער. ווען איך האָב געבעטן ביים זעל־נער צוריק מיין פּעקל מיט מעל — האָט ער זיך צעלאַכט — ער האָט געמאָנט אַ פּרייז דערפאַר — איך זאָל אים אַ קוש־טון. זיין אייזערנע האַנט האָט מיך צו־געשלעפּט, זיין באַוואַקסן פּנים האָט זיך אָנגעבויגן צו מיר. מיט מיין גאַנצער גבורה האָב איך אים אַ שטויס־געטון אויף צוריק. האָט ער פאַר כעס אַ וואָרף־געטון דאָס פּעקל דורכן פענצטער...

און ער האָט זיך היסטעריש צעלאַכט... און איך בין געשטאַנען שטום און געציטערט...

די וואַגאָנען זענען ליידיקער געוואָרן. זעלנער זענען אויסגעשטיגן, נייע פּאַסאַזשירן זענען איינגעשטיגן. פאָרויס האָט די שטאָט ווין געבלענדט מיט ראַשיקייט פון לוסט און זינד... לעמפּלעך האָבן ווי אַ גאָלדענע נעץ פון שטערן זיך געמישט איבערן שוואַרצן פלאַך פון פירמאַמענט. צווי ביינאַכט האָט דער צוג זיך אָפּגעשטעלט אויפן ווינער באַנהויף. פון דער ריזיקער געביידע האָט געפלייצט מיט ליכט ווי פון אַ וואַסערפאַל...

דער דרויסן איז געווען באַלויכטן. מען האָט נישט דערקאָנט אויב עס איז נאַכט אָדער טאָג. פּאַרטערס ווי מאַלפּעס האָבן אַרויפגעקלעטערט אויף די וואַגאָנען און אַראָפּגעטאַנצט צוריק מיט אָנגעלאָדענע פּעק. איך האָב אויסגעטאָן די פּעקלעך פון מיין גוף און מיט הענט באַלאָדן בין איך נאָכגעגאַנגען דעם מענטשן־שטראָם... ביי יעדן טראָט האָב איך זיך געמוזט אָפּרוען. אַ פּאַרטער האָב איך מורא געהאַט אָנפאַרטרויען די פּעקלעך, ער קאָן נאָך אפשר מיט זיי אַנטלויפן...

די שווערקייט האָט מיך אַראָפּגעלאָדן. מער האָב איך נישט געקאָנט גייז, ביי אַ זייטיקער גאַס זיך אָפּגעשטעלט. אַ רויט־געפאַרבטע מיידל איז צוגעקומען צו מיר ווי אַ בין, זיך היימיש לעבן מיר אַנידערגעזעצט. זי פרעגט מיך אויס וווהין איך גיי ביינאַכט מיט די אָנגעלאָדענע פּעקלעך. זי האָט גלייך דערקענט, אַז איך בין נישט קיין ווינערן. זי האָט זיך צו מיר צוגעבויגן און אַ לאַכנדיקע מיר אַריינגעשעפּטשעט און זאָגנדיק: קום מיט מיר! איך ווייס ביסט צום ערשטן מאָל אין ווין, איך וועל דיך פירן ווי עס ענדיקט זיך קיינמאָל נישט די נאַכט, און דער טאָג גייט קיינמאָל נישט אויף... זי האָט אַ שלעפּ געטון פון מיר אַ פּעקל און געוואָלט אַנטלויפן. איך האָב זיך צעוויינט. אַ פאַרבייגייער האָט עס פון איר צוריק אָפּגענומען און מיך צוגעפירט צום טראַמוויי.

דער טראַמוויי האָט דורך די באַלויכטענע גאַסן זיך געיאָגט, ווי אַ רויט צירקוס־פערדל, ליכטיקער געפאַרבט די נאַכט. פאַרנדיק האָט זיך מיר אויסגעדאַכט: איך שווים ווי אין אַ קאַרנאַוואַל. גאָלדענע שילדן וויברירן מיט ליכטער, שויפענצטער מיט טעפּיכער, פרויען מיט וואַקסענע פיגורן קוקן אויס ווי לעבעדיקע רופן פאַרבייפאַרער זיי צו באַוווּנדערן.. האַסטיק האָט דער טראַמוויי זיך אָפּגעשטעלט. דער קאָנדוקטאָר האָט אויסגעריפן די לעצטע סטאַנציע, די פּאַסאַזשירן זאָלן אַלע אויסשטייגן און וואַרטן ביז אינדערפרי פאַר אַ נייעם טראַמוויי.

איך בין אַרונטער אין דער נאַכט מיט די פּעקלעך. געיאָגט זיך נאָך די סילועטן, וואָס האָבן זיך ווי פאַרגנבעט געשאַרט ערגעץ ווייט יוי עס ענדיקט זיך די שטאָט. אַרום מיר זענען געווען ביימער און גערטנער. איך בין געגאַנגען מיט בלינדע טריט אין אויגן... די סילועטן זענען פאַרשווונדן און איך האָב מיט הילכיקע, וויינענדיקע טריט אויסגעקלאַפּט אויף טראָטואַרן מיין גאַנג.

די שטריק פון די פּעקלעך האָבן איינגעשניטן מיינע פינגער. איך בין געלאָפן ווי אַ דערשראָקענע חיה און נישט אומגעקוקט זיך. אַ גרויסער ריזיקער שאָטן האָט זיך אויסגעשפרייט אויף דער לענג פון טראָטואַר און צעטראָטן מיין אייגענעם שאָטן.

אַ שטילע און וואַרעמע מענלעכע שטים האָט געפליסטערט צו מיר:

— קליינע, דערלאַנג דיינע פּעקלעך, איך וויל דיר העלפן. — אין אַ שיינעם דייטש

איך האָב זיי אים אָן שום שרעק דערלאַנגט... געווונטשן ער זאָל מיט זיי אַנטלויפן און מיך באַפרייען פון דער שווערער משא.

איך האָב מער נישט געקאָנט אויסבייגן מיינע פינגער. בלאָטערס זענען אויפגעגאַנגען אויף די הענט. באַפרייט פון די פעקלעך בין איך ווי אַ היפּנאָטי־זירטע נאָכגעגאַנגען דעם פרעמדן. דער עלנט האָט מיך געבראַכט אין דער גרויסער שטאָט, מיטן עלנט בין איך נאָכגעגאַנגען דעם אומבאַקאַנטן אָפיצער.

ביי די ראַנדן פון טראָטואַר האָט אַ פּאַטרולמאַן זיך געשאַרט, מיט קעצישע אויגן געקוקט אין די ווינקלען פון פּאַרק, ווו אָפּגערייבענע שטיקער מאַנטלען האָבן געבליצט אין דער נאַכט צווישן די ביימער...

דער אָפיצער האָט מיך צוגעפירט צום פּאַטרולמאַן. ער האָט מיך איבער־געגעבן אין זיינע הענט, פאַרשריבן זיין נומער און סאַלוטירט, מיר אַ גלעט געטון אין באַק, זאָגנדיק:

— האָב קיין מורא קליינע, וועסט שוין זיכער קומען וווהין דו דאַרפסט.

און איז אַוועק.

איך האָב אַ פאַרגאַפטע נאָכגעקוקט דעם אומבאַקאַנטן וועלכער איז אפשר אויפן שלאַכטפעלד אַוועק, מיט דאַנק אים נאָכגעקוקט ווו זיין סילועט איז פאַר־שווונדן אין דער נאַכט אַריין...

איך האָב זיך אַנידערגעזעצט אויף די פעקלעך, ווי אַ הון אויף די הענדלעך זיך איינגעקאָרטשעט און געוואַרט. דער פּאָליציימאַן האָט זיך געשאַרט. זיינע זוילן האָבן אָפּגעקלאַפּט אויפן טראָטואַר פון אָנהייב גאַס ביז סוף גאַס. ער האָט זיך יעדעס מאָל אָפּגעשטעלט לעבן מיר, פרעגנדיק אויב מיר איז קאַלט.

שוואַרצע פינצטערע כמאַרעס ווי ריזן־פייגל האָבן זיך אויסגעשפּרייט אויפן הימל, געשפּיגן מיט קאַלטער נאַסקייט אויף דער ערד. דער פּאַטרולמאַן האָט אויסגעטאָן זיין מאַנטל, מיך איינגעהילט אין אים, מיר זאָגנדיק: אויב עמעצער וועט מיך רופן זאָל איך נישט גיין... ער אַליין האָט געשפּאַנט ווייטער אַ דורכ־געווייקטער פון רעגן...

ווען דער ערשטער מילך־וואָגן איז פאַרבייגעפאָרן האָט ער אים אָפּגע־שטעלט, מיך אַרויפגעזעצט מיט די פעקלעך און באַפוילן דעם פורמאַן מיך צו פירן וווהין איך דאַרף...

איך האָב אים פאַר דאַנקבאַרקייט אַ קוש־געטון אין האַנט און די פור איז ווייטער געפאָרן.

דער דרויסן האָט זיך געבלייכט. אויף די גאַסן האָבן זיך געצויגן מענטשן אין רייען. דער פורמאַן האָט מיר געזאָגט: זיי שטייען אַ גאַנצע נאַכט פאַר אַ פערטל ברויט און אַ שטיקל פלייש. אַמאָל שטייען זיי אומזיסט. אַ רחמנות האָט מיך אַרומגענומען צו אָט־די אַלע מענטשן. זיי שטייען אַ גאַנצע נאַכט, דער רעגן

וואַשט זיי. מיט די שוואַרצע שירעמס זעען זיי אויס ווי שדים הינטער שוואַרצע חופות...

ווען זיי וואָלטן נאָר צוגעקומען צו מיר — דאָס גאַנצע מעל וואָלט איך צעטיילט צו אַלעמען גלייך. אָבער די שטייענדיקע הינטערן רעגן האָבן אַפילו אויף מיר נישט געקוקט. זיי זענען געשטאַנען אין פאַרגליווערניש ווי אַ טויטן־פראָצעסיע...

אויף פיכלער־גאַס פון נייגטן באַצירק האָט דער וואָגן זיך אָפּגעשטעלט. מיך אַראָפּגעלאָזט אויפן באַשטימטן אַדרעס און ווייטער געפאָרן.

איך האָב אָנגעקלונגען אין גרויסן טויער. די הויזבאַזיצערין, אין אַ שיינעם שלאָפראָק, האָט מיר געעפנט דעם טויער. איך האָב זיך פאַרנייגט פאַר איר. געקושט אין דער האַנט.

ווען מיין טאַנטע מירציע האָט פון די שטיגן אַראָפּגעקוקט צו מיר אַ פאַר־שלאָפענע, האָט זי זיך צעלאַכט, און מיך אָנגערופן אַ קליינשטעטלדיקע, וואָס איך קוש דער הייזבאַזיצערין די האַנט. איך האָב זיך זייער פאַרשעמט. איך האָב געמיינט אַז אין ווין, אין דער גרויסער שטאָט קושט מען אַלעמען די האַנט...

## ווין

מויערן פאַנטאַסטישע, טורעמס געשפּיצטע וויברירן מיט זילבער שפּיזן אין די הייכן. סטאַטועס געשניצטע שטומען און גאַפן, שטומע מומיעס רעדן זיך צוזאַמען, סטאַטועס פון יאָרהונדערטער, זקנים פון צייטן, חלומען אין די הייכן דעם חלום פון אייביקייט... און איבער דער שיינקייט פון שטאָט, איבער אַלע טורעמס הענגט אַ סקעלעט מיט פויסטן שפּיזלדיקע — הונגער! הונגער!

אויף די גאַסן האָבן זעלנער מאַרשירט, דייטשע רעגימענטן, באַטאַליאָנען, שלאַנקע, מיט ברוסטן ווי פאַנצערס פאָרויס, פאָרויס...

די מאַרשירנדע זינגען: שיין זיינד די מעדכען פון זעכצן־זיבצן יאָר — פון זעכצן־זיבצן יאָר... פון די פענצטער און באַלקאָנען ציען זיך פרויען־קעפּ, מיידלעך פאָכען מיט ווייסע טיכלעך און ווינקען, ווינקען...

איך בין אַזוי יונג געווען... אַזוי געוואָלט זיי זאָלן זינגען: שיין זיינד די מעדכען פון דרייצן פירצן יאָר, פון דרייצן פירצן יאָר...

אַ גאַנצע וואָך האָב איך געלערנט אין שול, נאָר זונטיק, ווען גאָלד האָט געבליט אויף די שויבן זענען מיינע שול־חברטעס אַרויף אויפן טראַמווי. אַזוי ווי זומער־פייגל און געפלויגן אין „פראַטער״, דער שענסטער אמוזיר־פּלאַץ אין ווין.

מוזיק און געזאַנג האָט געשטראָמט אין אַלע ווינקלען; פערדלעך זענען געשפּרונגען, שיפלעך געשיפט זיך, עראָפּלאַנען געפלויגן, געלעכטער און גע־

טומל האָט געלאָקט און גערופן די פאַרבייגייער. איך האָב אַזוי מקנא געווען די, וואָס האָבן געלט און קאָנען הנאה האָבן פון די אַלע פאַרגעניגנס...

דאָ בין איך פאַרביי אַ פלאַץ. אין דרויסן אויף דער שוועל איז געשטאַנען אַ סטאַטוע. אַ שאַרפער שפּיז איז געווען דורכגעשטאָכן דורך זיין האַרץ און צוריק אַרויסגעקומען דורכן מויל. איך האָב זיך נישט געקאָנט אָפּרייסן פון אַזאַ מין ווונדער. מיינע פאָר גראַצער וואָס איך האָב זיך נישט פאַרגונען אויסצוגעבן האָב איך אַרויסגענומען און געוואָלט אַריינגיין. עמעץ האָט מיך אָפּגעשטעלט: אונטער זעכצן יאָר דערלויבט מען נישט אַריינגיין...

איך האָב זיך אויפגעשטעלט אויף די שפּיץ־פינגער, זאָגנדיק, איך בין זעכצן יאָר. האָט ער מיט אַ פינטל פון אויג מיך אַריינגעלאָזט.

און צוגענומען מיין געלט. אינעווייניק האָב איך זיך פאַרלאָרן ווי אין אַ וואַלד. איך האָב געזען פאַרצייטיקע פאַרברעכער. זיי זיצן אין היילן געשמידטע אין קייטן, האַלבע פינגער זענען אַראָפּגעהאנגען פאַרפוילטע, ווי טרוקענע בלע־טער. אין גלעזערנע בעטן זענען געלעגן נאַקעטע פרויען־קערפּערס פון אוראַלטע קייסערינעס. מיר האָט זיך אויסגעדאַכט: זיי זענען לעבעדיק, זיי ליגן שווייגנדיק און שמייכלען מיט זייער העלפאַנטביין און שמייכלען צו אַלעמען.

אויף הילצערנע שאַפעס זענען געשטאַנען סלאָיען מיט מאָדנע פעדים גע־שפּינטע... און פון די פעדים — די פאָרמען פון קינדער ווי אַזוי זיי אַנטוויקלען זיך פון ערשטן טאָג אין אינגעווייד ביז צו זייער געבורט...

איך האָב געזען דאָקטוירים אין ווייסע כאַלאַטן איבערגעבויגן איבער די גלעזערנע קאַסטנס, שטודירנדיק די אַנאָרמאַלע געבורטן פון קינדער. אַלע באַ־זוכער האָבן פאַרדעכטיקט געקוקט אויף מיר. איך בין געווען די קלענסטע צווישן זיי. מאָדנע פאַנטאַזיעס האָבן דערוועקט נייגעריקייט און אויך פאַרסמט דאָס קינדישע און אומבאַוווסטע אין מיין סענסיטיוו האַרץ דורך די הונדערטער נאַקעטע פרויען און מענלעכע פיגורן.

ווען איך בין צוריק אַרויס אינדרויסן האָט די זון זיך באַהאַלטן פאַר בושה...

אויף דער שוועל איז געשטאַנען דער דורכגעלעכערטער מענטש. מיר האָט זיך געדאַכט דאָס בין איך מיט דער דורכגעלעכערטער שפּיז אין מיין האַרץ...

## מיין ערשטע ראַנדעווו...

מיין קוזין וואָס איז אַריינגעטראָטן אין מיליטער, האָט געקלונגען מיין טאַנטען, ער וויל מיך זען און מיך נעמען אין אַ קאַפע

מיין טאַנטע מירציע האָט מיר געליִען אַ בלויע טולענע בלוזע און צע־שאָטן מיינע צעפּ מיט אַ בלויען זיידענעם באַנד און מיך אויסגעפּוצט פאַר מיין ערשטער ראַנדעווו צו זען מיין מאַמעס ברודערס זון וועמען איך האָב פריִער

קיינמאָל נישט געזען. ער האָט געוווינט אין מיסלאָוויץ און איינגערופן געוואָרן לעבן ווין. מיין קוזין האָט געבראַכט מיט זיך אַ יונגן חבר אַ סאָלדאַט. און די צוויי שיינע סאָלדאַטן האָבן מיך צום ערשטן מאָל אויסגענומען אין אַ קאַפע.

ווען איך בין אַריין אין קאַפע זענען פון צענדליקער שפּיגלען אַנטקעגנ־געלאָפן מיידלעך — און אַלע האָבן אויסגעקוקט ווי איך, מיט רויטע פלאַמענ־דיקע באַקן און אַ בלויער באַנד. און ווען איך בין נענטער געקומען צום רעזער־ווירטן טישל האָבן זיי זיך אַלע אָוועקגעזעצט אין די שפּיגלען. און ערשט דע־מאָלט האָב איך זיך געכאַפּט — דאָס בין איך...

איך האָב זיך נישט דערקאָנט אין מיין נייעם איבערגעביטענעם אויסזען און די צוויי יונגע סאָלדאַטן האָבן נישט אַראָפּגענומען די אויגן פון מיר.

אין קאַפע איז געווען אַ וווּנדערלעכער פּראָגראַם פון טענצער און זינגער און מיין קוזינס פריינט איז געווען זייער אַ שיינער. און ווען מען האָט אונדז דערלאַנגט זיסע קאָנפעקטורן און די באַלייכטונג און ווינער שיינע טענצערנס, בין איך געווען ווי אין אַ חלום. אוןביידע יונגע סאָלדאַטן האָבן צו מיר גע־רעדט און מיין האַנט האָט געשוועבט איפן טיש. און דער יונגער סאָלדאַט האָט זי גענומען אין זיינער און איך בין געזעסן אין אַנגסטן, נישט געוווּסט ווי אַזוי צוצונעמען די האַנט און געזען מיין קוזינס בייזע אויגן שפּיזן אויף מיר. ענדלעך האָב איך באַפרייט מיין האַנט — און ווען די צוויי סאָלדאַטן האָבן מיך צוריק געבראַכט צו דער שוועל, האָב איך זיך שוין געהאַט פאַרדינט — אַ פאַרערער! און אַן אייפערזיכטיקן קוזין.

אַ גאַנצע נאַכט האָב איך געוויינט פאַר וואָס איך האָב געלאָזט זיך האַלטן די האַנט... איך האָב זיך געשעמט פאַר מיין שוואַכקייט... און ווען מיין קוזינס פריינט האָט ווידער גערופן, האָב איך פאַר געוויסנסביסע אים מער נישט גע־וואָלט זען...

דאָס הויז וווּ טאַנטע מירציע האָט געוווינט איז באַשטאַנען פון פיר צי־מערן. די פענצטער האָבן אַרויסגעקוקט אויפן גאַס. עס זענען נאָך געווען דריי גאָרנס מיט מאָדערנע וווינונגען און אויפן העכסטן שטאָק האָט געוווינט אַן אָפּערע־זינגערן. איר נאָמען איז געווען „פאָן־פלאַנדראַ“. זי איז געווען אַ באַ־רימטע זינגערן און איר קול האָט פאַרהילכט אַלע פענצטער און אַלע שטילע גאַסן. מיין טאַנטע מירציע וואָס האָט אויך וווּנדערלעך געזונגען האָט זיך באַ־פריינדעט מיט דער אָפּערע־זינגערן און זי האָט געהאַט פרייע בילעטן צו אַלע אָפּערע־פאַרשטעלונגען.

אויך איך האָב געהאַט דאָס גליק צו זען עטלעכע אָפּערעס, אַ דאַנק מיין טאַנטע מירציע.

פריילן פאָן־פלאַנדראַ האָט געהאַט אַ סך פאַרערער און אויך אומצאָליקע אַנהענגער, וואָס פלעגן זי באַשענקען מיט בלומען און רויזן און אַפּלאָדיסמענטן.

אין צייט פון קריג זענען די לאַזשעס באַזעצט געווען פון גענעראַלן און הויכראַנגיקע אָפיצערן און עס זענען פאָרגעקומען דועלן צוליב פריילן פאַן־פלאַנדראַ.

פאַר אירן אַ געשענקטן בליק זענען די אָפיצערן גרייט געווען צו שטאַרבן. בפרט נאָך ווען אירער אַ געליבטער, איז דער אָפיצער שוין געווען דער אויס־דערוויילטער.

פריילן אָדער פרוי פלאַנדרא פלעגט זיך היטן פאַר דער לופט נאָך מער ווי פאַר די מענער, ווייל אַ שאַרפער ווינט האָט געקאָנט איר שטים פאַרהויכן און פאַרשאַטן. און ווען זי פלעגט פאַרלאָזן אין אַ רייכן לימאָזין דאָס הויז, פלעגט זי אַראָפּלויפן מיט אַ שנופּטיכל ביים מויל. זי איז ווירקלעך געווען אַ שיינהייט...

מיין טאַנטע מירציען האָט זי געשענקט אַ סך אויפמערקזאַמקייט און אָפט איר אַראָפּשיקן פון אירע רייכע שפּייז־אוצרות אָן איבעריקן ברויט, וואָס מען האָט נישט געקאָנט קריגן אָן אַ צוגעטיילטער שפּייזקאַרטע. דערפאַר פלעגט מיין טאַנטע פאַר איר אָפט טון קלייניקייטן, איר פאַרריכטן אַ קאָסטיום און נאָך טובות.

און איינמאָל קומט מיין טאַנטע אַרויף צו פרוי פלאַנדרא און זי זעט, אַז זי האָט אַ באַזוכער. ביים טיר שטייט אַ מיליטערישע שייד אין זילבערנעם גלאַנץ און עס הענגט אַ הויך־ראַנגיקער מיליטערישער מאַנטל מיט מעדאַלן.

מיין טאַנטע האָט אַוועקגעלייגט דעם קאָסטיום און געוואָלט אַרויסגיין, ערשט די טיר האָט זיך געעפנט און אַ באַקאַנטער פּנים האָט זי אָנגעקוקט.

מיין טאַנטע איז געוואָרן בלייך. זי האָט אים דערקענט. עס איז געווען דער אויסגעחלומטער פּרינץ, וואָס האָט זי געוואָלט מאַכן פאַר אַ פּרינצעסין און דער זיידע האָט אים אַרויסגעטריבן פון שטוב. מיין טאַנטע האָט זיך נישט גע־וואָלט דערקאָנען צו אים.

און פון יענעם אויסטערלישן באַזוך איז ער אַוועק אין שלאַכטפעלד און געפאַלן.

און פרוי פלאַנדראַ האָט טיף געטרויערט צוליב זיין טויט.

בלויז איך האָב געטיילט מיט מיין טאַנטע די אויסטערלישע, כמעט מעלאָ־דראַמאַטישע, באַגעגעניש.

## אויף וואַקאַציע

אויף וואַקאַציע בין איך צוריק געפאָרן קיין אונגאַרן.

מיין מאַמע האָט אַוועקגעשיקט אַ פּעקל מיט שפּייז קיין איטאַליע צו מיין טאַטן. אין אַ פּאָר וואָכן אַרום איז געקומען אַן ענטפער: דער טאַטע ליגט אַ פאַר־וווּנדעטער אין שפּיטאָל. ער האָט אַ ביסל צוקער פאַרביטן פאַר ברויט און דער זעלנער וואָס האָט צוגענומען דעם צוקער האָט אים געמסרט און דערפאַר האָט

מען אים באַשטראָפט צו פליִען אין אַן עקספּערימענט־עראָפּלאַן מיט אַ שנעלקייט ביז די העכסטע הויכן.

ווען ער איז צוריק אַראָפּ אויף דער ערד, האָט זיך אים שטענדיק אויס־געדאַכט אַז ער פליט... די וועלט דרייט זיך אַרום אים און ער פאַלט און פאַלט...

איינמאָל, נאָך אַ שטאַרקן אַטענטאַט, איז דער טאַטע מיט זיינעם אַ חבר געגאַנגען אויף די שלאַכטפעלדער צוזאַמענקלייבן די טויטע זעלנער. אַ זאַווערוכע האָט געבושעוועט און דער טאַטע מיט אַ חבר סאָלדאַט האָבן צוזאַמענגעשלעפּט די טויטע קערפּערס און זיי אויסגעלייגט אויפן ווייסן שניי ווי שוואַרצע ברוכ־וואַרג. דער דערבייזיקער וואַלד האָט מיט ווייסע פאַרשלייערטעביימער געוויינט אַ קלאָג־ליד איבער די געפאַלענע. די ביימער האָבן געבראָכן די צווייגן־הענט, ווי קלאָג־מאַמעס און כלות פון די טויטע אויסגעלייגט אויפן ווייסן שניי... זיי זענען פאַרבייגעגאַנגען אַ שראַפּנעל, וואָס האָט אויפגעריסן און זיין חבר איז אויף צוויי העלפטן צעריסן געוואָרן. דער טאַטע האָט געשלעפּט זיין טויטן חבר איבער געדיכטע שנייען וווּ קיין לעבעדיקער נפש איז נישט געווען. רויט האָט דאָס וואַרעמע בליט דעם שניי צעצוויגט, געפאַרבט די ווייסע שנייען מיט בלוט. ביז דער טאַטע איז פון שרעקלעכן צער נעבן טויטן חבר אַנידערגעפאַלן. ווען מען האָט אים שפּעטער געפונען זענען זיינע פיס האַלב־פאַרפרוירן געווען .איצט ליגט דער טאַטע אין שפּיטאָל, אַזוי רויִק און פאַרשטייפט, קוקט דורכן שפּיטאָל אַרויס, ווי די ווייסע וועלט צעגייט זיך, ביימער טוען זיך אָן אין גרין. אים איז אַזוי גוט, ער זעט דאָס ווידער, ער האָפט צוריקצוקומען אַהיים, נאָר ער קאָן נישט פאַר־געסן זיין טויטן, צעריסענעם חבר...

מיטן טאַטנס בריוו אין מיין האַנט, מיט זיין שטילן ווי־געשריי בין איך געגאַנגען און געגאַנגען ווייט, ווייט, אויף די הויכע בערג, וואָס האָבן זיך גע־בערגלט ווי פאַרגליווערטע כוואַליעס... אַזאַ פרידלעכקייט איז געלעגן אויסגע־שפּרייט אין טאָל. דורכן טאָל האָבן זיך געבלייכט ווי קליינע שיפעלעך די ווייסע דערפער. די שפּיצן קלויסטערס האָבן אויסגעזעען, ווי שניטן אין האַרץ פון דער וועלט. איך בין געגאַנגען און געגאַנגען אַזוי ווי אַ נאַכט־וואַנדלערן דערגרייכן יענע ווייטקייטן, ווו הימל און ערד האַלדזן זיך...

אָ, אייביקייט! לייז מיך אויס פון אַזויפיל צער; נעם מיך אַריין אין דיינע פאַלדן פון די בערג! עס מוז דאָך ערגעץ זיין דערלייזונג...

דער אָוונט איז געקומען. דער אָוונט איז דורכגעשוווּמען דורך מיינע ווייט־פאַרציליעטע בליקן. איך בין נאָכגעגאַנגען דער ווייטער ליכטיקייט, וואָס האָט געשטראַלט אין מיר.

גרויסע שטערן האָבן מיט פינקלדיקע אויגן געווונקען צו מיר. איך האָב אויפגעהויבן מיינע יונג־דערוואַכטע מיידל־הענט צו די פינקלדיקע שטערן און טרערן פון באַהעפטונג מיט גאָטס אייביקייט האָבן געוואַשן מיין פּנים...

נאָך יענעם אָוונט בין איך אַלע פרימאָרגן געגאַנגען אויף יענע בערג. דער מאָרגנטוי האָט געלויכטן צו מיר מיט בלויע פּערל אויף די גרינע גראָזן...

איבער די בערג האָט גלאָקן־קלאַנג זיך מיט איינמאָל צעקלונגען. פון די טאָלן כאַפּן זיך אויף שוואַרצע שאָטנס. פּויערים מיט גראַבליעס אין די הענט און פּויערטעס מיט רונדע קוישן אויף די קעפּ. זיי קלייבן די קאַרשן פון די ביי־מער. בהמות, ווי געלע פלעקן אויסגעלייגט אויף די פעלדער אין די טאָלן.

און איך קוק אַראָפּ פון הויכן באַרג, ווי גאָט האָט אַזוי שיין אויסגעלייגט די אַלע פעלדער און בערג, אין אַזאַ האַרמאָנישקייט, און דאָס מענטשלעכע אויג זאָל איינזאַפּן אין זיך די לאַנד־שטיקערייען. אַזאַ שיינע לויטערע וועלט. און פאַר־וואָס איז מלחמה? און מען וויל דאָס אַלץ צעשטערן... גאָט! לאָז נישט דיינע ווערק צעשטערן! מאַך גוט אַלע מענטשן... און נישט־וויסנדיק אַליין האָב איך די לאַנדשאַפט אַנטלייען ביי גאָט — אויף אַן אַלט שטיקל צעקנייטשט פּאַפּיר און עס באַהאַלטן אין אוצר־העפט פון מיינע לידער...

אין עטלעכע וואָכן שפּעטער בין איך צוריקגעפאָרן קיין ווין, זיך לערנען אין אַ „מעדכען היים". מיין מאַמע מיט די קינדער זענען צוריקגעפאָרן אַהיים קיין מאָנאַסטרישטש.

און אַזוי האָבן זיך אַלע צעזייטע און צעשפּרייטע משפחות צוריקגעקערט צו זייער חרובער היימשטאָט ווידער אָנצוהייבן פון דאָס ניי...

## צוריק צו מיין שטאָט

די וועלט האָט זיך געבאָדן אין בלוט און פייער. און אָט בין איך אויף אַן אַלטער באַן, וואָס פירט מיך צוריק אַהיים אין מיין שטאָט...

דין און בייגיק זענען מיינע שולטערן. שלאַנק און שעמעוודיק, ווי אַ פּאַלמע הינטער די צווייגן בין איך. אַלץ אין מיר ציטערט מיט דין נשמהדיקייט. דער צוג שלעפּט זיך. לבנה אין גאָלדענע שלייערן לויפט נאָך, קריכט אויף שויבן און אַנטלויפט...

נאָך אַ האַלבע נאַכט און — ווידער זען מיין היים. מענטשן שטייגן איין אין צוג, הענט רעדן אין דער לופטן, מענטשן פון מיין שטאָט...

לעבן מיר ביי דער זייט שטייט אַ שאָטן. צווי אויגן געהאַמערט אין דער לייִדיקייט. ליפּן געבראָכענע ווי צום וויינען... פּנים בלייך און טרויעריק. פון שוואַרצע אויגן גיסט זיך צער. צער שטעכט מיט בלינדע פעדים. מיינע בליקן טרינקען זיך אין שוואַרצע אויגן, ווי אין אַ ברונעם. איך דערמאָן זיך זיין פּנים — דאָס פּנים פון מיין שטאָט...

מיינע ליפּן עפענען זיך און פרעגן, אָבער אויגן רייסן זיך נישט אָפּ פון

ליידיקייט... איך פרעג נאָכאַמאָל. זיין אומעט גרוילט אַרויס דורך זיין יעדן קנייטש. ער זאָגט אַזוי ווי אין דער פוסטקייט אַריין... ווי אים וואָלט גאָר נישט אַרן. מען האָט די גאַנצע סחורה ביי אים צוגענומען... די גאַנצע פּרנסה וואָס ער האָט פאַר זיין טאַטן געפירט...

עפּעס האָט אין מיר זיך געריסן. איך האָב אַזוי געוואָלט העלפן די שוואַרצע אויגן, וואָס בעטן אין דער ליידיקייט. איך שלעפּ אים פאַר זיין האַנט, שפּרינג אַרונטער פון צוג, און ער, אַן אומבאַהאָלפענער, לויפט מיר נאָך. ער ווייזט מיר דאָס הויז וווּ די זשאַנדאַרן האָבן אַלץ צוגענומען... זיינע אויגן האָבן אויפגע־פלאַמט אַ באַהאַלטענע קראַפט אין מיר. איך וואָלט אַלץ געטון פאַר זיי...

שטיל ווי אַ קאַץ האָב איך זיך אַריינגעשלייכט אין אָפיצערן־הויז. איך האָב זיך פלוצלינג באַוויזן ווי אַ זייל אינמיטן שטוב. לאַכנדיקע אָפיצערן מיט פאַר־וווּנדערטע אייגן קוקן אויף מיר. זייערע שפּיזן־אויגן פיילן זיך אַריין אין מיין שעמעוודיקער שלאַנקייט... מיינע באַקן גיסן זיך אָן מיט רויזן־זאַפט און אַלץ זינגט אין מיר אויף...

איך בעט: איך בין אַ פרעמדע אויף דער סטאַנציע, איך פאָר אַהיים פון ווין, אָבער דאָרט אין וואַגאָן זיצן קינדער פון מיין שטאָט. דאָס מעל וואָס זיי האָבן צוגענומען מיינט דער אָטעם פון די משפחות. דער הונגער וויכערט אין מיין היים־שטאָט. אין די זעקעלעך מעל ליגט דאָס ברויט פאַר די הונגעריקע מיילער. זיי מוזן צוריקגעבן זיי דאָס קאָנפיסקירטע מעל... און די אויגן — שוואַרצע אויגן — רעדן דורך מיינע ליפּן. אָפיצערן ווערן ווייכער. זייערע אויגן לייכטן מיט באַהאַלטענע פייערן. איך בעט, און בעט: אויגן, אויגן, אויגן הענגען אין אַלע ווינקלען. זיי האָבן אויפגעוועקט אין מיר דעם יאָמער פון מיין היים.. איך בעט: זיי מוזן צוריקגעבן. מיינע טרערן קאַפּען אויף די צוגעבונדענע זעקעלעך, וואָס שטייען ביי דער טיר, ווי צוגעקלעפּטע שניי־פיגורן...

און אַ נס איז געשען: אָפיצערן ווערן מענטשן — אויסגעטאָן פון שטרענגע אוניפאָרמען. זיי ווערן גוט און מענטשלעך און גיבן מיר צוריק די זעקלעך מעל...

דער מענטש מיט די שוואַרצע אויגן, דער אומבאַהאָלפענער מיט זיך, קאָן פאַר גליק נישט דאַנקען מיר, נאָר כאַפּט די זעקלעך מעל און לויפט אַרויף אויפן באַן.

ווי אַ בליץ האָט זיך צעטראָגן די בשורה, אַז איך האָב באַפרייט די זעקלעך מעל... יונגע ייִנגלעך לויפן צו מיר. זיי רופן מיט בעטנדיקע הענט — איך זאָל אויך פאַר זיי בעטן... מענטשן פון מיין שטאָט, זיי בעטן און וויינען. איך לויף צוריק און בעט אויך פאַר זיי. און די אָפיצערן זענען פאַרוווּנדערט אויף זיך אַליין און גיבן אַלעמען צוריק די סחורה...

דער צוג האָט גערירט זיין שווערן נאָכשלעפּנדיקן גוף; די רעדער האָבן געטאַנצט אין נצחון.

שטום בין איך געזעסן, העגט און שטערן איינגעפּרעסט אין די קאַלטע שויבן... לבנה אין גאָלדענע שליירן האָט געשוועבט פאַר מיר, נאַכטיקער טוי האָט געקילט מיין פּין, ווינטן האָבן געוויינט. מענטשן פון מיין שטאָט, זיי זיצן אַלע און דאַנקן. דאַנקן מיר, נאָר דאָרט זיצן אויגן, שוואַרצע אומעטיקע און איך טרינק זיך אין זיי, ווי אין אַ ברונעם...

דער צוג האָט זיך אָפּגעשטעלט אין מיין שטאָט. אַלע זענען דורך באַהאַל־טענע וועגן שנעל אַוועק, קיינער זאָל זיי נישט זען... איך בין אַליין די לעצטע אין דער פינצטער געבליבן. ווידער האָב איך געזען די שורות גוייִשע שטיבלעך. ווי שטומע מצבות זיי שטייען דורך יאָרן, מצבות פאַרבליבענע פונעם שטאָט־חורבן...

אַלע שויבן זענען געווען אויסגעשלאָגן, פינצטער. ווען איך בין דורכגע־גאַנגען דורך דער שמאָלער בריק, האָבן אין וואַסער זיך געטרונקען לבנות... און שטערן האָבן זיך געשפּיגלט מיט שטערן. שטאָט, מיין שטאָט, וויפיל פּיינען און שריפות דו האָסט אויסגעטראָגן! זיך אָנגעבויגן צו מיין ערד און מיט די פינגער געקושט די ערד פון מיין שטאָט. איך בין געגאַנגען אויף די שפּיץ־פינגער, ווי נישט געוואָלט ווײ־טון מיט מיינע טריט דער בלוט־דורכגעווייקטער ערד פון מיין היים...

ערד מיינע! דאָ בין איך געבוירן, דיינע וואַסערן האָב איך געטרונקען, מיט דיינע ביימער בין איך געוואַקסן. ווי נאָענט דו ביסט מיר מיין ערד, איך בין אַרויף אויפן רינג־פּלאַץ ווו אַלע פאַרברענטע מויערן שטייען אין אַ ראָד, האַלטן זיך פאַר די פאַרברענטע הענט און מאָנען מיט די חרובע ווענט אין דער נאַכט...

איך בין אַוועקגעפאַלן אויף מיין היימישער ערד. טויטע מויערן האָבן זיך צוגערוקט צו מיר. איך האָב מיט מיין וויינענדיקן אָטעם טרייסט און אויפלעבונג אין די חורבות אַריינגעהויכט. מויערן האָבן מיך אַרומגענומען, מיך אויפגע־הויבן הויך, הויך איבער אַלע חורבות. לבנה האָט שווייגנדיק געטרונקען מיין צער...

ווי ליכטלעך האָבן מיינע פינגער געציטערט, ווען איך האָב אָנגערירט די קלאַמקע פון מיין טיר צו דער האַלב־פאַרברענטער שטוב. די מאַמע האָט מיר איינגעשלאָסן אין אירע מאַמע־הענט. אויף דער קילער, פאַרברענטער פאָדלאָגע זענען געשלאָפן די קינדערלעך. איך האָב זיך געלייגט לעבן זיי און מיט די יונגע וואַרעמע קערפּערס וועלן מיר דערוואַרעמען און אויפלעבן די שטאָט פון חורבות...

די זון האָט זיך אויסגעצויגן אַזאַ מיניענדיקע איבער די גאַסן, אירע גאָל־דענע שטראַלן־צעפּ האָבן געפלאַטערט: פרידן איז געקומען אויף דער ערד.

יעדן טאָג זענען סאָלדאַטן געקומען אַהיים פון די שלאַכטפעלדער, זעלנער מיט שטאָלצן, און זעלנער מיט אַרבל־הענט און מעדאַלן אויפן ברוסט...

ביי אַלע צוריקגעקומענע האָט עפּעס געפעלט: אַן אויג, אַ פינגער, אַ שטיק

באַק, אָבער זיי זענען געווען די גליקלעכע, ווייל אַ סך זעלנער האָבן אינגאַנצן געפעלט. בלויז אַ צינען בלעכל — דער נאָמען — איז אַהיימגעקומען. אַט די זענען מזלדיקער געווען ווי יענע וועלכע זענען אומגעקומען אָן אַ נאָמען; קיינער ווייסט נישט ווי זייער געביין איז אַהינגעקומען. אַט אַזאַ יונגע פרוי פון אַן אומגעקומענעם — איינע פון מיינע לערערנס — פלעגט זיצן טאָג און נאַכט ביים פענצטער, מיט אויגן נאַכטיקע און וואַרטן. דאָס ייִנגעלע אירס פלעגט צערייסן דאָס וואַרטעניש, רופן וויינענדיק זיין פאָטער וועמען ער האָט אַפילו נישט גע־קאָנט. נאָך איידער ער איז געבוירן געוואָרן האָט מען צוגענומען זיין פאָטער, אויפן שלאַכטפעלד. די יונגע פרוי פלעגט זיך איינוויקלען אין אַ שוואַרצן שאַל און גיין מיט איר ייִנגעלע צום באַנהויף און וואַרטן אויף יעדן צוג וואָס פלעגט אָנקומען. אין יעדן פרעמדן פּנים פלעגט זי זוכן איר אומגעקומענעם מאַן....

אויך מיין טאַטע איז ענדלעך אַהיימגעקומען, קראַנק און שוואַך. כמעט אַלע סאָלדאַטן זענען געווען אין די שפּיטעלער. דער געשריי: פרידן האָט זיי אַרויס־געגנבעט קראַנקע פון די בעטן, אַהיים צו זייערע נאָענטע...

אויף די דעכער און אויף טרעפּלעך פון די וואַגאָנען זענען זיי געפאָרן, אַזוי טעג און נעכט. אַ סך זעלנער האָבן טונעלן אַראָפּגעשלעפּט פון די דעכער, פאָרנדיק זיי אויסגעשפּרייט פאַר די רעדער פון צוג. אַזוי זענען אַהיימגעקומען די העלדן פון דער מלחמה...

## פרידן אויף דער וועלט

וואָכן זענען אַוועק, מענטשן האָבן ווידער אָנגעהויבן צו פאַרריכטן די פאַרברענטע הייזער. אַזאַ רו איז געקומען. אַלע האָבן שוין געמיינט פרידן איז אויף דער וועלט...

אין אַ שבתדיקן פאַרנאַכט, זענען מיידלעך מיט בחורים געגאַנגען אין וואַלד, וואָס רופט זיך „כאשט“, צוליב זיין טיפקייט און געדיכטקייט פון גרינע סאָסנעס.

דער „כאשט“ האָט אויסגעזען ווי אַ ריזיק־גרויסע אָפּגעבראָכענע האַלבע שיסל... מיט ביימער טאָפּאָלן און בעריאָזקעס, ווי אין ווייס־שוואַרצע טליתים אַרומגעוויקלט... און אונטן איז געלעגן אויסגעשפּרייט דאָס שטעטעלע מאָנאַס־טרישטש... די רויטע און גרינע דעכער צופּוסנס פון וואַלד האָבן אויסגעקוקט ווי פאַנטאַסטישע שפּילעכלעך... דאָ אין וואַלד פלעג איך זיצן מיט מיין חברטע מינאַ און שפּינען אונדזערע חלומות און וועבן לידער. אין גאָלדענע פאַרנאַכטן שפּאַצירן יונגע פּאָרלעך און מיידלשע גלידער ציטערן אויף פון מאַנדאָלינען און צימבלען, וואָס גיסן זיך אויס אין וואַלד מיט פייגל־געזאַנג...

די זון האָט רויט און פויל געגעניצט. קינדער האָבן געלערנט אין די שולן,

יידן־הענדלער זענען געלאָפן אין די דערפער נאָך פרנסה, די אָרעמקייט און נויט האָט אַלעמען אויסגעגלייכט. יידן האָבן געהאַנדלט מיט הינער, קעלבער, פאַסאָליעס. מען איז געגאַנגען זוכן צו פאַרדינען פאַר אַ שטיקל טרוקן ברויט, צו שפּייזן די הונגעריקע און דאָס טאָג־טעגלעכע לעבן האָט זיך איינגעשטילט, ווי נאָך אַ ווולקאַן וואָס איז צוריק געפאַלן אין פאַרגליווערניש...

פלוצלינג האָט אַ פרעמדער מענטש אויפגעוועקט דאָס שטעטל. ער איז געקומען פון אונגאַרן, ער האָט צוזאַמענגערופן אין שול אַן אסיפה, דערציילט די יידן, אַז דריי נעכט נאָכאַנאַנד קומט צו אים אין חלום זיין געפאַלענער ברודער, וואָס איז געלעגן אויפן צווינטער מיט אַנדערע זעלנער אין איין מאַסן־גרוב. דער טויטער האָט אָנגערופן דאָס אָרט, ווו ער געפינט זיך. זיינע טויטע ביינער האָבן געמאָנט מען זאָל אים ברענגען צו קבר־ישראל...

דער פרעמדער ייִד האָט נישט געזשאַלעוועט קיין געלט. ער האָט אָפּגע־קויפט די זשאַנדאַרמעריע. מען האָט באַשטימט אויף פרייטיק אויסצוגראָבן זיין ברודערס קערפּער...

אַ פּאָר גויים זענען אַ גאַנצע נאַכט געלעגן מיט בראָנפן פאַרשיכורט און געגראָבן די צוזאַמענגעוואָרפענע טויטע קערפּערס, געזוכט דעם נומער און בלעכל: אַ צייכן פון יידישן סאָלדאַט. דאָנערשטיק, אינמיטן נאַכט, האָבן אַלע קוימענס זיך געריכערט. שטאָט האָט געשמעקט מיט געבאַקענע קאַרטאָפל. אַלע פענצטער האָבן סודותדיק געלויכטן. פרויען האָבן שלעפעריק אַרומגעדרייט זיך, פאַר־קנאָטן דאָס מעל צום באַקן. פאַרשלאָפענע אויגן האָבן דערציילט: מאָרגן פריי־טיק אינדערפרי גרייטן זיך אַלע צו דער לוויה...

די יידן האָבן אָפּגעקויפט אַ ניי שטיק פעלד פאַר אַ בית־עלמין. דער אַלטער בית־עולם איז פון דור־דורות שוין געווען פול מיט די אור־זיידעס און אור־באָבעס פון מיין שטאָט. און איצט וועט מען באַנייען דעם נייעם בית־עולם מיטן אויסגעגראָ־בענעם יידישן סאָלדאַט... פרייטיק פרי האָבן יידן אַרויסגעהאָנגען שוואַרצע פאָ־נען, מען האָט אַלע קלייטן פאַרמאַכט, יידישע קינדער פון די שולן האָבן זיך אָנגעטאָן שוואַרצע בענדער אויף די אָרעמס און אין די רייען מאַרשירט אַרויף צום באַרג...

טרויער האָט געוויינט אויף אַלע גאַסן. באַרג אַרויף האָבן יידן זיך געצויגן אין אַ לאַנגער פּראָצעסיע. קיינער האָט נישט גערעדט, מען איז שטום געגאַנ־גען פאַרויס. די קינדער נאָך זיי. מיט שטומע נייגעריקע אויגן זענען זיי נאָכ־געגאַנגען דער פור מיטן אויסגעגראָבענעם מת. פונוויטנס האָט זיך געזען דער נייער ליידיקער בית־עולם...

פלוצלינג האָט זיך אַרויסגעריסן אַ מיסטישער געזאַנג דורך אַלעמענס הער־צער, יידישער אייביקער געזאַנג, קינדער האָבן נאָכגעזונגען, געזאַנג האָט גע־

ווײנט צו גאָט, וואָס דערנענטערט אַפילו די טויטע, וואָס רופן צו קומען צו קבר־ישראל...

אויפן שפּיץ באַרג האָבן די ייִדן מיטן מת זיך אָפּגעשטעלט. ייִדן אין שטריימלעך מיט ווייסע זאָקן און ספר־תורהס האָבן זיבן מאָל זיך אַרומגעדרייט אַרום נייעם בית־עולם, ווי צו די הקפות... געדרייט זיך אין רונדן ראָד פון בית־עולם. אַרום און אַרום זענען געשטאַנען ווייבער מיט קינדער ווי אַ מענטשלעכע וואַנט. דער שוואַרצער קאַסטן אינמיטן...

גרינע פעלדער האָבן זיך אויסגעשפּרייט פאַרן קאַסטן, שוואַרצע וואָראָנעס זענען אַנגעפלויגן, געשריִען ווי מיט מענטשלעכע קולות: די פעלדער זענען ברייט און וואַרטן פאַר אַלעמען — קיינער וועט נישט אויסמײַדן דעם טויט...

די ייִדן האָבן מיט תּפילות פאַרטויבט דאָס פייגל־געשריי, געשלענגלט זיך אין אַ ראָד. ווען מען האָט שוין געזאָלט אַראָפּלאָזן דעם טויטן אין קבר אַריין, האָט מען פאַרגעסן ווו דער קאָפּ געפינט זיך, (נאָכן ייִדישן דין מוז מען וויסן ווו דער צוקאָפּנס געפינט זיך). מען האָט צוריק אויפגעעפנט דעם קאַסטן, אַ פאַר־פוילטער ריח האָט פאַרסמט די לופט, געל קלעפּיק פלייש האָט אַרויסגעשטאַר־טשעט, פליסיקע ביינער; דאָס פּנים איז געווען צעגעסן, נאָר זיינע געלע שטיוול און דער לעדערנער רימען זענען געווען גאַנץ... פרויען האָבן געחלשט. איבער די גרינע פעלדער און בערג האָט זיך אויפגעהויבן אַ געיאָמער אויסגעמישט מיט תּפילות. און אַזוי האָט מען אַראָפּגעלאָזט אין קבר אַ ייִדישן זעלנער, אים גע־בראַכט צו קבר־ישראל און דער ברודער האָט געזאָגט קדיש...

## בירגער־קריג

ווען וועט מענטש איינזאַמען זיין קריגעריש בלוט און אויפהערן צו פירן מלחמה? פאַרוואָס ווערט נישט מקוים ישעיהס חלום: „די שווערד זאָל פאַר־וואַנדלט ווערן אין אַקעראייזן“? און דאָ, האָבן די מענטשן נאָך נישט אָפּגעאָטעמט, און שוין האָט זיך פאַרשפּרייט אַ קלאַנג, אַז די רויטענער מיט די פּאָליאַקן האָבן דערקלערט מלחמה...

אין אַ פאַרטאָג האָבן פליִענדיקע קוילן אויפגעוועקט דאָס שטעטל, די פענצ־טער האָבן געציטערט, אַלע איינוווינער זענען אַראָפּ אין די קעלערס, די זון איז אַ פאַרשעמטע אויפגעגאַנגען...

די קוילן זענען געפלויגן אין דער לופטן ווי אַן אומזיכטבאַרקייט זאָל שפּילן איז ניס... מיין טאַטע, אַן אויסגעפּרוווטער פון ליידן, האָט זיך איינגעשפּאַרט: ער וויל נישט גיין זיך באַהאַלטן אין קעלער.

איך האָב אים נישט געוואָלט איבערלאָזן אַליין צווישן די סוויסטשענדיקע קוילן און נישט אָפּגעטראָטן פון זיין בעט. אַ פאַרגליווערטע רויקייט האָט מיך אַרומגענומען. שוין צוגעוווינט צו געפאַרן בין איך געלעגן אויף דער ערד און געלייענט אַ ביכל. איבער מיר האָבן פליִענדיקע קוילן געלעכערט דעם דאַך, טרייסלענדיק די צעבראָכענע שויבן און מיר האָט עס נישט געאַרט. איך האָב נים מורא געהאַט פאַרן טויט. די מאַמע מיט די באַהאַלטענע קינדער האָט פון קעלער אַרויפגעשריִען מיר זאָלן אַרונטער זיך באַהאַלטן. מיין מאַמעס געשריי האָבן פאַרטויבט די קוילן און איך בין געלעגן רויִק און געלעזן טאָלסטאָיס „תחית־המתים״...

ווען דאָס שיסעריי האָט זיך אַביסל איינגעשטילט האָב איך אַרויסגעקוקט דורכן צעבראָכענעם פענצטער. די גאַסן זענען לײדיק געווען. אַ פּאָר פּאַר־לאָרענע פערד האָבן זיך אַרומגעדרייט, ווי זיי וואָלטן זיך בעטן עמעץ זאָל זיי אין שטוב אַריינלאָזן... די רייטער פון די אַראָפּגעפאַלענע פערד האָבן זיך גע־וואַלגערט פאַרבלוטיקטע אויף די גאַסן און קיינער האָט זיי נישט אויפגעהויבן אין די לעצטע גסיסה־קאַנוווּלסיעס...

פּלוצלינג האָבן מחנות זיך אַריינגעריסן אין שטאָט, פאַרפלייצט אַלע גאַסן, טיראַניש זיך אַרויפגעוואָרפן אויף אַלע קלייטן, אָנגעהויבן צו רויבן די שטאָט, אַלטע יידן געשניטן די בערד. און פּלוצלינג האָט זיך באַוויזן מיין זיידע יאָסל. אַ האַלבע באָרד איז ביי אים געווען אַראָפּגעפליקט. מיט איין האַנט האָט ער זיך צוגעהאַלטן דאָס געשענדעטע באַליידיקטע פאַרבלוטיקטע פנים. איך וועל קיינמאָל נישט פאַרגעסן זיינע אויגן, — די טרויעריקע, יידישע דורך דורות, געפייניקטע אויגן, — מיין זיידנס אויגן... ער האָט שטום גענומען זיין ספר און אַראָפּ אין קעלער און מער נישט געוואָלט אַרויסקומען צו זען דאָס פנים פון דער זון, ווו מענטש איז געוואָרן חיה... ער איז געזעסן אין פינצטערן קעלער געבויגן איבערן ספר... און פון זיין האַלדז האָט זיך געטראָגן אַ ניגון. דאָס געזאַנג האָט זיך געפידלט אַרויף צו דער וועלט. ווו זענען ווענט? נישטאָ קיין פינצטערניש. מיין זיידנס חסידיש געזאַנג האָט זיך געטראָגן העכער און העכער פון פינצטערן קעלער אַרויס. דאָס געזאַנג פון טרייסט און האָפענונג. דער ניגון פון דערליי־זונג און איך, אַ קינד, האָב באַנומען זיין געזאַנג. עס איז זיך צעגאַנגגען ווי ווייך אין מיינע אַלע גלידער... און מיטן זיידנס ניגון בין איך אַרויס אויפן גאַס, אויפ־הייבן מיין קאָפּ צום הימל, ווו עראָפּלאַנען פלעגן זייען מיט טויט און קוקן גלייך דעם טויט אין פנים אַריין...

די שטאָט האָט זיך געלאָזט רייסן פון זיך דאָס אינגעווייד, די זון האָט פאַרשטעלט איר פנים, פאַרדעקט איר בושה הינטער שווערע, געפּאַנצערטע וואָלקנס.

## די געשמיסענע ברידער

די רוטענער האָבן איבערגענומען די בלוטיקע שווערד און אַרויסגעפירט צוויי ברידער — דער יינגערער וועמען איך האָב באַגעגנט אין באַן מיט די טרויעריקע אויגן...

גויים האָבן געמאַכט אַ בלבול אויף די צוויי ברידער, געמסרט זיי צו דער קאָמאַנדע, באַשולדיקט זיי אין שפּיאָנאַזש. די זעלנער האָבן רעווידירט דאָס הויז, צעריסן דאָס בעטגעוואַנט, אויפגעריסן די פּאָדלאָגע, געגראָבן אויפן בוידעם, געזוכט די דאָקומענטן, וואָס האָבן כלומרשט געזאָלט דינען די שפּיאָנען...

אויף די גאַסן איז געוואָרן אַ פּאַניק פון די עלטערן און אַלע שכנים. די געשרייען פון די געשמיסענע ברידער האָבן צעריסן די לופט. די נאַהייקעס אויף די בלוטיקע קערפּערס האָבן געהילכט איבער די גאַסן. די זעלנער האָבן אַלץ אכזריותדיקער זיי געשלאָגן, צווינגענדיק זיי זאָלן זיך מודה זיין אין שפּיאָנאַזש.

בליץ־שנעל האָט זיך באַוויזן מיליטער מיט אַ צעטל פון צען בעלי־בתים. זיי זענען אַריין צו די אַלע באַשטימטע יידן און זיי אַרויסגעפירט אין תפיסה אַלס משכנות... זייער באַדינג איז געווען: ביז פּאַרנאַכט מוז מען צושטעלן טויזנט קראָנען „קאָנטריבוציע״. אויב די סומע וועט נישט זיין ביי זיי אין די הענט ביז פּאַרנאַכט וועט מען די באַלעבאַטים דערשיסן.

אויף די גאַסן זענען אויסגעוואַקסן ווייבער מיט שווערע שאַלן, מיט פּאַר־בראָכענע הענט, אין אַ ביטער געיאָמער: אויב עמעצן איז נאָך עפּעס פּאַרבליבן פון פאַר דער מלחמה, זאָלן זיי ברענגען צוטראָגן דאָס לעצטע העמד אויף זיך כדי צו ראַטעווען די אומשולדיקע בעלי־בתים פון טויט.

אין דער זעלבער צייט זענען די קולות פון די צוויי ברידער אין דער קאָמאַנדע אַלץ נידעריקער אָפּגעשטאָרבן. דורך די אָפענע פענצטער, ווו מען האָט זיי געפייניקט האָט זיך געהערט אַ שטיל יאָמערן: מיר קאָנען מער נישט אויסהאַלטן! יידן, ראַטעוועט אונדז! מיר קאָנען מער נישט איבערטראָגן, עס איז שוין אַלץ איינס: מיר זענען שפּיאָנען; איר ווילט מיר זאָלן זיך מודה זיין?... לאָזט אונדז שטאַרבן! נאָר שלאָגט נישט מער. בלוט האָט געשפּריצט פון זייערע גלידער ווי פון אַ בלוטיקן פאָנטאַן... האַלב־טויטע האָט מען זיי אַרויסגעפירט שיסן...

ווען מען האָט אַרויסגעפירט די געשמיסענע ברידער זענען די מאַמעס פון שטאָט געלאָפן צו דער קאָמאַנדע, זיך רייסנדיק פאַר די האָר, געשריען: אַזאַ בלבול אויף די בעסטע זין פון שטאָט! עס איז אַ ליגן! זיי האָבן זיך נישט געמישט אין קיין שום זאַך; זיי זענען אומשולדיק, זאָלן זיי פרעגן אַנדערע גויים פון שטאָט, אַלע וועלן עדות זאָגן, זיי האָבן אַ טעות געמאַכט...

## מלכה לי

ווען די ווייבער זענען געווען ביים קאָמענדאַנט איז אַריינגעקומען אַ טאָכ־טער פון אַ רייכן בעל־הבית פון שטאָט בעטן פאַר איר טאַטן און אנשטאָט איר פאָטער אַוועקשטעלן אַן אַנדער נאָמען אויפן טויטן ליסט...

די ווייבער זענען אַרויס אין גאַס, געלאָפן פון שטוב צו שטוב, פון טיר צו טיר, בעטן די גויים זיי זאָלן זיך דערבאַרעמען און לויפן זיך איינשטעלן פאַר די צען יידן... אין דער שעה פון סכנות־נפשות זענען פרויען און קינדער געלאָפן אין שול. דער רב האָט זיך באַוויזן. ער איז אויסגעוואַקסן ווי אַ הייליקער זייל ביים ארון־קודש, צוגעפאַלן צו דער ספר־תורה און טרערן האָבן געשטראָמט ווי קוואַלן פון זיינע צערפולע אויגן... מענטשן האָבן שיעור צעשפאַרט די ווענט פון דער שול און אויך די גאַס איז געוואָרן פאַרזייט מיט מענטשן. דער רב האָט געקלאָגט: יידן טוט אויס די מענטשלעכע מלבושים! וויקלט זיך איין אין שמאַטעס, באַהאַלט אייערע קעפּ אין אַש, זאָגט תהילים! היינט איז יום־כפור! אַ נייער יום־כפור. טרערן האָבן זיך געקייקלט פון זיין פּנים. ער האָט געוויינט אויף אַ קול ווי אַ קליין קינד. דורך זיין געוויין האָט זיך אויסגעדאַכט: די ספרי־תורות מעקן זיך אָפּ, אַ נייער חורבן פון אַ פאָלק חתמעט זיך איין אין די פאַר־מעטן. טויזנטער וועלטן האָבן געוויינט אין איין גרויסן חורבן... אַ מיליאָנענדיק באַשעפעניש האָט פון זיך געריסן די האָר. דער רב האָט באַפוילן אַלע דער־וואַקסענע קינדער מיט די עלטערן זיי זאָלן פאַסטן. אויב עס וועט געשען אַ נס און גאָט וועט זיי ראַטעווען זאָל דער טאָג פאַרבלייבן אַן אייביקער תענית פאַר דור־דורות...

אַלע האָבן אָנגעהויבן צו זאָגן תהילים. אַלטע יידן — געבראָכענע דעמבעס האָבן זיך געבויגן, אַלע האָבן זיך געוויגט ווי אַ וויגנדיקער וואַלד, מיט שאָקלענ־דיקעביימער... אַלע האָבן זיך געוויגט שטילער, שטילער, אין אייביקן ניגון פון תהילים...

אויף די גאַסן זענען אָנגעקומען די זעלנער מיט די צען בעלי־הבתים. זיי האָבן זיי אויסגעשטעלט אין איין ריי. צווישן די צען האָט איין רייכער ייִד געפעלט. אַנשטאָט אים איז געשטאַנען אַן אָרעם שניידערל... הייסט עס, אַ גוטע טאָכטער האָט אויסגעביטן איר פאָטער פאַר אַן אַנדערן קינדס טאַטן...

די סאָלדאַטן האָבן אָנגעלאָדן די ביקסן זיי צו דערשיסן...

דאָ זענען אָנגעלאָפן יידן פון פרעמדע דערפער, מיט לייכטער און גאָלדענע קייטן, מיט קדושין־פינגערלעך, מיט זייגערס און געלט און צוזאַמען מיט די לעצטע גראָשנס פון די משפחות אויסגעלייזט די יידן פון טויט...

און צוזאַמען מיט די באַפרייטע יידן זענען אויך באַפרייט געוואָרן די צוויי אומשולדיקע ברידער קעניג.

## מען דערשיסט אַ מענטשן

אַ פּאָר טעג שפּעטער האָט די ליניע זיך צוריקגעקערט צו אונדזער שטעטל. טראָמפּייטן האָבן געטרובעט, פּויקן האָבן געפּויקט איבער דער גאַנצער שטאָט, דאָס פֿאָלק זאָל זיך פֿאַרזאַמלען איינס בייטאָג אויפֿן רינג־פּלאַץ. מען האָט נאָר־וואָס געכאַפּט אַ שפּיאָן און אים פֿאַראורטיילט צום שיסן...

דורך די שוואַרצע פֿאַרברענטע ראַמען פֿון אונדזער פֿענצטער האָב איך אַרויסגעשטעקט מיין קאָפּ. אַ מחנה סאָלדאַטן מיט מוזיק און געזאַנג האָט מאַר־שירט פֿאָראויס, מיט ביקסן און אויפֿגעשטעלטע באַיאָנעטן. אינמיטן איז גע־גאַנגען דער שפּיאָן.

אַ דין בלייך פּנים, מיט פֿייערדיקע אויגן וווי טיפֿע שוואַרצע שפּאַקולן, אַרום זיין האַלב־נאַקעטן לייב — אַ שוואַרצע לאַנגע פּעלערינע, אַריבערגעוואָרפֿן איבער איין זייט האַלדז, באַרוועסע נאַקעטע פֿיס האָבן פֿון הינטער דער פּעלע־רינע, זיך געהויבן פֿאָראויס אַרויף און אַראָפּ אין שפּאַן. ער האָט אויפֿגעהויבן זיין קאָפּ מיט ווילד־צעפּאַטלטע האָר, אַ קוק געטון אַרויף צו מיר, ווי זיידענע שטריק האָבן זיך אונדזערע אויגן צוגעבונדן אין דער לופֿטן, ער איז פֿאַר אַ פּאָר סעקונדן שטיין־געבליבן. איך האָב זיך ווי אַ וואָג אַראָפּגעבויגן פֿון דער הייך, אויסגעשטרעקט מיין גוף צו אים, ווי אים געוואָלט פֿאַרהאַלטן אין זיין לעצטן גאַנג. שפּיצן באַיאָנעטן האָבן זיך געקרייצט אין אַ צלם. ער איז ווייטער געגאַנגען...

די מוזיק האָט געשפּילט. ווילד און משוגעדיק איז דער המון געלאָפֿן, פֿון אַלע ווינקלען... איך בין געשטאַנען מיט אויסגעשטרעקטע הענט ווי אַ סטאַטוע...

געזען ווי דער בלייכער און שוואַרצער אַפּאָלאָ איז שטיין געבליבן אינמיטן דער שטאָט, לעבן דער פֿאַרברענטער שול, אַנטקעגן מיין פֿענצטער.

דער קאָמענדאַנט האָט פֿאַרגעלייענט זיין פּראָטאָקאָל: דער פֿאַרמשפּטער איז אַ ייד פֿון אַ ווייטן דאָרף. ער האָט אַן אַלטע מאַמע. מען האָט אים געכאַפּט אויפֿן פֿראָנט. ער האָט זיך מודה געווען אין שפּיאָנירן. דאָס קריגס־געריכט האָט אים פֿאַרמשפּט צום טויט.

גרינע פֿייערן האָבן זיך אָנגעצונדן אין מיין מוח. ער איז געשטאַנען שטאָלץ און שלאַנק אין שוואַרצן איינגעהילט און געקוקט צו מיר. און איך — איינגע־ראַמט אין שוואַרצן ראַם פֿון פֿענצטער. די מחנה זעלנער האָבן פּלוצלינג זיך פֿאַרביטן אין פֿליגן... אין שוואַרצע מייז... מייז זענען געקראָכן און ער אַ פּרינץ — שוואַרץ און שלאַנק — טויכט איבער זיי אַלעמען ווי ער וואָלט מיך געוואָלט דערגרייכן... איך האָב אים געפֿילט לעבן זיך...

איך האָב געזען: מען האָט אים צוגעפירט צו דער וואַנט, געפרעגט זיין לעצטע בקשה; ער האָט געמאָנט אַ ציגאַרעט.

קנוילן רויך האָבן זיך געשלענגלט צו מיר; דערציילט און צעשוווּמען זיינע לעצטע פאַרלאַנגען. דער רויך איז צעגאַנגען אויף גאָרנישט...

דער המון האָט געוואַרט מיט אומגעדולד. אין דער טויזנט־קעפּיקייט פון מאַרק, האָב איך אַריינגעשריִען מיט הענט ווי טרינקענדיקע אַנקערס: הרגעט אים נישט! איך בעט אייך, מענטשן, וואָס שטייט איר רויק ווי אויף אַ ספּעקטאַקל? רייסט אַרויס די ביקסן! נישט לאָזט אים שיסן! איך האָב אים ליב! פאַר זיין בלייכקייט פון פּנים, פאַר זיין שוואַרצער פּעלערינע, דורך זיין שלענגלדיקן רויך וואָס רעדט צו מיר אויף אַ שטומער שפּראַך און דערציילט פון זיין מאַמען. איך האָב אים ליב, דעם שוואַרצן שאָטן! מעקט אים נישט אָפּ פון דער ערד...

איך האָב געקלאַפּט אין די ראַמען און קיינער האָט נישט געהערט. מען האָט אים צוגעבונדן די אויגן מיט אַ שניי־ווייס טיכל. פינף רייען זעלנער האָבן זיך אויסגעשטעלט אַנטקעגן. די קאָמענדאַנט האָט אויפגעהויבן זיין האַנט פאַר אַ צייכן.

קוילן האָבן געלעכערט די וואַנט. דער קערפּער איז אומגעפאַלן ווי אַן אָפּגעהאַקטער בוים. געהירן האָבן זיך געגאָסן פון זיין קאָפּ...

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

גרינע פייערן האָבן געטאַנצט אין מיינע אויגן. מיין מאַמע איז מיט אַ שרעקלעכן קוויטש אומגעפאַלן און אַוועקגעחלשט. איך האָב געזען שפּעטער: מען האָט גענומען אַ טאַטשקע, צוגערופן אַ יידן פונעם עולם. ער האָט צוזאַמענגעקליבן די צעשאָסענע טיילן פון זיין גוף... אים אַריינגעוואָרפן אין אַ טאַטשקע, ווי מען וואַרפט אַריין אָפּפאַל פון מיסט...

מען האָט אים געהייסן אַוועקפירן. אויף דער שול איז געהאנגען זיין בלוט, רויט־רויט, פריש בלוט... איך האָב היסטעריש געשריִען: מאַמע! זע! זיין האָר אויף דער שול, רויט, רויט, זיי האָבן פאַרגעסן! פאַרגעסן!...

און ערגעץ אין אַ דאָרף איז געזעסן זיין אַלטע מאַמע און געוואַרט אויף אים, אויף איר איינציקן זון. ער איז אַוועק פון הויז מיט אַ פּעקל ביכער פאַר זיין חבר און מער נישט צוריקגעקומען...

ביזן היינטיקן טאָג איז פאַרטריקנט געוואָרן זיין בלוט אויף דער שול. עס האָט זיך איינגעקריצט אויף אייביק... קיינער קאָן עס נישט אָפּמעקן... יידיש אומשולדיק בלוט...

דורך קינדערשע אויגן

# יידיש בלוט איז הפקר

אַ גרויסע געפאַר, ווי אַן אומזיכטבאַרע חיה איז אַרויפגעפאַלן מיט שוואַרצע ציין איבער דער שטאָט. טאָג און נאַכט האָט מען געכאַפּט יידן און יינגלעך צו דער אַרבעט: גראָבן שאַנצן און רייניקן וועגן. אויף די גאַסן פלעגן זיך נאָר אַרומדרייען אַ פּאָר קאַליקעס מיט שטאָלצן. זיי האָבן צו קיין שום אַרבעט ניט געקאָנט דינען.

אַ הייזעריק קול פון גאַס האָט אַרויפגעשריִען פון מאַרק און זיך צעשפּאָלטן דורך די אָפענע פענצטער... אַ פּוילישער זעלנער אָנגעטאָן אין ציוויל (אַ גנב פון אונדזער שטאָט), האָט געשלעפּט אַן אָרעמען מאַרקזיצער פאַר די אויערן צו רייניקן די שטראָזן. דער ייד האָט ביים זעלנער זיך געבעטן: זיין ווייב ליגט אַ פּאַראַליזירטע, די קינדער הונגערן, ער זאָל דערווייל וואַרטן ביז ער וועט לאָזן אויף עמעצן די שטעל מיט זיינע עפּל אויף אַכטונג צו געבן, דאַן וועט ער מיט אים מיטגיין...

די איינגעבויגענע פיס פון ערלעכן יידן האָבן זיך נאָך טיפער פאַרקרימט, ווי צוויי הענטלעך פון שווערע קאַנען. דער זעלנער האָט מיט ווילדן אימפעט איבערגעקערט דעם קויש מיט עפּל. שקאָצים זענען זיך צוזאַמענגעלאָפן, צוגענומען די עפּל פון דער ערד. דער אַלטער פאַרקריפּלטער ייד איז קלאָגעדיק געגאַנגען. דער זעלנער האָט אים נאָך יעדן טראָט, מיטן שטיוול אין פּלייצע, פאַרריכט דאָס גיין...

אין פופצן מינוט שפּעטער זענען דערשראָקענע קינדער אָנגעלאָפן, דערציילנדיק: דער ייד ליגט אַ דערהרגעטער אין אַ רינשטאָק לעבן דער פאַבריק.

ווי אַ שטורעם האָבן מענטשן אָנגעהויבן צו לויפן אויף דער נייער שטאָט און איך מיט זיי. דאָרט האָבן שוין זיינע זעקס יתומים געיאָמערט איבער זיין נאָך וואַרעמען טויטן גוף...

דער טויטער איז געלעגן מיט איין האַנט צוגעגליווערט ביים קאָפּ... דער שאַרבן צעשפּאָלטן. דער מערדער האָט זיך אַרומגעדרייט און חוצפּהדיק געלאַכט אַלעמען אין פּנים אַריין... עמעצער פון עולם איז צוגעשפּרונגען צום זעלנער, געוואָלט אויסשרייען: ער איז דער מערדער! אָבער זיינע ליפּן, ווי צוויי שווערע בלייִיקע קלאָמקעס, שטום געבליבן און איידער ער האָט אַ זילב אַרויסגעבראַכט האָט אים דער מערדער אַ זעץ־געטון איבערן פּנים. ער איז אומגעפאַלן לעבן דערהרגעטן, וועמעס אָפענע אויגן ווי פון שטומע פיש, האָבן געמאָנט ביי דער וועלט...

קיינער האָט שוין נישט געוואַגט אויסצושרייען דאָס וואָרט צום מערדער, אויס מורא די פּאָליאַקן זאָלן זיך נישט אָפּרעכענען אויס נקמה צו די יידן...

ביים טויער פון בית־עולם, ווי אַ געהרגעטער, איז באַשטימט זיין מנוחה, האָט מען אים געבראַכט צו קבורה. די גאַנצע שטאָט האָט אים באַגלייט צו דער לוויה...

אין אַ וואָך שפּעטער האָט מען אַראַנזשירט אַ באַל אין אַ שייער אויף אַזאַ אופן צו זאַמלען געלט פאַר די פאַרבליבענע יתומים...

און איך האָב צו דער געלעגנהייט אָנגעשריבן דאָס ליד:

# ד ע ר   ב אַ ל

טירן פאַרקלאַפּטע, פענצטער פאַרשטעלטע
מענטשן גנבענען זיך אין טירן אַריין
קליידער געפּאַרבטע, פון זעק אויפגענייטע,
מיידלעך און בחורים טאַנצן אין צווייען . . .
מיידלעך פאַרשעמטע, בחורים פאַרקלעמטע, שווינדלען אין טאַנץ
דורך שפּאַרעס פאַרשוואַרצטע, דורך טירן פאַרשפּאַרטע
בליצט טויט מיט זיין גלאַנץ . . .
אַהער האָט מען מענטשן פאַרבעטן, אין טאַנץ מיט טויטע סקעלעטן,
אַלע אין איין רינג איינגעפלאָכטן ווער האָט דאָ וועמען געשאָכטן ?
ווער האָט דאָ וועמען פאַרביטן, דער טויטער מיט זיי דאָ אינמיטן...
פלעכט זיך קאַדריל אַלץ געשווינדער, געוויין פון יתומים — זעקס קינדער...
טויט לאַכט מיט שאַרבן צעשפּאָלטן, ווער האָט די נאַכט היינט פאַרשאָלטן...
פליען שטיינער דורך לעכער, קלאַפּן אויף בלעכענע דעכער,
אין נאַפט ווערן קנויטן דערטרונקען, טויט האָט דורך שפּאַרעס געוווּנקען...
פאַלן זיי אַלע אויף דרערד, דאַכט זיך צעבריקעטע פערד
וויקלט געדיכטער זיך ראָד, מאָרגן וועט אַש זיין די שטאָט...
עס טאַנצט דאָ מיט זיי דער שניטער מיט צעשפּאָלטענעם שאַרבן — דער דריטער...
טאַנץ — געלט פאַלט ווי אַ רעגן — פאַר קליינע יתומלעכס וועגן...

---

נאָך דער מלחמה האָבן די ייִדן אָנגעקלאָגט די פּוילישע רעגירונג פאַר דערהרגענען אַ מענטשן אין מיטן העלן טאָג און דער סאָלדאַט — דער מער־דער גייט אַרום פראַנק און פריי.

אין נײַנצנפינפאונצוואַנציק האָבן די ייִדן דעם פּראָצעס פאַרלאָרן, ווייל אַזוי האָט געמשפּט די גערעכטיקייט אין פּוילן...

# מיר חלומט זיך און איך לאַך

אין אַ כמורנעם קאַלטן פרימאָרגן, ווען דער דרויסן איז אַזוי נודנע ווי אַ שוואַנגערער פרוי, האָבן האַמערדיקע קלעפּ געזעצט אין אונדזער טיר.

די שבתדיקע לעמפלעך האָבן זיך פון ציטערן און הילכן אויסגעלאָשן...

דער זעלנער האָט געסטראַשעט, אויב מען וועט גלייך נישט עפענען וועט ער צעשמעטערן די טיר. איך מיט מיין שוועסטער טויבעלע זענען געשלאָפן אין אַ בעט צוזאַמען. ווען דער זעלנער איז אַריין אין שטוב, מיט געפלאָכטענער נאַהייקע, אין איין וועגס אַ מעסט־געטון מיט איר די קאָלדרע, מיט וועלכער מיר זענען געלעגן צוגעדעקט.

דער שלאָף האָט נאָך געדרימלט אויף מיין פּנים. מיינע האָר זענען געווען פאַרבלומט מיט ווייסע פעדערן. אַ חלום האָט זיך נאָך געשפּינט אין מיר. אין חלום האָב איך זייער שטאַרק געוואָלט לאַכן און נישט געקאָנט. איך בין געווען ווי פון בליי. נאָר ווען איך האָב דערפילט אַ ברי אויף מיין לייב, ווי פון אַ בייסנדיקער בין דורך מיין צודעק, האָב איך אַראָפּגעשליידערט די קאָלדרע און זיך אויפגעזעצט אַ נאַקעטע און אַזוי זיך צעלאַכט, אַז די פעדערן אין מיינע האָר האָבן זיך דערשראָקן און אָנגעהויבן צו פליען איבער דער שטוב. דאָס בעט האָט זיך צעכריפּעט אין אַ מאָדנעם געלעכטער. מיין שוועסטערל, זעענדיק מיך אַזוי שטאַרק לאַכן האָט אויך אָנגעהויבן צו לאַכן. איך — נאָך שטאַרקער. דאָס געלעכטער האָט זיך צעשפּליטערט ווי שטיינדלעך. דער זעלנער איז געשטאַנען אַ פּאַראַליזירטער. ער האָט קענטיק קיינמאָל נישט געזען אַזאַ קאָמיש בילד, ווי משוגענע פעדערן לאַכן... ער האָט זיך דערשראָקן און אַרויסגעלאָפן, פאַרגעסנדיק נאָך וואָס ער איז געקומען...

ווען ער איז אַרויס און פאַרקלאַפּט די טיר האָב איך זיך צעוויינט פאַר מיין אייגענעם שרעק־געלעכטער... מיר זענען אַלע צוגעלאָפן צום פענצטער. אינדרויסן זענען געשטאַנען פּרויען און מיידלעך און געשיילט קאַרטאָפל, געשייערט ריזיקע טעפּ, געהאַקט שפּענדלעך. און צוזאַמען מיט די אַלע פרויען איז געשטאַנען די רביצן. אַרום זיי האָבן זעלנער געשאָכטן אָקסן און זיי אַריינגעוואָרפן אין קאָכיקע קעסלען...

שבת איז געווען אויף דער וועלט; דאָס גאַנצע שטעטל האָט מחלל־שבת געווען...

## די קאַץ־ און מויזן־שפּיל

די שטאָט האָט אויסגעזען ווי אַ באַהאַלטענע נאָרע. די רויטענער זענען אַריין אין שטאָט און די פּאָליאַקן זענען אַנטלאָפן. איבער נאַכט זענען ווידער אַריין די פּאָליאַקן און די רויטענער זענען אַנטלאָפן. אונדזער שטעטל איז געווען דער צענטער פון קאַץ־און מויזן־שפּיל. די מענטשן פלעגן נאָך האַלבן טאָג זיך באַהאַלטן, ווי מייז אין די נאָרעס, מיט שרעק און ציטערניש אָפּוואַרטן די קומענ־

דיקע נאַכט. די נאַכט איז געווען איינגעוויקלט אין פינצטערע ליילעכער פון געפאַרן...

אין איין צימער האָבן מיר אַכט מענטשן געוווינט. אין צווייטן פאַרברענטן צימער האָבן מיר אַ דאַך אַרויפגעשלאָגן פון פאַרברענטע בלעכן... די פענצטער — שוואַרצע לעכער... אָפענע מיילער האָבן געשריִען אין דער נאַכט מיט זייער שוואַרצקייט... אין אָט־דער שטוב האָבן מיר געהאַלטן אַ ציג, אַ שוואַרצע ציג. ווי שטענדיק פלעגט זי אַ הונגעריקע מעקען... אָפט פלעגט זי צוציִען אורחים מיט איר געוויין, אָבער ווען ווייסע מיידל־הענט פלעגן זי גלעטן פלעגט זי ווי אַ קינד איינגורען דעם קאָפּ און דרימלען... די נאַכט פון שרעק איז געקומען, טריט האָבן געהאַגלט, אָנגעלאָפענע זעלנער האָבן געקלאַפּט אין טיר, מען זאָל זיי עפענען...

די ציג האָט זיך צעמעקעט. מען האָט שטאַרקער געקלאַפּט און געריסן די טיר. איך מיט מיין שוועסטערל זענען אַריינגעלאָפן אין דער צווייטער, קאַלטער, נאַכטיקער שטוב, אויפגעהויבן דאָס שטרוי ווי די ציג איז געלעגן. מיר האָבן זיך אויסגעצויגן, זיך באַהאַלטן אונטערן שטרוי. די ציג האָט ווי אַ מאַמע זיך אויסגעשפּרייט אויפן שטרוי און געלעגן שטיל, אונדז אָפּגעהיט פון געפאַר. די זעלנער זענען אַריין, געזוכט און געזוכט. זיי האָבן נישט געפונען... דריי טעג און דריי נעכט האָט מען געזוכט מיט באַיאָנעטן אין אָנגעוואָרפענעם שטרוי. אין קליינעם בודקעלע ווו אַ ציג קאָן זיך נאָר אויסשטרעקן, בין איך געלעגן איינגעקאָרטשעט, באַהאַלטן. איך פלעג זיך צוהאַלטן די נאָז, נישט איינצואָטע־מען דעם ריח פון דער ציג, אַזוי ליגן מיט אָפענע אויגן, האָרכן יעדן ריר פון דער נאַכט, יעדן אָטעם פון דער ציג, אפשר טריט — וואָס פאַרגליווערן און שרעקן אַזוי... טויטע טריט... מאָדנע, די ציג איז דאַך אַזוי ענלעך צו אַ מיידל, זי לאַשטשעט זיך צו מיר, ווי מיין שוועסטערל און מיר זיצן — דערשראָקענע דריי ציגן, וואַרטן אין דער נאַכט, טריט האַמערן און לעכערן די אויערן... אויב מיר ווערן מיד פון זיצן לייגן מיר זיך אַנידער און דעקן זיך איין מיטן שטרוי, וואָס איז אויסגעמישט מיט שוואַרצע קיילעכדיקע קנוילן...

אַזוי ליגן מיר מיט אונדזער שרעק און וואַרטן... שפּיזלדיקע טריט שטעכן, שטעכן... מיר זענען מיידלעך, מיידלעך... פאַרוואָס זענען מיר נישט געבוירן ייִנגלעך? פאַרוואָס?!

אין אַ פאַרטאָג זענען די קלעפּ פאַרשטומט געוואָרן. מיין מאַמע, גראַמירט ווי אַן אַלטע ייִדענע — אַ סגולה פאַר די זעלנערישע אויגן. זענען מאָדנע זעל־נער אַרומגעגאַנגען איבער דער שטאָט. מיר האָבן זיך דערוווסט אַז דאָס זענען נישט קיין רוטענער אָדער פּאַליאַקן, דאָס זענען שוואַרצע קוטשמעדיקע פּעטלור־צעס...

##ביים שוועל פון טויט

אין אַ פאַרנאַכט, ווען וויאָלעט־גרינע שלייערן וויקלען זיך אין רויט־ראָזעווע טולן אויפן הימל, בין איך אַהיימגעגאַנגען מיט אַ פּאַק ביכער אונטערן אָרעם, וואָס איך האָב געלינען צום לייענען דורך די באַהאַלטענע טעג. ווען איך האָב אויפגעמאַכט די טיר זענען נאָכגעגאַנגען אַ מחנה פּעטלורצעס און פאַרנומען ביי אונדז דאָס איינציקע צימער אויף קוואַטיר פאַר אַ טאָג און אַ נאַכט. מיר האָבן זיי אָפּגעגעבן אין שרעק דאָס איינציקע צימער און מיר זענען איבערגעשלאָפן די נאַכט אין צווייטן פאַרברענטן צימער...

אינדערפרי האָבן די סאַמאָוואַרן געזאָטן ווי אין אַ קאַלך־אויוון, די זעלנער האָבן געקאָכט און באַלעבאַטעוועט ווי ביי זיך אין דער היים...

ווען איך האָב זיך אויפגעכאַפּט האָט די זון רויט־קרענקלעך געשיינט ווי אַן אייטערדיקע וווּנד אויף גאָטס פּנים... אַזאַ פרעמדער, קאַלטער טאָג! די זעלנער האָבן געקאָכט, און אַ שווערע שטימונג האָט מיך באַפאַלן, אַ קאַלטער שוידער האָט געציטערט אין מיין האַרצן, מיר האָט זיך געוואָלט וויינען, וויינען, אויסוויינען זיך פאַר אייביק, ווי טייכן וואָלטן זיך געשפּאַרט דורך מיינע אויגן. איך האָב געפונען אַ שטיקל קויטיק פּאַפּיר און ווי שטענדיק געשריבן לידער. האַרץ און פינגער האָבן געוויינט אויף פּאַפּיר. איך האָב איינגעקריצט מיין ווייַ ווי בלוט אויף שניי... טרערן האָבן זיך געקייקלט איבער מיינע באַקן. איך האָב געשריבן מיט טרערן. עפּעס אַ געפאַר האָט זיך אָנגעזאָגט דורך מיינע האַרץ־סטרונעס, דורך מיין וויינענדיקן גוף און דער טאָג האָט אַזאַ פייכטער מיטגעוויינט מיט מיר. איך האָב נישט באַמערקט ווי אַן אָפיצער איז געשטאַנען לעבן מיר, געקוקט ווי איך וויין און שרייב. איך האָב זיך פאַרשעמט פאַר אים, אַרויסגעלאָפן פון שטוב, זיך אַנידערגעזעצט לעבן בערגל הינטערן הויז. גרין איז געווען דאָס גראָז, גלאַטיק פאַרקעמט פון ווינט און די אומרויקייט האָט אַלץ געוויינט אין מיר... איך האָב זיך געוויגט אויפן בערגל ווי אַ וויינענדיקע יוערבע, עמעץ האָט גערופן מיך איך זאָל גלייך קומען: מען האָט ווידער אָוועקגעשלעפּט מיין טאַטן! דאָ האָט דאָס בערגל זיך אַ וויג־געטון ווי אין אַן ערדציטערניש. איך בין נאָכגעלאָפן נאָך דער שטים. אין גאַס איז קיינער נישט געווען. אַלע מענטשן האָבן זיך פאַרמאַכט הינטער שלעסער. דער פירער „פּעטלוראַ״ איז געווען צו־גאַסט ביי אונדז אין שטעטל. ער האָט פאַרנומען זיין קוואַרטיר מיט זיין מחנה ביי מיין טאַנטע מירציע אין שטוב. איר הויז איז נישט געשעדיקט געווען פון די באַמבעס, ווייל עס איז געווען אויף אַ ווייטער גויישער גאַס הינטערן שטאָט.

מיין ערשטער אימפּולס איז געווען — לויפן דירעקט צו פּעטלוראַן, ער זאָל באַפרייען דעם טאַטן, צוזאַמען מיט די צוויי ייִדן וואָס מען האָט אויך ערשט צוגענומען.

ביים שוועל פון אַריינגאַנג איז געשטאַנען אַ וואַך און קיינעם נישט צוגע־לאָזן. איך האָב זיך אַריינגעריסן מיט געוואַלט, דירעקט אין צימער ווו פּעטלוראַ איז געזעסן אין אַ טיפן פאָטעל. זיין געליבטע, וואָס ער האָט מיטגעפירט מיט זיך, האָט שימערירט אין רויטע זיידענע הויזן פאַר אים ווי אַ פּייערדיקע בין. זי האָט זונה'ש געלאַכט דורך אירע ווייסע ציין. פּעטלוראַ האָט זי געשלעפּט צו זיך אויפן שויס. זיי האָבן מיך אַפילו נישט באַמערקט. איך בין צוריק אַרויס־געלאָפן און געפלויגן צוריק אויף דער נייער שטאָט. מיין קלייד ווי אַ שירעם צעטורעמט. מיינע טריט צעברעקלט אין די שטיינער. איך בין געקומען הינטערן שטאָט, האָבן פיר וועגן זיך געצויגן. וועגן, ווי לאַנגע שטויביקע ווייטקייטן האָבן זיך געשפּרייט, גראָזן האָבן זיך געקאָרטשעט און שטיל איז איבעראַל געווע־. איך בין געשטאַנען אין מיטן, ווי אַ וועגווייזער און נישט געוווּסט אויף וועלכע וועגן דער טאַטע געפינט זיך...

איך בין געלאָפן און געלאָפן. פון ערגעץ האָט אַ שטים געיאָמערט: יידן, העלפט! מען דערהרגעט מיך! קינדער מיינע, מען דערהרגעט מיך!

אַ טויטע פאַרגליווערניש האָט מיך דורכגעשניטן. איך האָב דערקאָנט די שטים פון מיין טאַטן. איך בין אַנטקעגן־געלאָפן דעם פאַרצווייפלטן געשריי. דאָס קול האָט זיך אויפגעהויבן ווי אַ שטורעם און ווי אַ בליץ אָנגעצונדן דעם דרויסן אין רויטע וווּנדן...

קינדער מיינע, קינדער מיינע!

איך בין צוגעשפּרונגען צו דער שוועל. אַ פּאָר זעלנער זענען געשטאַנען מיט שיכורע נעזער. נאָך יעדן געשריי פון מיין טאַטן האָבן זיי צוגעקנאַקט סאַ־דיסטיש מיט דער נאַהייקע, שטאַרקער, שטאַרקער! הרגעט די יידן! הרגעט זיי!

איך בין צוגעפאַלן צו זייערע פיס און זיך געבעטן: שענקט דאָס לעבן פון מיין טאַטן! דערהרגעט נישט מיין טאַטן! ביי דעם וואָרט האָבן זיי זיך היסטעריש צעלאַכט. זיי האָבן געשריגן: דו האָסט נישט קיין טאַטן! וואָס דאַרפסטו אַ טאַטן? און פאַרדאַרבענע שמוציקע ווערטער האָבן זיך געשאָטן, ווי זאַמד איבער מיינע אויערן און מיר שיעור טויב געמאַכט... מיין טאַטנס געוויין איז אַלץ מער אָפּגע־שטאַרבן. איך האָב געקושט זיין האַנט, זיי זאָלן מיך צולאָזן צום טאַטן. דאָ האָט די נאַהייקע אָנגעהויבן צו טאַנצן איבער מיין פּלייצע, משונהדיק געבריט די הויט, געקראַכן ווי שלאַנגען אויף מיין לייב, ווי אין אַ פאַרמעסט מיט די יללהדיקע געשרייען פון מיין טאַטן. בלויע קישקעס זענען אויפגעשוואָלן אויף די אַקסלען און מאָדנע: מיר האָט נישט וויי־געטון. נאָר ווען מיין טאַטנס גע־שרייען האָבן זיך אויפגעכאַפּט, ווי אָנגעצונדענע האַלעװעשקעס, האָט דאָס גע־שריי מיר וויי־געטון... איך האָב אַזוי געוואָלט שטאַרבן, נישט הערן, ווי מיין טאַטע יאָמערט... נאַהייקעס האָבן אַלץ געפּאַכעט איבער מיין איינגעקאָרטשעטן גוף און מיר האָט נישט וויי־געטון...

אַ נס איז געשען: אַן אויטאָמאָביל איז אַנגעלאָפן און זיך אָפּגעשטעלט. דריי גענעראַלן האָבן פון ווייטנס באַמערקט ווי מיידל־הענט קלאַמערן זיך צו זעלנערישע פיס און בעטן און די נאַהייקע פּאָכעט איבער איר. זיי זענען אַרויס און מיך אויפגעהויבן, ווי אַ צעטראָטענע בלום, אַ פאַרבלוטיקטע. זיי האָבן געפרעגט וואָס פאַר אַ פאַרברעכן איך בין באַגאַנגען פאַר שלאָגן מיך אַזוי... די זעלנער האָבן זיך איבערגעקוקט מיט שרעק און פחדנותדיק געענטפערט: פאַר דער חוצפה פון בעטן פאַר איר טאַטן. אָבער זיי האָבן אויך נישט געוווּסט מיט וואָס מיין טאַטע האָט זיך פאַרזינדיקט...

די גענעראַלן האָבן געהייסן אַרויספירן מיין טאַטן. גרין געשוואָלן איז געווען זיין פּנים. גרוי זענען געווען זיינע האָר. אין איין שעה איז ער פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ זקן. ער איז אומגעפאַלן אַ פאַרחלשטער.

דערווייל האָט זיך איבער דער לופט געטראָגן מיין מאַמעס געיאָמער. מיין מאַמע איז איבער דער ברייט פון שטראָז מיט אַלע קינדער אַנגעלאָפן. זיי זענען געלאָפן איינגעוואָקסענע אין איינעם, ווי פון איין גוף אויסגעקנאָטן. די קינדער האָבן געשריִען און דאָס געוויין האָט זיך געהויבן צו די הימלען הויך, הויך, וואָס קאָן זיך קיינמאָל מער נישט איינשטילן. דאָס ייִדיש־אומשולדיקע געוויין...

ווען מען האָט דעם טאַטן אהיימגעבראַכט און באַנדאַזשירט זיינע ווונדן אים אָוועקגעלייגט אין בעט, האָב איך זיך אַנידערגעזעצט אין אַ ווינקל פון שטוב. מיר איז געווען אַזוי גרינג, אַזוי לויטער אויף מיין האַרצן. איך האָב געפילט מיין טאַטנס ווונדן אויף מיין אייגן לייב; איך האָב זיך געוואָלט אָוועקגעבן פאַר מיין טאַטן.

דער זעלנער־אָפיצער, וואָס איז געווען ביי אונדז אַ קוואַרטיראַנט איז צוגעקומען אַ פאַרשעמטער צו מיר. אינדערפרי האָט ער געוואָלט וויסן, וואָס איך שרייב אין מיין העפט און ווין. איך האָב אַראָפּגעריסן די בלוזקע פון זיך און אים געוויזן: נאַ, זעט, פאַר מיין פאַרגעפּיל. די בלויע אָנגעשוואָלענע קישקעס האָבן געדראָלט ווי בייטשן מיט פאַרגליווערטן בלוט. ער האָט מיך אַרומגענומען און אַ קוש־געטון די ווונד אויף מיין אַקסל און איז פאַרשעמט אָוועקגעגאַנגען.

טרערן האָבן געגלאַנצט אין זיינע אויגן. אפשר האָט ער ערגעץ אויך אַ טאָכטער, וואָס וואָלט ווי איך, איר לעבן אָוועקגעגעבן פאַר איר טאַטן...

## דאָס פאַרשטייעניש פון מאַמע און טאָכטער

אַ ידיעה האָט זיך פאַרשפרייט איבער דער שטאָט: פּעטלורצעס גייען פון שטוב צו שטוב, זוכן געפעס און ברויט פאַר די זעלנער. מיר האָבן געהאַט אַ פּאָר פאַרטריקנטע לעבלעך ברויט. זענען די קינדערלעך אַרויף אויפן בוידעם

זיי צו באַהאַלטן. די מאַמע איז אַוועק עפּעס קויפֿן. אין דער האַלב־פֿאַרנאַכטיקער שטוב בין איך געזעסן מיט אומרויִקע אויגן, ווי אַ ווייזער פֿון אַן אומרוקן זייגער, געזוכט, אפֿשר האָט מען עפּעס פֿאַרגעסן צו באַהאַלטן אויפֿן בוידעם, ווייל די לייטער שלעפּט מען שפּעטער אַוועק און קיינעם וועט נישט איינפֿאַלן אָן אַ לייטער צוקומען צום באַהעלטעניש אויפֿן בוידעם...

פּלוצלינג האָבן פֿויסטן געהאַמערט אין טיר און אַ קול האָט געדונערט: אויפֿמאַכן! איך האָב אַ פֿאַרגליוווערטע געשוויגן. האָט די טיר זיך אָנגעהויבן צו שאָקלען, שפּיזן פֿון באַיאָנעטן האָבן זיך געדרייט דורך די שפּאַרעס. מיט מיין אַליין זיין — האָב איך זיך שטאַרק דערשראָקן פֿאַר דער צאַפּלענדיקער טיר און פֿאַרצווייפֿלט זיך צעוויינט, זאָגנדיק: מיין מאַמע וועט באַלד קומען. דאָס האָט זיי נאָך מער אויפֿגערייצט און זיי האָבן מיט גוואַלט די טיר אויפֿגעפּראַלט. אַ פֿאַרצווייפֿלטע האָב איך אויפֿגעמאַכט די פֿראָנט־טיר, וואָס איז אַרויס צום פֿאַר־ברענטן גאַניק.

דער פּעטלורעץ, דערהערנדיק מיך אַרויסשפּרינגען אויפֿן גאַניק איז אַוועק פֿון טיר צוריק אין דרויסן. איך האָב פֿאַר זיך דערזען אַ הויכן ריז. די קוטשמע פֿאַררוקט אין אַ זייט, אַ בינטל האָר האָט אַרויסגעקוקט איינזייטיק און געוווּנקען. ביי דער קוטשמע איז נאָכגעהאַנגען אַ וואָלענער, לאַנגער צאָפּ. דאָס רעקל אויפֿ־געקנעפּלט, דאָס נאַקעטע האַרץ אַרויסגעשטעלט ווי אַ פּאַנצער און האָט ווי רויט־גליִעדיק אייזן געבריט מיינע בליקן. ציינער ווייסע ווי אַ צערייצטע חיה און אויגן — שוואַרץ און מוראדיק... ער איז געשטאַנען אונטן אויפֿן טראָטואַר און איך אויבן אויפֿן גאַניק, מיט הענט פֿאַרפֿלאָכטענע אויף מיין האַרצן, ווי אין אַ צלם. ער האָט מיר נאָכגעקרימט ווי איך שטיי און ציטער. ער האָט זיך אָנגע־בויגן — מיין קלייד האָט פֿאַרשעמט ווי אַ ווינט מיך אַרומגענומען. מיט אַן אָפֿן און דערשראָקן מויל האָב איך געגאַפּט ווי אויגן שלינגען מיינע פֿיס פֿון אונטערן גאַניק, און ציינער שטשירען ווי ביי אַ חיה...

איך האָב זיך געוואָרפֿן אין ציטערניש ווי קוועקזילבער. דער הימל איבער מיין קאָפּ האָט זיך פֿאַרצויגן מיט אַ שוואַרצער פֿעל. דער פֿאַרנאַכט האָט זיך צעשפּאָלטן.

אַ פּראָסטיטוטקע פֿון אונדזער שטאָט איז פּלוצלינג ווי אויסגעוואַקסן פֿון דער ווייטנס. איך האָב די פֿרעמדע, פֿאַרשטויסענע, אַ רוף־געטון: זאַסיאַ! זאָסיאַ!

זי איז צוגעקומען און מיט ווינקעניש פֿון מיר דעם פּעטלורעץ אַוועקגע־נומען...

מיין מאַמע איז אָנגעלאָפֿן. די קינדער זענען ווי קעצלעך אַראָפּגעשפּרונגען פֿון בוידעם, זיי האָבן געהערט ווי איך וויין און זיי האָבן געשוויגן, כדי מען זאָל זיי נישט דערהערן און צונעמען די פֿאַרטריקנטע לעבלעך ברויט. קינדער ווייסן נישט פֿון קיין אַנדער געפֿאַר...

דער בין־השמשות איז זיך צערונען ווי חלב. שאָטנס האָבן געשפּרייזט איבערן צימער. שרעק האָט זיך איינגעגעסן ווי טיפע פּאָקן אויף אונדזערע פּנימער. מיר זענען געזעסן אין פינצטערניש און די נאַכט איז אָנגעשוואומען ווי אַ שוואַרצער טויטער וואָגן. פּויסטן — האַמערדיקע קלעצער — האָבן ווי־דער געקלאַפּט. בלישטשענדיקע שפּיזן האָבן אַריינגעשטעקט זייערע קעפּלעך דורך די שפּאַלטן פון טיר. די טיר האָט זיך אָנגעהויבן צו באַוועגן און וואַרפן ווי אַ לעבעדיק באַשעפעניש. מיר האָבן דערקאָנט די זעלבע באַטאָגנדיקע אויס־געשרייען און אַ נצחונדיק געלעכטער: אַז זיי זענען ווידער געקומען. מיין מאַמע האָט מיט פאַרלוירענע אויגן אונדזער אַלעמענס שרעק אויסגעגאָסן אין טאַטנס אויגן... זי האָט שנעל געכאַפּט צוויי גרויע מיליטערישע דעקן אַרויפגעוואָרפן איינע אויף מיר, די צווייטע אויף זיך, אַריינגעשטעקט שמאַטעס אין איר פּלייצע בדי אויסצוזען האַרבאַטע און מיט אַש פאַרשמירט זיך איר פּנים... מיר זענען אַריינגעלאָפן אין צווייטן ליידיקן צימער, צוגעשפּרונגען צו די אָפענע שוואַרצע פענצטער. שוואַרצע מיילער האָבן אונדז איינגעשלונגען, אונדז אויסגעשפּיגן אין דער שוואַרצער נאַכט אויף די ליידיקע גאַסן... מיר זענען געלאָפן ווי געשפּענס־טער. געפילט: הינטער אונדז יאָגן זיך טריט, נײַן נישט קיין טריט — אין דער פינסטער נאַכט האָבן זיי געהילכט ווי מחנות רויבער... מיר זענען געלאָפן און געשוויגן.

דאָס ערשטע מאָל האָב איך דערפילט צו מיין מאַמען אַזאַ פאַרשטייעניש דורך מיינע אַלע גלידער, מיין מאַמע אַזוי ווי איך... מיר זענען געלאָפן און גע־שוויגן...

מחשבות ווי דרייענדיקע רעדער האָבן געטאַנצט; מיר האָבן געפילט זיך מקריב צו זיין איינער פאַרן אַנדערן. מיר זענען משונהדיק געלאָפן דורך הינטער־גאַסן און געשוויגן...

אויף דער אַנדערער זייט גאַס זענען געזעסן זעלנער איבער רויטע פאַקלען צעצונדענע, געבראָטן קאַרטאָפל, זעלנער האָבן געזונגען, אונדז האָט זיך געדאַכט: רויטע פאַקלען האָבן זיך צעצונדן אין דער נאַכט, געלויכטן אַ וועג פאַר דער־שראָקענע וואַגלער — שאָטנס וואָס ווילן זיך ערגעץ באַהאַלטן...

מיר זענען פאַרבייגעלאָפן אַ צווייטע גאַס. זעלנער זענען געלעגן, געשלאָפן אויף דער קאַלטער ערד, אין מיסט. ביקסן האָבן זיך געטוליעט מיט זייערע קעפּלעך, ווי זיי וואָלטן שוין מיד געוואָרן פון די קוילן, וואָס לויפן אַרויס פון זייערע העלזער. זיי האָבן פּונקט אַזוי ווי מיר אין דער נאַכט זיך געוואָלט אַזוי אַפּרוען... זיך ערגעץ באַהאַלטן... אין אַלע הייזער איז פינצטער געווען. מיר האָבן געקלאַפּט אין די טירן, געפּרוווט די שלעסער. אַלע מענטשן האָבן מורא געהאַט אויפצועפענען פאַר זייערע אייגענער געפאַר...

אַזוי זענען מיר פאַרוואָגלטע און אויסגעשעפּטע אַריין אין אַ חורבה. צווישן פאַרברענטע שטיקער אייזנס זיך באַהאַלטן, האַלב־פאַרחלשטע אַנידערגעפאַלן... ערשט דעמאָלט האָבן טרערן פון אונדזערע אויגן זיך געקייקלט. אונדזערע הייליקע טרערן האָבן זיך אויסגעמישט אין אַ זילבערנעם טייך, וואָס האָבן אונדז ביידן צוזאַמענגעשמאָלצן אין אַ פאַרשטייעניש פון מאַמע און טאָכטער...

## אַלע מיידלעך אַנטלויפן פון שטאָט...

עס איז געקומען אַ שרעקלעכער אויפדערנאַכט. הינטער אַ פינצטערער וואָנט האָט געבליצט די לופט. די געפּאַר האָט זיך גערוקט ווי אַ געפּאַנצערטער וואָגן איבער דער שטאָט. ווי פאַר אַ שטורעם האָט שטאָט אין שווערער פאַרגליווערניש געסאָפּעט. די באַלשעוויקעס האָבן געקעמפט מיט די פעטלורצעס. די אַנדערע — פאַרויסזעענדיק זייער מפּלה — האָבן אָנגעהויבן חרוב־מאַכן די האַלב־טויטע שטאָט. די מאַמעס האָבן דערפילט: די טעכטער מוז מען ראַטעווען פון דער קומענדיקער, שרעקלעכער נאַכט...

אַלע מיידלעך פון שטאָט האָבן זיך צוזאַמענגענומען און געלאָפן צום באַנהויף זיך ראַטעווען און אַנטלויפן. איך האָב זיך נישט געקאָנט אָפּרייסן פון מיין מאַמען, ווי איך וואָלט זיין אין איר איינגעוואַקסן... ווען איך בין אַרויס אויף דער פינצטערער גאַס, האָט מיין מאַמעס געוויין דעם וועג מיר פאַרשטעלט. איך האָב געזען בלינדקייט פאַר מיר. מיטן שטיקל ברויט אין האַנט געלאָפן צום צוג, וווּ האַרדעס מיידלעך זענען שוין געזעסן אויפן דיל, ווי אָנגעפּאַקטע טשערעדעס אין די פראַכט־וואַגאָנען...

דער צוג האָט זיך נישט גערירט פון אָרט. מיר האָט זיך געדאַכט: עס איז בלויז אַ מעשהלע, וואָס די באָבע פלעגט דערציילן... אַ שוואַרצער בער האָט איינגעשלונגען אַלע קינדערלעך אין בויך. פונוויטנס האָט זיך געשוואַרצט דער וואַלד, ווי האַרדעס שוואַרצע בערן. דער וואַלד האָט פון זיין פינצטערניש דערטראָגן אָפּגעהאַקטע אויסגעשרייען פון פאַרפייניקטע הייזעריקע העלדזער. די נאַכט האָט געקרעכצט אין ווייען און די באַן האָט זיך נישט גערירט...

אַלע מיידלעך זענען געזעסן אויפן שטאָליקן דיל. טרערן האָבן געבאָדן אונדזערע פּנימער. אונדז האָט זיך אויסגעדאַכט: מיר זענען אַליין געקומען מיט אונדזערע לעבנס דער געפּאַר אַנטקעגן... די שרעק האָמערט ווי פויקנדיקע טריט אין האַרץ. מיר זענען געזעסן אַ גאַנצע נאַכט, איינער אין צווייטן איינגעטוליעט, געשלונגען די פינצטערניש פון די וועלדער. אויפן הימל איז אָנגעשוווּמען אַ רויטער ים. נאַכט האָט אויסגעטאָן איר קויטיק העמד הינטער די בערג. אויפן

הימל איז געהאנגען די לבנה — אַ בלייכע רויז... דער טאָג איז געבוירן געוואָרן און דער צוג רירט זיך נישט...

אין בלויען גאָלדענעם פרימאָרגן האָב איך געוואָלט אַזוי לויפן אַהיים צוריק אין שטאָט, אַ קוק־טון נאָך איינמאָל אויף מיין מאַמען. ווי אַ בליץ האָב איך זיך אַרויסגעריסן פון צוג, די מיידלעך איבערגעלאָזן און געלאָפן צוריק צו מיין מאַמען. מיט אַ טויטלעכן אָטעם האָבן ליידיק געגרוילט די גאַסן. אויפן באַרגיקן וועג אַרויף צו מיין הויז האָט זיך געצויגן ווי אַ רינשטאָק אַ שנור מיט בלוט. הינטער מיינע טריט האָבן מאָדנע שוואַרץ־בראַנדיקע ביינער געסטאַרטשעט פון די שטראָזן. איבער די בלוטיקע וועגן בין איך אַריין אין הויז. מיין מאַמע האָט מיך דערזען האָט זי ווי אַ נאַכטוואַנדלערן צו מיר געבלאָנדזשעט. זי האָט מיך אָנגערירט און אַלץ זיך נישט געגלויבט: דאָס בין איך... אָדער מיין שאָטן... די טויטקייט איז פאַרשווונדן פון איר פנים און זי האָט מיך צוגעהאַלטן מיט אירע מאַמע־הענט. זי האָט דערציילט: אַ גאַנצע נאַכט האָבן קולות געוויגט די פינצ־טערניש, ווי אַלע טויטע וואָלטן יאָמערן פון די קברים... און איר האָט זיך אויסגעדאַכט דאָס אַלע מיידלעך פון די באַנען רייסן עס אַזוי די נאַכט און שרייען... עמעץ האָט איבער דער שטאָט געשריִען מיט טויזנטער קולות... זי האָט זיך איינגעגעסן אין מיר ווי אפשר צום לעצטן מאָל און צוריק מיך געשטופּט אַרויס פון הויז צום באַנהויף.

איך בין געשטאַנען פאַרגליווערט, געשלונגען דאָס ליכטיקסטע פנים פון דער גאַנצער וועלט: דאָס פנים פון מיין מאַמען... אין איר געטריישאַפט האָב איך דעם וועג פאַרלוירן ווי אַ שיף וואָס טרינקט זיך, האָב איך נישט געוווסט: בלייבן לעבן מיין מאַמען, אָדער קעגן מיין ווילן אַנטלויפן... מיט גוואַלט האָט מיין מאַמע מיך אַרויסגעשטופּט פון שטוב.

צוריק בין איך געלאָפן איבער די בלוטיקע גאַסן צו די וואַרטנדיקע מייד־לעך. איך האָב זיי דערציילט פון די בלוטיקע ריטשקעס פון דער שחיטה־נאַכט איבער די גאַסן... דאָ זענען מיר אַלע פאַרגליווערט געוואָרן פון אַ בילד... זאָסיאַ, די פּראָסטיטוטקע, וואָס האָט מיך געראַטעוועט דעמאָלט, הינטערן גאַניק פון פעטלורעץ, איז געלאָפן אַ פאַרבלוטיקטע מיט צעשניטענע הענט. ווען זי האָט מיך דערזען האָט זי זיך אַזוי רחמנותדיק צעווײנט, געצייגט אירע הענט, איר לייב. אַ מחנה פעטלורצעס האָבן ביינאַכט באַפאַלן איר הויז. ווען איר פאָטער, דער האַלצהעקער, האָט זי געוואָלט באַשיצן פון דער באַנדע, האָבן זיי אים מיט דער האַק אויף שטיקער צעהאַקט, אים אַרויסגעוואָרפן אין גאַס. איבער איר פאָטערס צעהאַקטן קערפּער האָט מען זי געפּייניקט... צעשניטן איר די הענט און דאָס לייב. זי האָט ווידער געצייגט אירע הענט. זי האָט אויסגעקוקט ווי אַ פאַרוווּנ־דעטע קאַץ, ווען זי טראָגט אין די לאַפּעס בלוטיקע שטיקלעך פליישׁ. זי האָט זיך באַהאַלטן אין איר שאַנד. אַזאַ רחמנות האָט מיך אַרומגענומען צו איר; זי איז

מיר מיט איר ווייטיק אַזוי נאָענט געוואָרן און איך האָב איר גאָרנישט געקאָנט העלפן...

ווען זי איז אַריין צו אונדז אין צוג האָט זי עמעצן באַקלאָגט, געצייגט אירע צעפּייניקטע צעשניטענע הענט: זי וועט שוין קיינמאָל נישט זיין שיין... קיינמאָל נישט... און עס טוט איר אַזוי ווי. מיר זענען זויבערער געוואָרן פון איר שאַנד... אין אונדזער ריינער מידלשקייט זענען מיר אפשר די שולדיקע? אַ מאַרטירערן... זי האָט אפשר אונדז אויסגעלייזט? איר פּיין האָב איך געפּילט אויף מיין לייב. איך האָב זי אַרומגענומען און זיך צעוויינט אויף אַ קול: מאַמע!! מאַמע! ווער איז שולדיק? ווער איז שולדיק?...

דער צוג האָט זיך ענדלעך גערירט. ווי אַ דערשראָקענע חיה ברומט דער צוג אין דער ווייטקייט. פעלדער פאַרשווינדן, שטיינער פליִען, שלאָגן זיך אָן אין מיידלשע מחשבות. פאַלן דערשלאָגענע צוריק אַרונטער. עס האָט זיך גע־דאַכט באַלד פליִען אַרויף פעטלורצעס, שטעלן־אָפּ די וואַגאָנען, שלעפּן אונדז אַוועק ערגעץ אויף די פעלדער. מיר זענען געפלויגן ערגעץ, ערגעץ אין דער אייביקייט, ווו דער צוג וועט אונדז דערפירן. מיר האָבן קיינער נישט געוווּסט וווהין...

## ווידער אין סטאַניסלאַוו

די זעלביקע נאַכט, ווען מיר זענען אַנטלאָפן האָבן די באָלשעוויקעס פאַר־נומען אונדזער שטאָט און ווייטער מאַרשירט ביז דער ריכטונג פון דניעסטער.

אין סטאַניסלאַוו אויף די גאַסן האָבן זיך געוואַלגערט פליכטלינגע פון פאַרשידענע שטעט. קליינע קינדער האָבן געוויינט אויף די מידע הענט פון מאַ־מעס. די גאַס האָט אויסגעזען ווי אַ קויטיקער שפּיטאָל. יעדער קראַנקער האָט באַוויינט זיין אייגן אומגליק. זעלנער, אויסגעמוטשעטע, מיט פאַרשמירטע מאַנט־לען, אין ריזיקע רוקזעק אויף די פלייצעס, האָבן ווי טשאַטעס קעמלען זיך גע־צויגן איבער די ראָגן. איך האָב גענעכטיקט הינטער דער שטאָט ביי מיינער אַ פליכטלינג־חברטע. חלומות מיט פאַרשלאָפענע פליגל האָבן געפלאַטערט אין מיין מוח... מענטשן מיט בלינדע אויגן זענען געגאַנגען זוכן די שטערן. מיט אַ פינצטערניש האָט זיך פאַרצויגן די וועלט און איך בין געגאַנגען מיט זיי. אַלטע ייִדן מיט פאַרפרוירענע בערד האָבן תפילה געטון. צוליב זינד פון דער וועלט האָט זיך דאָס ליכט אָפּגעטון פון זיי. פּלוצלינג האָב איך זיך פאַרלוירן פון אַלע־מען, געקראָכן אויף כמאַרעס טרעפּ. איך האָב אויפגעפלאַמט ווי אַ ווייסער שטערן. אַלעמען איז פּלוצלינג אַזוי ליכטיק געוואָרן. מיט אויסגעשטרעקטע הענט האָבן זיי געשריִען: ווער ביסטו? אין בלוט גייט אָפּ די וועלט!

פאַרשלאָפּענע פליגל וואַרפן מיך איבער. און דאָ דערזע איך אַלע מיינע זיידעס, אין הימל, איינגעהילט אין ווייסע כמאַרעס טליתים... זיי קלאַפּן זיך אין האַרצן... חוה לויפט דורך זיי אַ נאַקעטע. אַ גיפטיקע שלאַנג יאָגט זיך צו איר. אַ גרוב עפנט זיך און זי פאַלט און פאַלט... און ברענענדיקע כמאַרעס שלינגען אין די גאַנצע וועלט... אַ שרעקלעך געוויין האָט מיך אויפגעוועקט פון אויסטערלישן חלום. ווי אין אַ קאָשמאַר האָב איך אַרויסגעקוקט דורכן פענצטער. דער טאָג האָט זיך אויסגעשיילט פון דער נאַכט און די זון איז אַרויס ווי אַן ערשט־געבאָרן הינדל פון שאָלעכץ פון איי.

אויף די פאַרשלאָפענע פעלדער האָבן גראָזן זיך געבוקט הינטער דערשראָ־קענע, וויינענדיקע טריט... אויף אַ רויטן פערד איז געריטן אַ זעלנער און מיט אַ בייטש געפאָכעט אין דער לופטן. צעשניטן די לופט... דאָס פערד האָט זיך גע־ריסן נאָך אַ ווייסן שלאָף־העמד, וואָס האָט אויפגעבליצט צווישן די גראָזן, ווי אַ ווייסע פאָן און איז פאַרשווונדן אין דער געדיכטקייט פון די בושן... אַ ווייסע דורכזיכטיקע מיידל איז געלאָפן מיט שוואַרצע צעפלויגענע האָר. ווי דורך אַ קלאָרן וואַסער האָט דורכגעבלישטשעט איר דורכזיכטיק לייב דורכן נאַכט־העמד. זי איז געלאָפן איבער די פעלדער מיט אויפגעהויבענע הענט, דעם קאָפּ אויפן האַרץ ווי פון אַ געהאַנגענעם אַרונטערגעוואָרפן... דאָס פעלד האָט געשריען, ווי הונדערטער עכאָס פון מיידלעך וואָלטן שרייען: געוואַלט!

דאָס פערד האָט פריידיק אויף צוויי פיס אונטערגעטאַנצט, דאָס פאַרחלשטע מיידל איז געבליבן ליגן ווי אַ ווייסע אויסגעצויגענע סטאַטוע... צוגעדעקט דאָס גרינע פייכטע גראָז. פערד און רייטער האָבן ווי אַ שלעפּ־שיף אַראָפּגעזונקען אויף דער ערד. די ערד האָט זיך געצאַפּלט אין מיידלשע ערד־ציטערניש... און אַלץ איז שטום געבליבן...

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

דורך די ווייטע פעלדער האָבן קולות געשריען דורך טויבקייט צו מיר... בלינדקייט האָט פאַרשטעלט מיינע אויגן. איך האָב מער גאָר נישט געזען, ווייל דאָס מיידל איז מער קיינמאָל נישט אויפגעשטאַנען...

## הונגער

טעג האָבן זיך ווי ביינוול געפלאָנטערט. די פראָנט־ליניע איז געבליבן ביים דניעסטער און אַזוי האָט אַ מלחמה־וואַנט אונדז אָפּגעטיילט פון דער היים.

אין די פאַרנאַכטן פלעגן אַלע געפליכטעטע מיידלעך, ווי נאַכט־נימפן זיך צוזאַמענגעקומען פון אַלע זייטן שטאָט. פאַראַן אפשר אַ ידיעה פון דער היים?

האַרבסט איז געקומען. גרוי איז דער פּאַרק, ווי פּאַרשימלט ברויט. איך בין אַזוי הונגעריק, הונגעריק. כאַטש אַ שטיקל פּאַרשימלט ברויט. מיר זענען אָפּ־געריסן פון דער היים ווי אָפּגעריסענע צווייגן. מיר צערן איין, דאַרן איין. ביימער מאָנען נישט עסן, זיי חלומען זאַטע. פייגל זינגען אויף ביימער, ברענגען ברעק־לעך צו טראָגן. איך בין הונגעריק, הונגעריק!

דאָס פעלד שמעקט מיט ברויט, פּאַרשימלט ברויט. טאָג נאָך טאָג איז איינ־געטריקנטער געוואָרן מיין לייב, ווי אַן אויסגעטריקנטער קוואַל... איך פלעג רייסן די לופט מיט הענט, פאַרצווייפלטע, אפשר וועט גאָט מיר צושיקן פון הימל מן, איך זאָל זיך זעטיקן? אין מיין פאַרצווייפלונג האָב איך געשריבן מיין רייכן פע־טער קיין מיסלאָוויץ, ער זאָל מיך ראַטעווען פון הונגער, ער זאָל מיר שיקן הילף, בלויז צו קויפן ברויט, ווייל איך בין אַזוי הונגעריק, איך וועל זיך שוין קיינמאָל נישט אָנזעטיקן...

דער הונגער האָט גענאָגט, זיך איינגעעסן ווי אַ ראַק אין מיר. ווען דער טאָג פלעגט זיך בלייכן, פלעג איך שטיין ביים טירל און קוקן מיט הונגעריקע אויגן, ווי פאַרנעפּלטע שויבן, ווייל דער הונגער האָט אַרויסגעקוקט דורך מיינע אויגן... איך בין געווען זיכער אין מיין אָנקלס הילף. ער איז אַזוי פרום, וועט ער דען מיך לאָזן שטאַרבן פון הונגער?

ביז איינמאָל האָב איך געקראָגן אַ געל קאַרטל, ער האָט מיך געטרייסט: גאָט וועט מיר העלפן... אין מיין פאַרצווייפלונג האָב איך גאָט געשאָלטן...

אָ, ווער קען דערציילן פון אַ מאַרק מיט שמעקנדיקע פּרוכטן, ווען פויער־טעס זיצן אויף דער ערד מיט רונדע קוישן מיט זאַפטיקע באַרן? אָט די פויער־טעס אויסגעזעצט אין מיטן מאַרק אין אַ שורה, זיי זעען אויס ווי פאַרבונדענע זעק מיט מעל. ווען איך האָב אַ הונגעריקע געקוקט מיט זשעדנע אויגן אויף די פרישע פּרוכטן אין די קוישן, ווו די באַרן זענען געלעגן מיט רויטע זון־בעקעלעך און געלויכטן צו מיר, האָט אַ גוטהאַרציקע גויע מיר דערלאַנגט אַ זשמעניע באַר־לעך. אויך די צווייטע און די דריטע. זיי האָבן געזען דעם הונגער אין מיינע אויגן. איך האָב זיך איינגעביסן אין די זאַפטיקע באַרן און פּלוצלינג האָט דער גאַנצער מאַרק זיך פאַרביטן אויף אַ באַרג. הונגער קאַטשעט זיך אויף דער ערד. ווייסער מן שיט זיך אַראָפּ פון הימל. איך פיל אין באַרן דעם טעם פון ברויט, דעם טעם פון לעקעך... דעם טעם פון ניס, ווייסער „מן" איז געפאַלן, גאַטס ברכה ווי אויפן באַרג סיני...

איך האָב געביסן אין די באַרן, זיך איינגעביסן אין מיין הונגער. מיר איז געוואָרן שווינדלדיק. האַלדז האָט זיך צעלאַכט. שימערירנדיקע לופט־באַלאָנען האָבן געפּלאַצט. די ערד האָט זיך אַ וויג־געטון און די וועלט איז אונטערגעגאַנגען פאַר מיינע אויגן...

# היים, מיין היים...

ערגעץ האָט אַ צוג געפּייפט, אַ ווייטער אָנזאָג פון מיין היים...

מען האָט דערציילט: דער וועג איז שוין פריי. קיין ווייסע טויב האָט מיר נישט געבראַכט די גוטע בשורה. פון מויל צו מויל האָט מען זיך געסודעט, אַז די פּאָליאַקן זענען ווידער אַריין קיין מאָנאַסטרישטש, פאַרטריבן די פּעטלורצעס, אויך די באָלשעוויקעס און איצט הערשן ווידער די פּאָליאַקן אין מיין שטאָט...

איך האָב נישט באַגריפן די געפאַר, נאָר די ערשטע פון אַלע מיידלעך זיך אַנטליִען געלט און מיט נאָך אַ מיידל זיך געלאָזן פאָרן אַהיים... די שרעק איז געפאָרן מיט אונדז.

אין וואַגאָן האָט אויפן פענצטער־ראַנד געברענט אַ קליין ליכטל. אין דער מאַטער פינצטערניש פון שוואַרצן באַפּאַנצערטן וואַגאָן איז אַ חוץ אונדז געזעסן אַ זעלנער מיט אַ ווייסער בערישער קוטשמע, אויך אַ חזיר־שלעגער מיט אַ גרויסן הונט. די ווייסע קוטשמע האָט ווי אַ ווייסער בער זיך געשאַרט ביים צע־טריפטן ליכט. דער רייזיקער הונט האָט געבליצט מיט זיינע אויגן ווי אַ וואָלף אין דער פינצטער... דער צוג האָט געיאָגט זיך אָן אָפּשטעל...

דער גרויער הונט איז צוגעקומען צו אונדז, געגלעט די קניִען. דער זעלנער האָט אויפגעהויבן די אויגן זיך באַגעגנט מיט הינטישע אויגן ביי אונדזערע פיס. אין זיין קוטשמע האָט געשטעקט אַ בינטל פעלדבלומען. ער האָט זיי אַ ריס־געטין. זיי זענען געפאַלן אויף מיין פנים. דאָס ליכט האָט זיך איבערגעקערט. דאָס בלויע בינטל בלומען איז געלעגן אויף מיין שויס, ווי בלוי פאַרגליווערט בלוט...

פון זיינע אויגן האָט אַ פלאַם געטון דער וואַגאָן. דער צוג ווי דורך דער שרעק פון אונדזערע ביידנס מיידלשע הערצער איז ווי אויף אַ סיגנאַל פלוצלינג שטיין־געבליבן. דער חזיר־שלעגער האָט זיך צעלאַכט. מיר — אויסנוצנדיק דעם מאָמענט — זענען אַראָפּ פון וואַגאָן. מיר זענען געלאָפן צום מאַשיניסט און דער הונט איז אונדז נאָכגעלאָפן...

דער מאַשיניסט פון לאָקאָמאָטיוו האָט אונדז באַמערקט. מיר זענען אַרויפ־געשפּרונגען און זיך באַהאַלטן אין באַרג שוואַרצע קוילן, וואָס זענען געלעגן צום הייצן. דאָס האַרץ האָט געקלאַפּט העכער פון די רעדער, וואָס האָבן זיך אָנגע־הויבן צו רירן. דער מאַשיניסט, מיט קלוגע טאַטישע אויגן, האָט אויף אונדז דערשראָקענע שפּעלעך געקוקט און זיך צעזונגען: יעשטשע פּאָלסקאַ ניע זגינ־נעלאַ, פּוקי מי זשיִעמי! — נאָך איז פּוילן נישט אונטערגעגאַנגען אַזוי לאַנג מיר לעבן!...

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

אונדזער שטאָט איז געלעגן ווי אַ הרוג. די וואַך האָט געקוואַקעט אין דער פינצטער, ווי זשאַבעס אין אַ טייך.

ווידער מיין ערד, מיין פאַרבלוטיקטע ערד. איך האָב מער נישט קיין מורא, ווייל די שרעק האָט זיך דערשראָקן פאַר מיר. אַלץ אין מיר איז פּיין. איך בין געגאַנגען, געקראָכן, געשאַרט זיך איבער מיין ערד, ווי אַן ערשט־געבוירן פליגעלע, זיך אויסגעצויגן איבער דער פאַרבלוטיקטער ערד. ערד און גוף, גוף און ערד...

אָ, הימל אייביקער מיט דיינע שטערן אויגן! האָסט מיך אויסגעהיט, זאָלסט קאָנען קוקן אויף מיר מיט דיין בלענדיקייט. שטערן מיינע פון מיין היים! אייער גאָלד איז דאָס ריינסטע גאָלד, ווייל איר האָט איינגעזויגן נאַכט נאָך נאַכט דאָס ליכט פון מיינע זיידעס און באָבעס. ביי די תחינות און גמראס האָבן די טרערן איך געוואַשן... איר זאָלט אייביק שיינען מיט דעם ריינסטן גאָלד... אָ, טראָגט מיך צו מיין מאַמעס שוועל. איר האָט זיכער זי אויסגעהיט ווען איך בין נישט געווען. אָ שטערן מיינע אייביקע, פון מיין שטעטעלע, וואַשט אויס מיינע טרערן, זאָגט אָן מיין מאַמען אַז איך בין דאָ, איך בין צוריק אַהיימגעקומען...

אַזוי זיך שאַרנדיק האָב איך דערפילט מיין מאַמעס שוועל. שוואַרצע דעקן זענען געהאַנגען איבער די נאַכטיקע פענצטער. אויף די שוואַרצע שויבן האָט די לבנה אַריינגעקוקט. שלאָף איז געהאַנגען איבער דער שוועל. דורך דער שטומער שוועל האָט די פינצטערניש געשעפּטשעט, גערופן מיין מאַמען...

שלאָף מיין שוועל, איך וויל דיך נישט אויפוועקן, אפשר רעדט טויט דורך נאַכט צו מיר? איך וויל דאָ וואַרטן, איך האָב מורא צו עפענען מיין אייגענע טיר, אפשר האָב איך שוין נישט צו וועמען אַריינצוקומען? מיט הענט אַרומגענומענע, איינגעקלאַמערט אין מיין שוועל, האָב איך געוואָלט דערפילן דעם סוד, אפשר זענען זיי אַלע מער נישט ביים לעבן? מיין מאַמע האָט מיך אינדערפרי געפונען זיצן ביי דער שוועל. מיין מאַמעס צער האָט זיך פאַרשוועסטערט מיט מיר. איך בין עלטער געוואָרן מיט הונדערט יאָר...

## מיין מאַמע פאַרלירט שיעור דאָס לעבן צוליב דער גאָלדענער קייט...

...און אַזוי האָט דערציילט מיין מאַמע — און איך פאַרצייכן דאָס אין די „קינות" פון מייך שטעטעלע: אין יענעם טאָג ווען די מיידלעך זענען אַנטלאָפן פון שטאָט האָבן די פאַרבליבענע יידן זיך צוזאַמענגענומען אין דער שול, אויפגעעפנט דעם ארון־קודש. יידן האָבן זיך איינגעוויקלט אין טליתים און תהלים געזאָגט. פאַרשטיקטע קולות האָבן געיאָמערט. איבערן דאַך זענען קוילן גע־

פלויגן. עס האָט זיך געדאַכט: אויף די קוילן דערגרייכן דעם הימל, עפּענען אַ וועג אַ נייעם. הימל האָט פון זיך שטיקער געריסן...

עס איז ווידער אָנגעגאַנגען אַ בלוטיקע שלאַכט אויף די צעפּאַלמעסטע פעלדער פון אונדזער פאַרשטאָט. אין אַזאַ מאָמענט האָט זיך פלוצלינג מיין טאַטע דערמאָנט, אַז ער האָט פאַרגעסן דאָס אָרט פון באַהעלטעניש, ווו ער האָט באַגראָבן די גאָלדענע קייט וואָס מיין מאַמע האָט אים געשיקט אַלס כלה־מתנה. די גאָלדענע קייט וואָס איז ניצול געבליבן פון גאַנצן פאַרמעגן. ער האָט באַגראָבן די קייט אין אַוועקגעלייגט אַ ציגל אַלס אַ סימן און ער געדענקט נישט דאָס אָרט.

פונקט ווי אַלטע ווערן קינדער האָט ער אין דער גרעסטער געפאַר איינגעשטעלט זיין לעבן און געלאָפן זוכן דאָס באַהעלטעניש, ווו ער האָט באַגראָבן די גאָלדענע קייט. ווען מיין מאַמע האָט געזען, אַז דער טאַטע זאַמט זיך שוין זייער לאַנג איז זי אויך אַרויס הינטערן האָגל פון קוילן אים זוכן. מיט דער מאַמען זענען אויך נאָכגעלאָפן די איבעריקע קינדער. אין גאַס זענען שוין מער קיין פעטלורצעס נישט געווען, נאָר איינציקע זעלנער וואָס האָבן דאָ און דאָרט ווי שטשורעס, זיך באַוויזן און אַנטלאָפן...

מיין מאַמע איז געלאָפן מיט די קינדערלעך. זי האָט אויסגעזען ווי אַ שטורעם־שיף מיט צעריסענע מאַסטן אַרום אירע גלידער. אַ פעטלורעץ אויף אַ פערד איז איר נאָכגעריטן, זיינע הענט האָבן געזוכט דעם פיסטאָלעט ביי די טאַשן. ער האָט געוואָלט זיך געזעגענען מיטן לעצטן קרבן איידער ער פאַרלאָזט אויף שטענדיק די שטאָט...

ער האָט געצילט מיטן רעוואָלווער אויף מיין מאַמען.

דאָס פערד האָט זיך אַ דריי געטון לעבן הויז ווי מיין מאַמע איז געשטאַנען. אין דער סעקונדע האָט זיך געעפנט אַ טיר און אַ מיידל איז אַרויס. די קויל האָט זי געטראָפן. זי איז אומגעפאַלן אַ טויטע. דער פעטלורעץ איז אַנטלאָפן. דער לעצטער זעלנער. אין עטלעכע מינוט שפּעטער זענען אַריין די באָלשעוויקעס.

זייערע קוילן האָבן נאָכגעשאָסן דעם לעצטן רייטער. זיי האָבן געוואָלט ראַטעווען דאָס געשאָסענע מיידל, אַרויסשלעפן דעם טויט פון איר, עס איז שוין געווען צו שפּעט.

זיי האָבן אַריינגעטראָגן מיין מאַמען אין שול און יידן האָבן געבענטשט גומל.

טעג און וואָכן איז מיין מאַמע געלעגן אָן שפּראַך. די שרעק איז געהאַנגען פאַר אירע אויגן: דאָס אומגעפאַלענע מיידל וואָס האָט זי אויסגעלייזט פון טויט.

מיר האָבן זיך אַוועקגעזעצט אויף די שטיינערנע טרעפּ אַנטקעגן דער פאַרברענטער שטאָט און מיין מאַמע האָט דערציילט און דערציילט...

פון יענעם טאָג איז אַ ישועה געקומען איבער דער שטאָט. אַלטע יידן זענען געגאַנגען איבער די גאַסן און נישט מורא־געהאַט, אַז מ׳וועט זיי רייסן די

בערד. עס איז נישט געווען קיין אונטערשיד צווישן אַן אָפיצער און אַ פּראָסטן זעלנער...

מ׳האָט נישט געוווּסט ווער איז דער יחסן און ווער דער איינפאַכער זעלנער... דער באָרוועסער אָדער מיט די גאַנצע שיך... דער זעלנער מיט דער ווייבערשער בלוזקע אָדער מיטן האַלב־ציווילן מונדיר...

די שטאָט איז איינגעשטילט געוואָרן, ווי פון אַ בייזן ווולקאַן. עס איז נישט געווען מער קיין רויב. מען האָט געטיילט דער ציווילער באַפעלקערונג ברויט. אַלע פאַרנאַכט פלעגן די באָלשעוויקעס אויפן מאַרק זיך צוזאַמענקומען. באָרוועסע זעלנער זיך איינשטעלן אין אַ ראָד און טאַנצן. טרומייטן האָבן געטרובעט, פּויקן האָבן געדונערט, און די פערד, פון ריטמישן רוף אָוועקגעריסן, פלעגן אויף די הינטערשטע פיס זיך אויפהייבן און טאַנצן צוזאַמען מיט די יונגע באָלשעוויקעס.

דאָס יונגיוואַרג פלעגט זיך שאַרן, אַריינמישן, אַריינדרייען, זיך איינפלעכטן אין ראָד און אויסטאַנצן דעם נייעם טאַנץ פון באַפרייונג...

דאָס פאָלק פלעגט ווי אַ כמאַרע זיך צוזאַמענלויפן געדיכטער, מערער און ווי אין אַ פאַנאַטישן יום־טוב זיך איינשליסן, טאַנצן אונטערן פרייען הימל. ערד פלעגט צומאַכן די בלוטיקע מיילער. איבער דער שטאָט האָט אַ פלאַמיקע פאָן אָנגעזאָגט אַ ניי לעבן...

און אַזוי זיצנדיק מיט מיין מאַמען לעבן די צעשאָסענע פאַרחרובטע הייזער האָבן מיר דערהערט יונגע שטימעלעך ווי ווייסער פאַלנדיקער צווייט. קליינע קינדער, טאַנצנדיק אויף די גאַסן, טאַנצן אויס דעם איבערגעבליבענעם טאַנץ פון די אַנטלאָפענע באָלשעוויקעס...

איך בין געוואָרן ריינער געלייטערטער טאַנץ, וואָס קינדער פון דער מלחמה האָבן געשאַפן. איך האָב זיך אויפגעשטעלט, הויך זיך אויסגעצויגן ווי אַ יונגער בוים נאָך אַ שטורעם פון דער אויפגעוואַכטער ערד, און אין ריטם פון קינדערשן פריידיקן טאַנץ בין איך נאָכאַמאָל געבוירן געוואָרן...

ניו־יאָרק, 1927

# דריטער טייל

# ווייסער שניי...

**מיר זיינען קינדער** פון אונדזער שטאָט. מיר זעען זיך צום ערשטן מאָל. געבוירן דאָ. די מלחמה האָט אונדז אַוועקגעטראָגן אין פאַרשידענע שטעט.

איך פופצן און ער — זעכצן יאָר אַלט.

מיר האָבן זיך דערזען אין לאַסט־וואַגאָן. ער — אַ סטודענט אין אַ בלויען קאַשקעט און אַ טונקל־בלויען מונדיר, מיט זילבערנע שטערנדלעך אויף זיין שטייפן קראַגן. און איך — מיט בלויער בענקשאַפט אין די אויגן. די באַן פליט. די שינעס ווי זילבערנע לייצעס פאָראויס. איך — אין איין וואַגאָן, ער — אין אַ צווייטן אָפענעם וואַגאָן. אייזערנע רינגען טיילן אונדז אָפּ. דער רויך שרייבט אין הימל שוואַרצע קנוילן. די רעדער קלאַפּן. דער ווינט שמייסט אין פּנים. מיינע האָר פלאַטערן. מיר פאָרן.

שנייִקע ווייסע פעלדער מיט פאַרשנייטע כאַטעס פליִען פאַרביי. אַ ווייסע ליכטיקע וועלט. מיר — קינדער פון דער מלחמה...

די אויגן פאַרקניפּטע, פאַרשעמטע, געבוגרן און צעריסן. די באַן בלייבט שטיין. אַ פרעמדע סטאַנציע. ער טאַנצט אַראָפּ פון וואַגאָן און דערלאַנגט מיר אַ פייכט פון שניי־באַהויכט בריוול: אַ ליד וואָס ער האָט צו מיר געשריבן אין וואַגאָן. אין פליִענדיקן וואַגאָן. איך לייען עס. מיינע אויגן — צוויי לויטערע קוואַלן, הונגעריק נאָך ווערטער, ווערטער — נישט פון מלחמה. איך בענק נאָך ווער־טער, וואָס זינגען פון ליכטיקע און פריידיקע טעג, נאָך ווערטער, וואָס שמעקן מיט פרילינג און בעז... דאָס ליד איז מיר באַקאַנט, איך האָב עס געלייענט ביי שילערן. און די ווערטער זענען גוט, ווי פאַר מיר אָנגעשריבן...

איך לייען און לייען. מיינע ברעמען — פאַרנעפּלטע שלייערן. דער שניי איז ווייס. די באַן פליט ווייטער און מיר זענען מער נישט פרעמד. מיר דערציילן זיך פון די ווייטע לענדער, ווו די מלחמה האָט אונדז פאַרשלעפּט, ווו מיר האָבן געלערנט, פון אונדזער וואַנדער־לעבן. די רעדער פאַרשרייען אונדז. דער ווינט

שמייסט ווי מיט ריטער. נאָר די הערצער זינגען געזאַנג פון שיר־השירים... דאָס געזאַנג פון בראשית...

מיר קומען אָן אין דער פרעמדער שטאָט. מיר זענען געקומען איינהאַנד־לען סחורה פאַר אונדזערע עלטערן. פאַרנאַכט פאָרן מיר צוריק אַהיים.

מיר באַגעגענען אַ סך קינדער פון אונדזער שטאָט, אַלע מיט איין מיסיע, — פאַרדינען חיונה פאַר די עלטערן און פאַר די משפחות...

מיר זיצן ווידער אין אָפענעם וואַגאָן. די באַן יאָגט און שרייט אין דער נאַכט. די באַן וויינט און רופט: מאַמע! מאַמע!

מיר קינדער זיצן איינגעקנוילט אין אָפענעם וואַגאָן, מיר רעדן דורך די אויגן, דורך די פאַרשלייערטע בליקן, אָבער אונדזערע הענט רירן זיך נישט אָן. מיר האָבן מורא אין דער ענגשאַפט פון וואַגאָן זיך אָנצורירן, ווייל די שפּיץ־פינגער קאָנען זיך אָפּבריִען, ווייל אין אונדזערע הערצער זינגען נייע צאַפּלדיקע קלאַנגען... מיר קומען בשלום אַהיים אין אונדזער שטאָט.

אין מיין שטוב איז יום־טוב. איך בין פול ווי אַ וויינטרויב מיט לידער... איך טראָג אַ חלום — אַ הייליקן סוד. אַזוי זינגט אויף אַ בלום, ווען די זון קושט זי צום ערשטן מאָל. איך בין פאַרליבט. די חרובע ווענט זינגען... דער אויוון קוועלט... אַפילו די קאַץ וואָס ליגט אונטערן אויוון וואַשט זיך אירע פיסלעך און שפּרינגט און זינגט: דערוואַכונג...

ווייסער שניי. מיר שפּאַצירן. דימענט סקריפּעט אונטער אונדזערע טריט. בלויע פייערן בלענדן אין דער נאַכט. ברילִיאַנטן אויף ווייסן שניי... מיינע אויגן שעמען זיך מיט דער שעמעוודיקייט פון מיידלשער פרייד און פּיין... מיר שפּאַ־צירן אין דער נאַכט, אונדזערע טריט שוועבן אויפן אייזיקן גליטש. די שטערן־אויגן פון הימל באַוואַכן אונדז. דאָס אויער פון דער לבנה הערט זיך צו. הערצער זינגען און ליפּן שווייגן...

אַלע רייד זענען אַנטרונען. אַלע מענטשן שלאָפן. מיר שוועבן אין אַ זיל־בערנעם וואַלד פון חלומות: זילבערנע דעכער... זילבערנע וועגן... דאָס שווייגן צעברעכט זיך, ווי דאָס אייז אונטער אונדזערע טריט. אונדזערע הענט — צאַפּל־דיקע זילבער־פיש...

דער ווינטער וועט אַוועק. פרילינג וועט קומען. די פעלדער וועלן זיך צע־בליִען. פון דער בלוטיקער ערד וועט אויפגיין אַ נייער זוימען מיט זאַנגען און תבואות. די ביימער וועלן זיך ווידער אַנטאָן אין גרין. די טייכן וועלן אָפּוואַשן דאָס בלוט. דער דניעסטער וועט אַוועקשווענקען דאָס בייז פון די ברעגן. די טעג וועלן קומען יום־טובדיקע. מענטשן וועלן זיין גוט, אויסגעפּרוווט פון אַלע גרוילן. מלחמה וועט מער קיינמאָל נישט זיין. אַלע מענטשן וועלן זיך ליב האָבן. די ערד איז גאָטס ערד. צוליב וואָס שלאָגן זיך מענטשן איבער גאָטס ערד? אַ מענטש דאַרף דאָך נישט קיין סך...

אַזוי חלומען מיר און שפּאַנען, מיט גלאַנץ אין אונדזערע אויגן, מיט פלאַם אין די באַקן, אַרויף שטאָט און צוריק.

מיר מעסטן אויס די אייביקייט מיט אונדזערע טריט. דער שניי זינגט, שפּילט אויס אַ סימפאָניע פון זינגענדיקע טריט... די טעלעפאָן־דראָטן, ווי זיל־בערנע האַרפן שפּילן אונדז צו, מיר קוקן אַריין אין די פינצטערע שויבן. לבנה־שויבן שווימען אין דער נאַכט. די מענטשן שלאָפן. אַ הונט לויפט פאַרביי. מיר זענען וועכטער און באַוואַכן אונדזער שטאָט. מיר באַוואַכן די מענטשן, די גע־פייניקטע און געליטענע. מיר זענען נישט מיד. מענטשלעכע ליידן האָבן אויס־געשמידט אַזאַ ווילן אין אונדז. מיר זענען יונג. מיר וועלן זיי אויסלייזן, אויפהייבן די געשלאָגענע, טרייסטן די פאַרשעמטע. איך און ער. אַזוי חלומען מיר. מיל־יאַרדן אויגן וואַכן איבער אונדז. מיר שוועבן אויף ווייסן שניי צו אַ ליכטיקן מאָרגן, וואָס וועט אויף די חורבות פון מלחמה געבוירן ווערן...

## מיין זיידע שרייבט אַ בריוו צום פּרעזידענט פון אַמעריקע...

אַ דאַנק די לאַנדסלייט, זענען אַ סך אָרעמע פאַמיליעס אויפגעריכט געוואָרן.

די מענטשן, וואָס זענען געווען די גליקלעכע צו זיין אין אַמעריקע, וואָס האָבן אויסגעמיטן די וועלט־שריפה, זיי האָבן נישט פאַרגעסן אין די געליטענע ברידער פון יענער זייט ים און אַלע האָבן געלעבט מיט דער טרייסט און האָפע־נונג, אַז ערגעץ ווייט זאָרגט מען זיך פאַר זיי. די וועלט איז נישט אַזוי פינצטער אומעטום, וואָס שעכט אויס אירע קינדער דורך ביקס און שווערד...

ערגעץ־ווייט איז דאָ אַ לאַנד, וואָס בליט מיט גאָלדענע מאַראַנצן. דאָרט שאַרט מען גאָלדענע רענדלעך אויף די גאַסן... און די אָרעמע, געפּאַלענע פלעגן בעטן גאָט פאַר זיי דאָרטן אין ווייטן אַמעריקע... זייערע גוטע, בענטשנדיקע הענט זאָלן אין די אָרעמע און געפאַלענע לאַנדסלייט נישט פאַרגעסן...

מיין זיידע איז געווען פאַרחברט מיט דער פאַמיליע צינדער. די צינדערס זענען פאַר דער מלחמה אַוועקגעפאָרן קיין אַמעריקע. און עס איז אָנגעקומען פון אַמעריקע אַ בריוו צום שטעטל, געחתמעט: דער פּרעזידענט, צינדער.

קומט מיין זיידע צולויפן, די קאַפּאָטע צעפלויגן, די באַקן מיט רויטע פלעקן, די אויגן גלאַנצן און ער רייבט זיך די הענט און הייבט די אויגן צום הימל און דאַנקט דעם רבונו־של־עולם... און מיין זיידע בעט מיך, איך זאָל גלייך זיך גרייטן צו שרייבן אַ בריוו צום פּרעזידענט פון אַמעריקע...

אַז גאָט האָט אים געהאָלפן צו ווערן אויסדערוויילט פון פאָלק צו זיין פּרע־

זידענט — טאָ זאָל ער נישט פאַרגעסן אין זיין אַלטן שכן יאָסל דוהל פון דער אַלטער היים און אים מיט עפּעס העלפן. איך בין אַוועק צום אַדוואָקאַט פון שטאָט און געליגן ביי אים אַ דייטשן בריוושטעלער, אויסגעזוכט די אויסדער־ווײלטע פּרעמדווערטער און געגרייט זיך צו שרייבן אַ בריוו צום פּרעזידענט פון אַמעריקע...

איך האָב אויסגעזוכט די שווערסטע טיטולן: צום האָהייט! צום קעניגלעכן גנעדיגן! צום אויסדערווײלטן געטלעכן רעגירער! צום יידישן שלמה־המלך!

...עס איז געווען ביינאַכט. מיין ויידע זיצט ביים טיש, איך אַנטקעגן אים, אינמיטן אַ לאָמפּ מיט צאַנקנדיקן קנויט... די ווענט מיט שאָטנס. אויפן טיש — אַ ספר און נעבן דעם ספר, להבדיל, אַ בריוושטעלער. דער זיידע בעט מיך צו זוכן דאָס ריכטיקע וואָרט, צו אַדרעסירן דעם פּרעזידענט...

אַ טויטע שטילקייט. דער זייגער קלאַפּט. די באָבע ליגט אויפן קראַנקנ־בעט און קרעכצט. דער אויוון זשאַרעט. רויטע פלעמלעך ציטערן און לעשן זיך... דאָס בלייכע פּנים פון מיין זיידן מיט די גרויע מאַנדל־אויגן. די באָרד צעקעמט. איך נעם די פעדער, טונק זי איין אין טינט און הייב אָן שרייבן...

צום גנעדיגן דורכלויכט! צום האָהייט! צום שכן צינדער ווענד איך מיין בריוו, פון אָן אַלטן שכן, יאָסל דוהל...

אויף מיינע אַלטע יאָרן האָט מען פאַרברענט מיין האָב און גוטס. מען האָט פון מיר צוגענומען אַלץ. געבליבן בין איך ווי אדם. מיין יידענע, הודיע, ליגט קראַנק.

צו וועמען זאָל איך ווענדן מיין שטים? צו וועמען זאָל איך רופן פון פינצ־טערן קעלער אַרויס? צו גאָט, און צו אייך!

— — — איך שרייב. מיין זיידע דיקטירט. זיינע הענט ציטערן. ער הייבט אָפּ דאָס היטל אין פאַרכטיקייט, בלייבט זיצן אין דער יאַרמעלקע. די אויגן אָנ־געגאָסן מיט טרערן. זיין פּנים צעאָקערט מיט טיפע דורכגעליטענע קנייטשן. און דער זייגער קלאַפּט. די שאָטנס אויף די ווענט באַוועגן זיך. גרויסע טרערן פון ווילגאָטש הענגען אויף די פייכטע ווענט, גלאַנצן גרין מיט שימל...

דאָס האַרץ קלאַפּט. די פעדער זינגט אין מיין האַנט. דער זיידע מיטן אָפּ־געהויבענעם היטל און ציטערדיקע הענט דיקטירט און ווינטשט אים לאַנגע יאָרן, דעם שכן צינדער, דעם פּרעזידענט פון אַמעריקע...

און דער זיידע חתמעט זיך אונטער

אייער שכן

י אָ ס ל  ד ו ה ל

# אַ זעקל מעל פון אַמעריקע

ווי שוואַלבן פון וואַרעמע לענדער זענען די צעזייטע פליכטלינג־וואַנדערער צוריק געקומען צו דער היים־שטאָט מאַנאַסטירישטש. יעדן טאָג זענען וואַגאָנען מיט מענטשן און סאָלדאַטן אָנגעקומען. אויסגעשטיגן אויפן קליינעם באַנהויף און מיט נייע כוחות ווידער צו בויען אַ נעסט אין דער צעשטערטער היים...

ייִדן האָבן געגומען זעק אויף די פּלייצעס און אַוועק האַנדלען אין דערבייִיקע דערפער. ווער עס האָט איינגעהאַנדלט אַ זאַק מיט פּאַסאָליעס, אַ קעלבל, הינער, אייער און אַזוי ווייטער, געשלעפּט דעם יאָך פון פּרנסה, אָנצוקאָרמען די הונ־געריקע מיילער...

דאָס ערשטע בריוול האָט אַ שועב־געטון איבער דער שטאָט, ווי די ווייסע טויב פון נוחס תיבה... מיט אַ גרינעם בלאַט פון דער יבשה... דאָס ערשטע בריוול פון אַמעריקע מיט אַ סערטיפיקאַט פאַר אַ זעקל מעל...

מענטשן האָבן פאַרלאָזט די שטעלן און איינגערעדלט זיך אין ראָד פון מיטן שטאָט. ייִדן, ייִדענעס און קינדער, — אַלע האָבן געשטרעקט די הונגעריקע הענט צום קוויטל פון אַמעריקע. דער שכן צינדער האָט געשיקט דאָס קוויטל צו מיין זיידן און איך האָב געדאַרפט ערשט פאָרן קיין לעמבערג אָפּצונעמען דאָס זעקל מעל.

אַ גאַנצן טאָג זענען מענטשן געקומען און מיט די אייגענע אויגן זיך געוואָלט איבערצייגן, אויב דער בריוועטרעגער האָט נישט געמאַכט קיין טעות. אפשר האָט דער פּאָסטמייסטער פאַרביטן די נעמען? און מיט אַנטוישטע אויגן אַוועק אַהיים...

אין אַ קאַלטער ווינטער נאַכט, ווען די זאַווערוכעס האָבן געריסן די לאָדנס פון אונדזער פאַרברענטער שטוב, האָט מיך מיין מאַמע אויפגעוועקט. איך בין אַרויס פון וואַרעמען געלעגער. דאָס לעמפּל האָט שוואַרץ־רויכיק גע־פינטלט מיטן מידן אויג. די שטוב — קאַלט, די פענצטער — פאַרקאָוועט מיט פראָסט. מיין מאַמע האָט מיך איינגעוויקלט אין אַ וואַרעמען שאַל און מיך אַרויסגעשיקט אין דער פראָסטיקער נאַכט אַריין... דער הימל — שוואַרץ. די נאַכט — אַ ווייסע. עס האָבן געבליצט שטיקער אייז. די שטיבלעך, ווי דרימלענ־דיקע ווייסע חיות. איך בין געגאַנגען מיט די טעלעפאָן־סלופּעס. קולות מיט פאַרשטיקטע שטימען האָבן זיך געסודעט דורך די דראָטן. שטימען האָבן זיך צוזאַמענגערעדט מיט ווייטע וועלטן און לענדער. דאָ און דאָרט האָט אַ שיכורער זעלנער זיך געוויגט לעבן לאַמטערן און געזונגען אין דער נאַכט אַריין.

ווען איך האָב דערגרייכט דעם באַנהויף האָבן אַ סך מענטשן שוין פאַרנומען די בענק פון וואָקזאַל. די מערסטע זענען געווען קינדער, וואָס זענען געוואָרן

די פרנסה־געבער, די מערסטע טאַטעס פון אָט־די קינדער זענען אומגעקומען אויפן שלאַכטפעלד. האָבן די ייִנגלעך און מיידלעך זיך פאַרנומען מיט שמוגלען מעל צו די אַרומיקע שטעט און אַזוי דערהאַלטן די פאַמיליעס מיטן מאָגערן טעגלעכן שטיקל ברויט...

איך האָב געקויפט דעם בילעט, זיך אומגעקערט צו דער באַנק. ווי פאַרוווּנדערט בין איך געוואָרן, אַז קיין נפש איז מער דאָ נישט געווען, דאַכט זיך, אָט ערשט די מינוט זענען אַלע דאָ געזעסן. ווי אַ טשאַטע פייגל, צוזאַמען און קיינער איז מער נישטאָ... דאָס קוילן־איזועלע ברענט און גיסט אַזאַ וואַרעמקייט. עס ווילט זיך אויסציִען אויפן באַנק און אַנטשלאָפן ווערן... די באַן האָט געקלונגען פון דער ווייט. דער לאָקאָמאָטיוו האָט געהירזשעט און געזאָטן מיט דאַמף. די רעדער זענען שטיין געבליבן.

פלוצלינג האָב איך דערזען די אַלע אַנטרונענע קינדער אַרויפטאַנצן ווי מאַלפּעס אויף די אָפענע וואַגאָנען מיט די זעקלעך און זיך באַהאַלטן.

ווער קאָן דערציילן פון אַזאַ נאַכט, ווען דער פראָסט בייסט זיך איין און שפּיזט דאָס נאַקעטע פּנים. די אָפענע וואַגאָנען פליִען איבער די גלאַנציקע שינעס און דער ווינט יאָמערט און רייסט דעם נאַכטיקן הימל און יונגע קינדער פאָרן מיט געשמוגלט מעל און זענען גרייט זיך אַנטקעגנצושטעלן געפאַרן און ביקסן, ווייל דער הונגער נאָך ברויט איז שטאַרקער פון טויט...

איך בין שוין אין די וואַנדער־יאָרן געפאָרן אויף אַ סך וואַגאָנען, נאָר דער וואַגאָן, ווי אַן אונטערגעזעגטער קעסל, וואָס קאָכט מיט לעבעדיקע יונגע קינדער, אָט דער וואַגאָן איז ערגער ווי אַ שיף, וואָס האַלט זיך ביים טרינקען...

ביז סטאַניסלאַוו בין איך געפאָרן מיט דעם וואַגאָן און דאָרטן האָב איך געביטן פאַר אַ פּאַסאַזשיר־צוג און אַזוי אָנגעקומען קיין לעמבערג...

איך האָב אויפגעזוכט אַ פאַמיליע, וווּ מיין טאַטע פלעגט ליפערן בהמות פאַר דער מלחמה. דאָס גרויסע רחבותדיקע הויז האָט נישט געטראָגן קיין שום צייכנס, אויף די אויסערלעכע ווענט, פון דער מלחמה. אינעווייניק, אין די גראַמע צימערן זענען געהאנגען בילדער אין טרויער־בענדער אַרומגעראַמט: צוויי פון די זין זענען אומגעקומען...

איך האָב געוועכטיקט אין אַ ווייסן, זויבערן בעט. אַזויפיל שטילקייט און שיינקייט איז געלעגן אויפן מעבל, אויף די שווערע גאַרדינען און אויף די פּני־מער. די פאַמיליע האָט מיך אויפגענומען, ווי איך וואָלט געווען אַ קינד פון זייער אייגן בלוט, צוריקגעקומען פון דער מלחמה...

אויף מאָרגן בין איך אַוועק מיטן קוויטל פון אַמעריקע, אָפּצונעמען דאָס זעקל מעל. שוין יאָרן ווי איך האָב נישט געזען קיין ווייס מעל. אין שטעטל האָבן מיר געגעסן שוואַרץ, שוידערלעך ברויט, ביטער ווי גאַל און איך האָב שוין פאַרגעסן דעם טעם פון ווייסע חלה.

אויף אָפענע פּראַכט־וואַגאָנען זענען געשטאַנען אַמעריקאַנער פּרויען אין גרויע זעלנערישע מונדירן און צווישן זיך גערעדט ענגליש. איך האָב זיי דער־לאַנגט אַ שטיקל פּאַפּיר און דירך עטלעכע פּאַרמעלע פראַגן האָט מען מיר דער־לאַנגט אַ זעקל מעל. איך האָב גענומען דאָס ווייסע לייוונטענע זעקל אָנגעשטאָפּט מיט מעל, ווי אַ גרויסע ליאַלקע אין מיינע הונגעריקע הענט. אוי וועט עס מיין מאַמע אַ באַק־טון ווייסע בולקעלעך! און ווייסע חלה! און אַלע קינדערלעך וועלן עסן און דער זיידע מיט דער באָבען וועלן קוועלן פון נחת. איך בין געלאָפן אַ פּאַרשיכורטע צום באַנהויף און נישט געפילט די שווערקייט אין מיינע הענט...

דאָ אין לעמבערג אויף דער גרויסער סטאַנציע מיטן גלעזערנעם קיפּאָל־דאַך זענען מענטשן פּאַרזייט ווי שוואַרצע ראָבן... קאָפּ אויף קאָפּ זענען זיי געשטאַ־נען צוזאַמענגעשטיקט. אַיין גרויסער מאַסן־קנויל פון מענטשן. קיין שפּילקע האָט מען נישט געקאָנט אַריינוואַרפן. איך שטיי צווישן דער מחנה מענטשן און האַלט דאָס זעקל מעל, ווי להבדיל אַ ספר־תורה. איך לאָז עס נישט אַרויס פון די הענט, כאָטש איך ווער דערשטיקט פון גרויסן מענטשלעכן געדראַנג. אַלע ווילן אַרויף פריִער אויף דער אָנקומענדיקער באַן. און אָט קומט אָן די באַן. די געדע־רים רוישן און קאַכן אין לאָקאָמאָטיוו. נאָך איידער זי בלייבט שטיין, לויפן די מענטשן אַרויף און שטופּן זיך אַריין.

איך שטיי מיטן זעקל מעל ווי פּאַראַליזירט. יעדער לויפנדיקער מענטש דערלאַנגט מיר אַ שטופּ און אַ זעץ. אָבער איך לאָז נישט אָפּ מיין אוצר. די רע־דער אָטעמען שוין מיט באַוועגונג. דער שלאַנגען־גוף פון באַן רירט זיך און מענטשן שטופּן זיך נאָך אַלץ, ווי זיך צו ראַטעווען ווי פון אַ שריפה...

אָט ווער איך צעמאַלן, צעקוועטשט ווי אַן עפּל. איך קאָן נישט לויפן מיט דער שווערער משא אין מיינע הענט. איך שריי, איך בעט, נאָר קיינער הערט מיך נישט, יעדער לויפט זיך ראַטעווען אַליין אין צוג אַריין. מען וואַרפט מיך אום. אָט שפּרינגען איבער מיר פיס, פויערישע קליידער ווי ווינטמילן און איך ליג אויף דער ערד און וויין און לאָז נישט אָפּ מיט די לעצטע כוחות דאָס זעקל מעל...

דורכן פענצטער־וואַגאָן האָט אַ קאָפּ זיך אַרויסגעשטופּט. אַ קול האָט מיך אַ רוף־געטון יוי אַ קול פון הימל... איך געדענק: אַ פּאָר שטאַרקע הענט האָבן מיך אַ הייב־געטון דורכן פענצטער, מיטן זעקל מעל, ווי דורך אַ שמאָלער רער, בין איך אַריינגעקראָכן אין טונקעלן וואַגאָן.

די רעדער האָבן גערוישט און די באַן האָט זיך געטראָגן מיט אַ ראַשיקן אימפּעט. אין וואַגאָן איז געווען האַלב־פינצטער. פּויערים זענען געזעסן אויף זעק און סאָלדאַטן זענען געשלאָפן אויף דער ערד, אָנגעלענט אויף די רוקזעק. דער וואָס האָט מיך אויפגעהויבן אין דער לופטן און מיך אַריינגעשלעפּט דורכן פענצטער קוקט אויף מיר. איך הייב אויף מיינע אויגן צו אים. אַ ווייס אויסגע־

אײדלט פּנים. דער ברױנער זעלנערישער קראַגן שטײפט זײן האַלדז. זײן שװאַר־צער קאָפּ געקרײזט אין כװאַליעס. איך אױג קוקט מיך אָן און פאָרשט. ער איז מיר באַקאַנט. איך האָב אים ערגעץ געזען . פאַר מײנע אױגן דרײען זיך מונ־דירן. שטיװל שװינדן, אײנער געפלאָכטן אין צװײטן. שינעלן, אײנער געדרײט אין צװײטן. זעלנער, באַטאַליאָנען, אַרמײען, רוקזעק, אײנגעהאָרביקטע, װי די קעמלען ציִען זיך אױף אומענדלעכע שטרעקעס. זעלנער, זעלנער... װוּ האָב איך אים געזען? װער איז ער? איך קאָן זיך נישט דערמאָנען. אין מוח האַמערן נאָד־לען. איך בין אַזױ מיד. די באַן קלאַפּט און שלינגט שטיקער נאַכט. אין װאַגאָן צאַנקט אַ ליכטל, צאַנקט און צינדט זיך אָן, װיל צומאַכן דאָס אױג און װעקט זיך אױף דערשראָקן. פון צװײטן זײט װאַגאָן טראָגט זיך אַ ניגון: העי אוכניעם! העי אוכניעם. אַזאַ אומעטיקער ניגון. עמעץ כאַפּט אים אױף. שטימען גלעטן זיך, פלעכטן זיך און גיסן זיך צונױפֿ... דער גאַנצער װאַגאָן זינגט:

העי אוכניעם! העי אוכניעם!...

דאָס געזאַנג שלאָגט זיך אָן אין מײן האַרץ. איך זע אַ פאָלק געפּײנטעט. זײ שלעפּן קײטן. די העלדזער, די גופים געבױגן שלעפּן און שלעפּן דעם גורל פון רוסלאַנד.

העי אוכניעם! העי אוכניעם!

און דער װאָס זיצט נעבן מיר נעמט אָן מײן האַנט. אַזאַ װאַרעמע האַנט. מײנע איז שעמעװדיק און איך שלעפּ זי צוריק. מײנע אױגן שעמען זיך נאָך מערער. און דער זעלנער רעדט צו מיר: אַ, קלײן מײדל, דו שלעפּסט צוריק דײן האַנט, װײל מײנע איז מיט בלוט... יאָ, איך האָב געהרגעט... מיט אָט די הענט פאַרגאָסן מענטשלעך בלוט... װאָס האָבן יענע זעלנער מיר געטון? פאַרװאָס האָט מען מיך געצװוּנגען צו מאָרדן? דערפאַר רײסטו אַװעק דײן װײסע האַנט? לאָז זי מיך האַלטן. אַזױ לאַנג נישט געהאַלטן אַ מענטשלעכע האַנט, אַ פרױען־האַנט. יאָ, פרעמד מײדל, מײן האַנט איז מיט בלוט... ער רעדט װי צו זיך, בײגט איך זײן קאָפּ אין די צװײ געפײניקטע הענט אין װײנט. איך קוק אױף אים. מײנע שטומע אױגן פאַרשטײען אים. איך צעװײן זיך אױך. צװײ מלחמה־קינדער האָבן זיך באַגעגנט אין באַן. ער — פון שלאַכטפעלד און איך — װער בין איך? מיר זענען װאַגלער דורך טױט און פײער, קינדער פון אַ בלוטיקן יאָרהונדערט. דער פרעמדער סאָלדאַט איז מיר פלוצלינג אַזױ נאָענט געװאָרן מיט זײנע לײדן. די באַן װיגט זיך, דאָס ליכטל ראַנגלט זיך און פלעמלט מיטן לעצטן אָטעם. און די העלדזער זינגען:

העי אוכניעם! העי אוכניעם!

דאָס געזאַנג שרײט איבער אַלע פּײנען, טראָגט זיך ערגעץ צו פרײדיקע סטעפּעס, װאָס װעט באַפרײען אַ פאָלק, מיט אַלע פאַרפּײניקטע פעלקער, און אָפּ־שאַפן מלחמה פאַר אַלע צײטן... מענטשן װעלן מער נישט הרגענען...

דער צוג פליט, גאָלדענע פונקען ווינקען אין דער פינצטערער נאַכט און דאָס ווייסע זעקל מעל שטייט ווי אַ שטומער שומר... איך דערצייל אים פון זיידנס מתנה פון אַמעריקע. וויפיל פרייד דאָס זעקל מעל וועט ברענגען דער אויסגעהונגערטער משפּחה... מיר זענען קינדער פון מלחמה, וואָס האָבן ווייס ברויט שוין יאָרן נישט געזען.

און אין מענטשן־קנויל איז אַ ווייס זעקל מעל און אַ ווייסע מיידל־האַנט געוואָרן דער סימבאָל פון ליכט און שלום אין דער פינצטערער באַן...

## דער קאַדריל

דער פרילינג קומט. די טייכן שפּאַרן דורך די תּפיסה־ווענט פון פראָסט... דער פרילינג קומט!

דער קלעזמער־יונג שטויבט אָפּ זיין פידל. די פידל בענקט נאָך פינגער. עס שטיקט אין פידל־האַרץ די נישט־אויסגעשפּילטע טענער...

אין מלמדס שטוב איז יום־טוב. קאָלירטע סטענגעס אויף דער שוואַרצער סטעליע. די יוגנט טאַנצט. קום קלעזמער שפּיל! מיידלעך פון מיין שטאָט, שיינע טעכטער מיט רויטע באַקן. דאָס לייב דערוואַכט ווי דער פרילינג, די ברוסטן קנאָספּן.

קום בחור, טאַנץ! נעם אַרום. די בחורים: שלאַנקע ביימער, שוואַרצע און שאַטינע, בלאָנדע און ברונעטע, מיט פעסטע אָרעמס, מיט גלאַנציקע אויגן, מיט הייסע אָטעמס...

גייט דורך אַזאַ יונג שעמען זיך מיידלשע אויגן, עס שאָטן זיך די לאַנגע ברעמען, באַקן פלאַמען, דאָס בלוט זינגט...

קום, בחור, טאַנץ! באַלאַנסעי! טורדימעי! אַ קאַדריל! דאָס לעבן איז אַ שפּיל! הענט דערלאַנגען זיך, רירן זיך אָן, און שוועבן ווייטער. פאַרלעך בייטן זיך, קליידער שווינדלען, הענט וואַרעמע און פאַרבענקטע. מען גייט אין טאַקט. עס איז אַ טאַנץ.

לאַבירינטן פאַרבלאָנדזשעטע, וועגן פאַרכישופטע. אויגן שפּיגלען, שווינדלדיקע הענט רירן זיך אָן, ניין, נישט קיין הענט, פיילן שפּיזלען דורך, צינדן און זינגען אין די בלוטן. מיידלעך און בחורים טאַנצן. די פידל שפּילט, באַפרייט זיין פאַרגליווערטן ניגון. צאַפּלענדיקע, פאַרכישופטע טענער גיסט געזאַנג אין אַלע אברים.

עס איז פרילינג, דאָס לעבן איז אַ טאַנץ!...

וואָס מלחמה, ווער מלחמה? די ערד זינגט, מען שטראַלט און מען טאַנצט. ...ער נעמט מיך אַרום, אַ צווייטער רייסט מיך אַוועק, צוויי מעסערס פון

בחורשע אויגן... מען קוילעט זיך שטום. איך בין אַ פויגל, אַ לופטיקער שמעַ־טערלינג... זיי קאָנען מיך נישט כאַפּן...

הענט, הענט, טורדימעי, באַלאַנסעי; פּיס טופּען, קליידער פלאַטערן, צעפּ וואַרפן זיך, שויבן טאַנצן, דער לאָמפּ טאַנצט, דער קאָפּ דרייט זיך... די הינער פון מלמדס הויז האָבן זיך אויפגעכאַפּט פון שלאָף און זיי טאַנצן פאַרשלאָפענע אַרום...

מען גייט אויסקלייבן אַ שיינהייטס־קעניגן. אַ יונג וואַקסט־אויס אויף אַ שטול. אַלע שטעלן זיך אַרום אים אַרום. הענט שטרעקן זיך מיט צעטעלעך. יעדער יונג וויל זיין מיידל זאָל געווינען דעם פּרייז.

אַ געוועט אַזאַ. אַ רעגן פון פּאַפּירלעך. ווער איז די שענסטע? ווער וועט זיין די אויסדערוויילטע קעניגן?

צו מיין איבערראַשונג ווער איך אויסגעקליבן. נאָר ווּעמען גייט עס אָן? איך בין אַליין אַ טאַנץ. איך לאַך און לאַך. איך ווייס נישט מיין געלעכטער טוט ווי. איך וויל וויי־טון.

צווי בחורים קוילען זיך מיט אייפערזיכטיקע מעסער־אויגן...
די פידל שווייגט. די פאַרלעך זיצן ביי די ווענט. אַ טיר גיט א קלאַפּ.
ניין, איך האָב נישט געמיינט אים וויי־טון. פאַרוואָס איז ער אַוועק?
איך וויל אים נאָכגיין און פרעגן: פאַרוואָס?

וואַקסט אויס אַ צווייטער און פאַרשטעלט מיר דעם וועג. איך לאַך און טרערן פינקלען אין מיינע אויגן. וועמען האָב איך ליב? איך ווייס נישט. איך האָב ליב דאָס לעבן. די נאַכט, די שטערן, דעם הימל און אויגן שוואַרצע, אויגן בלויע, אויגן, אויגן, זיי רופן מיך און שטראָפן מיך...

די פידל גיט אַ שפּיל, אַלע כאַפּן זיך אויף ווי פון דרימל...
אַ קאַדריל! טורדימעי! באַלאַנסעי! הענט אין הענט, טראָט אין טראָט.
דאָס לעבן איז אַ טאַנץ... און מיר טאַנצן ביזן בלויען טאָג אַריין...

## מיין טאַטע פאַרברענט מיינע לידער

איך האָב שוין דריי העפטן לידער. ווי אַזוי האָב איך זיי אָנגעשריבן? נישט ביים פּאָלירטן שרייבטיש... איך האָב זיי געשריבן אויף די קני. נישט געוווּסט איך שרייב לידער. זיי האָבן אַליין זיך דורכגעריסן, ווי לעבעדיקע דורך מיינע פינגער...

זיי האָבן אַרויסגעוויינט דורך מיין יונג־פאַרווונדעט האַרץ, דורך די פּיינען פון מיינע מיטמענטשן, דורך די גרוילן פון מלחמה...

לידער מיינע, וואָס זייט איר געווען צו מיר אין יענע טעג? איר זייט געווען דאָס געבעט, וואָס איך האָב דורך אייך תפילה געטון אין גרויליקע טעג פון מלחמה...

לידער מיינע, איר האָט מיך אויסגעלייזט פון טויט און אונטערגאַנג.

לידער מיינע, ווי הייליק און פערלדיק איך האָב אייך געקליבן אין מיין אוצר־העפט און אָנגעפילט מיט אייך מיינע טעג און נעכט...

לידער מיינע, איר האָט געוויינט און געלאַכט מיט מיר: איר האָט גערעדט צו מיר דורך דער שטילסטער שפּראַך פון שטומע ווערטער...

איר האָט מיך נישט פאַרלאָזן אין די טעג פון פייער און נויט. ווי קראַנקן־שוועסטער האָט איר מיך געהיט און געפלעגט. איר זייט געווען דאָס ברויט און דאָס וואַסער פון מיין דאַרשטיק יונג לעבן...

לידער מיינע, איר האָט מיך נישט פאַרלאָזן ווען איך בין געלעגן קראַנק אין שווערן טיפוס; איר זייט מיט מיר געווען אין די קאַשמאַרן־נעכט און ווען איך האָב זיך צום ערשטן מאָל אויפגעזעצט אין קראַנקן בעט האָט איר זיך אַרום מיר אַרומגעשטעלט און אין קליינע צאַפּלדיקע שורות געלאַכט דורך מיר און געזונגען דורך מיין האַרץ...

לידער מיינע, איר זאָלט מיך קיינמאָל נישט פאַרלאָזן. לידער מיינע — דאָס טייערסטע פאַרמעגן, וואָס דער שונא האָט נישט געקאָנט מיטנעמען...

נאָר מיין טאַטע האָט זיי פיינט געהאַט. אַ ייִדישע טאָכטער זאָל זיך אַרומ־טראָגן מיט נישט־גוטע, מיט שדים אין האַרצן. אַ ייִדישע טאָכטער זאָל מאַכן גראַמען...

נאָר דערפאַר בין איך געווען די פרייד פון מיין מאַמען... זי האָט געזעצן אין מיר אירע חלומות, אירע מיידלשע טרוימען, אירע זון־פאַרגאַנגען אויפגייען אין מיינע לידער... אירע פינגער, וואָס האָבן פון זיידענע פעדים אויסגעשטיקט פאַרכישופטע וועלדער און מענטשלעכע געשטאַלטן אויף קאַנוועס האָבן זיך אָנגעקליידט אין ווערטער דורך מיינע לידער...

נאָר דער טאַטע האָט זיך געשעמט מיט אַ טאָכטער וואָס מאַכט גראַמען...

איינמאָל אין אַ פרימאָרגן: די מאַמע פלעגט די ערשטע אויפשטיין אָנצו־הייצן דעם אויוון, זי צינדט אונטער דאָס האָלץ, אָבער דער אויוון קאָן נישט ברענען. זי בלאָזט און בלאָזט, דאָס פייער צינדט זיך נישט אָן. זי שטופּט אַריין די האַנט דורכן טירל און העט, העט ווייט, ווו עס גייט אַרויס דער קוימען איז אָנגעשטאָפּט מיט פּאַפּיר...

זי שלעפּט אַרויס די צעקנייטשטע פּאַפּירן און זי גיט אַ קוק. עס ווערט איר פינצטער אין די אויגן. עס זענען מיינע לידער...

די מאַמע גיט אַ געשריי, ווי נישט מיט איר אייגן קול. ווי עס זאָל פּלוצלינג אויפפלאַקערן דאָס בעט שפּרינג איך אַראָפּ אַ באָרוועסע.

איך בין מער נישט מענטש. איך בין אַ חיה. רעדער דרייען זיך פאַר מײַנע אויגן. איך שריי אַזוי, אַז אַ שטיק בלוט שפּייט זיך אויס פון מײַן האַלדז...

אַלע קינדער זענען אַראָפּ פון בעט. איך בין פּלוצלינג משוגע געוואָרן. איך וויל שטאַרבן. אָן מײַנע לידער וויל איך מער נישט לעבן...

זיי ליגן צעריסענע, פאַרשוועכטע, און ווער האָט עס געטון? מײַן אייגענער טאַטע. דאָס גאַנצע הויז איז אַ געיאָמער. די מאַמע און די קינדער וויינען. אַלע שרייען און מײַן אָרעמער טאַטע נעבעך שטייט אַ דערשראָקענער און וויל מיך אײַנשטילן.

ער באַגרײַפט ערשט איצט, וואָס די לידער מיינען פאַר מיר. ער גיט מיר געלט צו קויפן אַנדערע העפטן. אַלע וועלן מיר העלפן צוריק זיי איבערשרײַבן אין נײַעם העפט אַרײַן.

נאָר איך קאָן אים נישט פאַרגעבן. איך בין אים איצט דער גרעסטער שונא. ער, מײַן אייגענער טאַטע, האָט געוואָלט פאַרברענען מײַן באַשאַף, מײַנע לידער.

איך פיל, אַז מײַן אָרט איז נישט דאָ מער. איך וויל אַוועק פון דאַנען, ערגעץ ווײַט, ווײַט, אפשר קיין אַמעריקע, אין דער ווײַטער וועלט אַרײַן, איך זאָל קאָנען פרײַ זינגען און שאַפן, אַז דאָס האַרץ זאָל צעשפּרונגען ווערן, קיינער זאָל מיר נישט שטערן, איך זאָל נישט דאַרפן שרײַבן אַזוי ווי אַ פאַרברעכערן און זיך היטן פאַר מײַן אייגענעם טאַטן...

מײַן מאַמע פאַרשטייט מיך. עס זענען אויך אירע לידער און מײַן שוועסטערל טויבעלע ברענגט נײַע העפטן און זי זעצט זיך אַוועק זיי איבערשרײַבן...

זי קלעפּט די שטיקלעך צעריסענע פּאַפּירלעך און וויל זיי גאַנץ מאַכן...

און מײַן טאַטע נעמט אַ ספרל און קלאָגט זיך פאַר גאָט און רעדט זיך אויס דאָס האַרץ פאַר אים... זאָל אים גאָט לערנען פאַרשטיין זײַן אייגן פליש און בלוט...

זײַן טאָכטער, אפשר איז פון גאָט באַשערט, וואָס זי שרײַבט לידער?

## ווײַסע בולקעלעך

אַ דאַנק די אַמעריקאַנער הילף־פאַריינען, איז געבוירן געוואָרן דאָ אין שטאָט די ערשטע קיך פאַר יתומים.. מען האָט געדונגען צוויי צימערן אויף דער נײַער שטאָט און עס האָט זיך געגרינדעט אַ קאָמיטעט פון פרויען און יונגע מיידלעך, וואָס האָבן אָנגעפירט מיט דער קיך...

טעכטער פון מײַן שטאָט האָבן זיך אָנגעשלאָסן אויסצוטיילן אין דער דרײַ הייסע קאָקאָ מיט ווײַסע בולקעלעך צו די הונגעריקע קינדער. גאַנץ פרי פלעג איך שוין זײַן אויף און לויפן כמעט די ערשטע אין דער קיך און דאָרטן האָבן

שוין געוואָרט רייען קינדערלעך מיט בלעכענע פּושקעלעך אין די קאַלטע ציטער־דיקע הענט.

ייִדישע קינדערלעך, מיט גרויסע קיילעכדיקע אויגן, ייִדישע אויגן, וואָס טראָגן דעם פּיין פון געבוירנטאָג אָן, זיי קוקן צו מיר, מיט שטומען ליכטיקן טרויער. ווער קאָן צוריק אויפשטראַלן די פרעגנדיקע אומעטיקע אויגן?

קינדערלעך מיינע, יתומעלעך פון מיין היים. איך וואָלט זיי אויסגעקושט די טרערן, וואָס שטייען איינגעראָמט אין די אויגן און שטומערהייט מאָנען... מאָנען...

איך האָב זיך שטאַרק צוגעבונדן צו די קינדערלעך, דעם געגעבן נאָך אַ בולקעלע, דעם נאָך אַ קעסעלע הייסע קאַקאָ. אַזוי אַלע טאָג. אַזאַ פרייד צו קאָנען טיילן מיט דער הילף פון יענע גוטע מענטשן, וואָס ווינען ערגעץ־ווייט אין לע־גענדאַרישן אַמעריקע...

אַמעריקע, דו אומבאַקאַנט לאַנד, איך האָב שוין געלייענט וועגן דיין גרויס־קייט און ברייטקייט, אַרומגערינגלט פון ימען און טייכן, אויף אַ גרויסן אינדזל און דער אינדזל טרינקט זיך נישט... ביים ים־ברעג שטייט אַ פאַרשטיינערטע סטאַטוע מיט אַ ליכטיקן פאַקל און זי ווענדט אָפּ אַלע בייזע כוואַליעס. זי שטייט אויף דער וואַך און לייכט די שיפן אַנטקעגן... און פון אַמעריקעס פעלדער און פּרעריעס קומען די ווייסע בולקעלעך פאַר די יתומעלעך פון דער מלחמה...

מיין מאַמעס פאַרשניטענער שוועסטערס יתומל ווינט מיט אונדז. וועוועלע. ער געדענקט קוים זיין מאַמען, וואָס איז געשטאָרבן פון דער כאָליערע, ווען די שרעקלעכע עפּידעמיע האָט נישט אויסגעמיטן קיין איין הויז אין מיין שטאָט. ער איז ווי אַן אייגן ברודערל אין שטוב, נאָר ער איז אַ יחסן... אַ יתום קאָן באַקומען פון קאָמיטעט ווייסע בולקעלעך מיט קאַקאָ.

אַלע פרימאָרגן שטייט ער שוין אין ריי מיט די איבעריקע יתומים, מיט אַ בלעכן קעסעלע און ער באַקומט ווייסע בולקעלעך און קאַקאָ.

נאָר איינמאָל איז וועוועלע קראַנק געוואָרן. ער איז געווען פאַרקילט און נישט געקאָנט קומען אָפּנעמען די בולקעלעך. האָט ער מיך געבעטן, אַז איך זאָל זיין אַ לעבעדיקער עדות, אַז ער קען נישט אַרויס אין גאַס און איך זאָל אים ברענגען די בולקעלעך מיט קאַקאַאָ אין שטוב אַריין.

ע'ס איז געווען ערב־פרילינג. די זון האָט געשיינט מיט אַ ניי געבאָרענעם פּנים. פון די דעכער האָט זיך געשמאָלצן דאָס אייז, פון די רינעס זענען גע־פלאָסן צעגאַנגענע שניי־ליכט...

אַזאַ בלענדנדיקע ווייסע וועלט געטונקען אין גאָלד...

איך בין געגאַנגען צוריק אַהיים מיט לאַנגזאַמע טריט. דער ווייסער שניי מיניעט זיך. אין מיינע הענט שמעקן בולקעלעך ווייסע, פרישע. אין יענעם פרי־מאָרגן האָב איך זיך געאיילט, ווייל אַנדערע האָבן נישט געקאָנט קומען און

איך האָב גאָר נישט געגעסן. האָב איך אָפּגעבראָכן אַ שטיקל בולקעלע און פֿאַר־זוכט. איך פֿיל גן־עדן אין מײַן מויל. איך קנײַפּ אָפּ נאָך אַ שטיקל — עס איז אַ מחיה, אַזוי גוט. עס איז אַזאַ שײנע װעלט. װער האָט צעשאָטן אױפֿן שנײ אַזױפֿיל בולקעלעך? בולקעלעך טאַנצן און דרײען זיך װי שנײ־באַלן. מיליאָנען זון־פֿינטעלעך טאַנצן פֿאַר מײנע אױגן. הונגעריקע קינדער כאַפּן זײ, װײסע, װײסע בולקעלעך...

נאָר װײ איז מיר! װאָס איז מיט מיר פּלוצלינג געשען? אָט שטײ איך פֿאַר מײַן שװעל, די צעבערענטע לאָדנס װי צװײ שטראָפֿנדיקע הענט...

גאָט מײַנער! איך האָב אױפֿגעגעסן װעװעלעס בולקעלעך!... אַ יתומס בול־קעלעך...

גאָט, פֿאַרװאָס האָסטו האָסטו מיך נישט אױסגעהיט פֿון דער שרעקלעכער זינד?

איך עפֿן אױף די טיר. װעװעלע ליגט אין בעט. איך פֿאַל צו צו אים, נעם אַרום זײַן קישן און װײן. נאָר װעװעלע נעמט מיך אַרום מיט זײַנע פֿאַריתומטע הענט, מיט זײַנע שװאַרצע פֿיבערדיקע אױגן און זאָגט: ער איז דאָך מיר שולדיק אַזױפֿיל מאָלצײַטן, װאָס איך האָב פֿון מיר אים באַהאַלטענערהײט אַװעקגעגעבן...

אױ װעװעלע, מײַן װעװעלע, איך װעל זיך קײנמאָל נישט אױסצאָלן פֿאַר דיר.

איך װעל דיר אַלעמאָל אַװעקגעבן מײַן ביסן, װאָס איך האָב אױפֿגעגעסן דײַנע בולקעלעך...

## איך פֿאָר קײן אַמעריקע

עס איז אָנגעקומען אַ שיפֿסקאַרטע פֿון אַמעריקע.

די טאַנטע פֿאַלי, װאָס איז אַװעקגעפֿאָרן פֿון אונדזער שטעטל און האָט אױסגעמיטן די שרעקלעכע מלחמה, זי האָט געשיקט די שיפֿסקאַרטע. עס האָט געהײסן: מײַן טאַטע זאָל פֿאָרן, אָבער מײַן מאַמע האָט באַשלאָסן, אַז איך זאָל פֿאָרן, װײַל פֿאַר מיר איז קײן צוקונפֿט נישטאָ אין קלײנעם שטעטל. איך דאַרף זיך לערנען, װײַל זי האָט געגלױבט אין מײַן טאַלאַנט און אין קלײנעם שטעטל װעל איך פֿאַרלױרן גײן...

די פֿאַרבערענטע װענט זענען מיר ענג געװאָרן. מיך ציט שױן צו דער אומ־באַקאַנטער װײַטקײט. צום לאַנד, װוּ איך װעל פֿרײ קאָנען אױסזינגען מײַנע לידער...

איך װעל אַװעק פֿון קלײנעם שטעטל. איך חלום פֿון נײַע אומבאַקאַנטע װעלטן, װאָס װעלן זיך פֿאַר מיר אַנטפּלעקן. אָבער װי אַזױ פֿאָרט מען אַװעק און מען לאָזט איבער די נאָענטע? װי אַזױ צערײַסט מען דעם פֿאָדעם? מײַן מאַמע, װאָס האָט זיך אַזױ אָנגעליטן מיט מיר, רעדט מיך אַלײן צו, איך זאָל אַװעק פֿון דאַנען...

מיין מאַמע — זי ווײַנט נישט, זי נייט פאַר מיר אַ לײַוונט ציכעלע און שטאָפּט פון פוך אַ יאַסיקל און זי נייט פאַר מיר אַ מאַטראָסן־קלייד.

אָ, וואָס טראַכט מיין מאַמע ווען זי נייט דאָס קלייד? ווען זי שיקט איר באַליבט קינד אין דער ווײַטער פרעמד, אין אַן אַנדער לאַנד? אפשר טראַכט זי פון אַ חופּה־קלייד פאַר איר טאָכטער, וואָס זי וועט אפשר שוין קיינמאָל נישט זען?

וואָס טראַכט מיין מאַמע, ווען זי שטאָפּט דאָס קישעלע? זאָל דאָס קישעלע אין דער ווײַטער פרעמד זיין אירע מאַמע־הענט אונטער מיין קאָפּ?

ווען זי שטריקט מיר זאָקן וועבן זיך טרערן אין די פעדעם און ווער קאָן דערציילן, וואָס אַ מאַמע טראַכט, ווען זי שיקט איר אויסדערווײַלטע טאָכטער אַוועק אין אַ ווײַטן פרעמדן לאַנד? מיין מאַמע קויפט מיר אַ שטרויען־געפלאָכטן קײַשעלע, איך זאָל אַהין אַריינפּאַקן מיינע העפטן מיט די לידער...

די גאַנצע שטאָט איז מיך מקנא. יעדער איינער וואָלט געוואָלט פאָרן קיין אַמעריקע און איך בין דאָס גליקלעכסטע מיידל אין מיין שטאָט.

די אָפּשייד־טעג דערנענטערן זיך. איך פאָר זיך געזעגענען קיין טאַלמעדזש מיטן זיידן שלמה און דער באָבע רויזע, מיט די טאַנטעס און פעטערס. אויך דאָ זענען מיך אַלע מקנא. די באָבע רויזע בעט מיר אויס אַ ווײַס בעט, ווי אַ היסב־בעט און איך לייג זיך שלאָפן. דער זיידע מיט דער באָבען זעצן זיך אַוועק לעבן מיר און נעמען מיך באַווייגען, ווי איך וואָלט געווען טויט. ווען איך שלאָף איין דאַכט זיך מיר, איך הער אין שלאָף, ווי דער זיידע דאַוונט. און ווען איך עפן אויף די אויגן, אינמיטן דער נאַכט, זיצט טאַקע דער זיידע לעבן מיין בעט. זאָג איך אים: זיידעניו, וואָס גייסטו נישט שלאָפן? עס איז אַזוי שפּעט, איך בין דאָך נישט טויט, וואָס איר באַווייננט מיך ביידע. איך וועל נאָך צוריק קומען פון אַמע־ריקע. אָבער דער זיידע זאָגט: יאָ, מיין קינד, דו וועסט אם־ירצה־השם צוריק־קומען, אָבער מיר וועלן שוין מער נישט זיין.. מיר זעגענען זיך מיט דיר היינט צום לעצטן מאָל...

איך ווין צוזאַמען מיט מיין זיידן און באָבען. אין דער פרי פאָר איך צוריק אַהיים אַ צעווייטיקטע...

אין מיין שטאָט הייבט זיך ערשט אָן אַ געזעגעניש. איך זעגן זיך מיט די שטיבלעך, מיט די גאַסן. אַלץ איז מיר נאָענט און הייליק. איך גיי צום „כאַשט״, צום וואַלד. אין קלעטער אַרויף אויפן שפּיץ פון באַרג און קוק צוריק אויף מיין קינדהייט. ווי זאָרגלאָז איך בין דאָ געלאָפן אַמאָל ווען מיר זענען געגאַנגען מיט פיילנבויגנס, ל״ג־בעומר, מיט אַלע קינדער פון חדר... ווי איך בין גע־פלויגן, ווי אַ פויגל, באַרג־אַראָפּ, אין טאָל אַראָפּ, ווי פריידיק איך האָב זיך דאָ באַהאַלטן צווישן די אוראַלטע ביימער. דער טאָל האָט געבליט מיט געלע פוטער־בלימעלעך, אַ גאָלדענער בלומען־טאָל... מיר קינדער פלעגן פליקן די זון־בלימ־לעך און נישט געוווּסט ווי גוט אונדז איז.

...און איצט זיץ איך דאָ און קוק אַראָפּ פון באַרג. דער וואַלד איז פאַר־ברענט. מלחמה־שריפות און באָמבעס האָבן זיך איינגעגראָבן אין די טאָלן. דיביימער מיט אָפּגעהאַקטע קעפּ, די קרוינען אָפּגעברענט. דאָ און דאָרט האָט זיך געוואַלגערט אַ שטיק מאַנטל פון אַ טויטן זעלנער. ראָבן זענען אַרומגעפלויגן נאָענט צו דער ערד, געפּיקט מיט זייערע שנאָבלען און געקראַקעט. טיף אין טאָל איז די באַן דורכגעלאָפן אַ פאַרסאָפּעטע און האָט ווי אַ שוואַרצע שלאַנג זיך גע־דרייט און אַנטלאָפן מיט אַ געוואַלט. אויך די באַן אַנטלויפט פון מיין שטאָט...

פאַרוואָס אַנטלויף איך פון מיין שטאָט? איך בין דאָך דורכגעווייקט מיט אירע ליידן. ניין, איך וועל זיך נישט שיידן מיט איר. איך וויל זיין געשלאָגן מיט מיין געשלאָגענער ערד, געפּייניקט מיט מיין געפּייניקטער ערד. צופוסנס איז געלעגן דאָס גאַנצע שטעטל. אַמאָל האָט עס געפלאַמט קעגן דער זון, מיט רויטע ציגל, אַמאָל האָט עס פאַווּעדיק געבלענדט מיט פאַרבן. אין אַלע שייבן האָבן זונען זיך געטובלט אין זון־פאַרגאַנגען... איצט שטייט עס געהאַרביקט מיט שוואַרצן חורבן, מיט צעווונדיקטע ווענט, קוימענס — שוואַרצע, צעקרימטע העל־דזער, דעכער וויגן זיך אין ווינט ווי תליות... שוואַרצע רויכן הויבן זיך פון טייך העכער און העכער און הילן איין דאָס שטעטל אין אַ פאַרנאַכטיקן נעפּל. די ערד גענוצט פייכט. איך הייב זיך אויף און גיי אַנטקעגן דעם נעפּל און ווער איינגע־הילט אין פייכטן ווינט ווי אין אַ טייך... און לאָז זיך קילן מיינע הייסע פיבערדיקע באַקן וואָס ברענען, ווי איך אַליין וואָלט געווען אַ שטיק פייער, וואָס רייסט זיך אָפּ פון שטעטל...

די לעצטע נאַכט פאַר מיין אָפּפאָרן. מיין מאַמע, ווער קאָן קוקן אין אירע אויגן? געוויינלעך ליגט אין די טרויעריקע אויגן. זי בייסט די ליפּן פאַר ווייטיק. זי וועט נישט אַרייסגעבן פאַר מיר איר שטומען צער... די לעצטע נאַכט.

מיין מיידלש בעט, ווייס געוואַשן פון מיין מאַמעס צאַרטע הענט. די מאַמע דערוואַרעמט אַ באַליע וואַסער און שטעלט עס אַוועק לעבן מיין בעט. ווען זי זייפט אָן מיינע פיס, זאָגט זי: אַט ערשט מיין קינד ביסטו געבוירן געוואָרן און ביסט גע־לעגן אין וואַנעלע... און איך — די זעכצן־יאָריקע מויד — שטיי אין דער באַליע און לאָז מיין מאַמען מיך אַרומוואַשן. זי וויקלט מיך איין אין אַ ווייס ליילעך און זאָגט: אַזוי ריין און זויבער זאָלסטו קומען צו דיין חתן וויעמען איך וועל אפשר קיינמאָל נישט זען...

דיין לייב, מיין טאַטער, איז דאָס ליכטיקסטע פון אַלע מיידלשע לייבער. איך האָב עס אָפּגעהיט אין מלחמה־יאָרן מיט מיין לעבן... מיין טאַטער.

איך וויל נישט הערן די רייד פון מיין מאַמען, וואָס טוען מיר ווי... איך לייג זיך אין בעט, פאַרוואַרף דעם קאָפּ. איך מאַך זיך שלאָפנדיק...

און מיין מאַמע זיצט און קושט מיר די האָר. זי קושט דאָס איבערבעט, וואָס דעקט מיך צו, קושט דאָס קישן אויף וועלכן עס רוט מיין קאָפּ און זי שעפּטשעט:

איך שיק דיר אַוועק, אַ שעפעלע, אין אַ פרעמדער מדינה, קינד מיינס, גאָט זאָל דיך היטן און מיינע אויגן וועלן דיך באַגלייטן אויף אַלע דיינע וועגן. ווען ביסט קראַנק געווען אויף טיפוס האָב איך דיך אויסגעבעטן ביי די אבות און איצט שיק איך דיך אַליין אַוועק...

פאַרטאָג אין מיין שטעטעלע. העגער קרייען. דער וואַסער־טרעגער שפּאַנט מיט די קרומע פיס און לײדיקע קאַנען אויף זיינע אַקסל צו שעפּן וואַסער און ברענגען אין די שטיבער. מענטשן הייבן זיך אָן צו פאַרזאַמלען אין מיין שטוב, צו זעגענען זיך מיט מיר.

מיין חברטע מינא קומט אַריין. זי שטעלט זיך אַוועק ביים פענצטער אין איר מאַמעס גרויסער וואָלענער שאַל און זי טרייסלט זיך. אירע אַקסל צוקן ווי אין קאָנוווּלסיעס.

איך זעגן זיך מיט טויבעלעך, מיין איינציקער שוועסטער, מיט מיינע ברי־דערלעך. און ווען איך הייב אויף נוטקעלעך, דעם יינגסטן, דעם צוויי־יאָריקן ברודערל, וואָס איז געוואַקסן אויף מיינע הענט, הייבן די ווענט זיך אָן צו וויגן און די ערד דרייט זיך... מיינע הענט ציטערן. איך נעם, ווי אַלעמאָל, אַ שטיקל שאָקאָלאַד אין מיין מויל און נוטקעלע לייגט צו זיין מיילעכל און בייסט עס אָפּ פון מיר און אונדזערע מיילער צעקושן זיך מיט דער זיסער שאָקאָלאַד. נוטקעלע ווייס נישט דאָס מיר זעגענען זיך צום לעצטן מאָל.

אין גאַס וואַרטן פאַר מיר די יתומעלעך וועמען איך פלעג אויסטיילן די בילקעלעך און זיי באַגלייטן מיך מיט אַ סך מענטשן פון מיין שטאָט צום באַנ־הויף...

אויפן באַנהויף שטייט נאָך אַ שוואַרצער וואָלקן מיט מענטשן. אומעטיקע, פאַרלאָזענע און פאַרצווייפלטע. יעדער איינער וואָלט געוואָלט אַנטלויפן, ווו די אייגן וואָלטן זיי געטראָגן.

מיין טאַטע וויינט אויף אַ קול ווי אַ קליין קינד. דאָס ערשטע מאָל איך זע מיין טאַטן אַזוי וויינען.

איך שטיי אויפן פלאַטפאָרם מיטן געפלאָכטענעם קיישעלע, ווו עס ליגט מיין פאַרמעגן — מיינע לידער. דאָס יאַסיקל פון מיין מאַמען און אַ ביכעלע מיט אַדרעסן, וואָס מענטשן האָבן מיר מיטגעגעבן צו זייערע קרובים...

דער לאָקאָמאָטיוו סאָפּעט. די רעדער רירן זיך. אויף די שינעס לויפט נאָך אַ געשטאַלט: מיין מאַמע מיט צוויי אויסגעשטרעקטע הענט... נאָך איר לויפט דער זיידע יאָסל... ער הייבט דעם שטעקן, ווי ער וואָלט געוואָלט פאַרהאַלטן אויף אַ מינוט דעם צוג. ער האָט עפּעס פאַרגעסן צו זאָגן...

און די רווישנדיקע רעדער פאַרטרינקען דאָס קול פון מיין היים...

מ ל כ ה  ל י

# קיין וואַרשע

דורך פעלדער פון פוילן האָט זיך געשלעפּט די באַן.

דער צוג געפּאַקט מיט פּויערים־פּאַסאַזשירן און איך צווישן זיי. מיינע אויגן רויט אין געשוואָלן פון וויינען, נאָר איך טוליע זיך צום געפלאָכטענעם קוישעלע מיט מיינע זאַכן — דאָס יאַסיקל און די העפטן מיט מיינע לידער. די באַן האָט געוואָיעט אויף אַ קול: מאַמע! מאַמע!... דער ווינט האָט נאָכגעוויינט: מאַמע! און אַ נייער קוואַל פון טרערן האָט געשטראָמט פון מיינע אויגן: אוי, מאַמע מיינע... מאַמע!

ביי די שטיין־געבליבענע סטאַציעס זענען אויפגעשטיגן נייע עמיגראַנטן, וועלכע זענען, ווי איך, געווען מזלדיק צו פאָרן קיין אַמעריקע.

ווען די באַן איז אָנגעקומען קיין וואַרשע בין איך איבערראַשט געווען צו זען מיין קוזין עליע. וויזט אויס אַז מיין מאַמע האָט געקראָגן אַ ידיעה, אַז עליע איז שוין אין וואַרשע אויפן וועג קיין אַמעריקע, האָט זי אים טעלעגראַפירט, ער זאָל מיך אָפּוואַרטן. האָט מיך עליע גלייך געבראַכט צו אַ פּלאַץ, ווו די עמיגראַנטן האָבן זיך אויפגעהאַלטן און פאַר מיר באַשטימט אַ פּלאַץ, ווו צום שלאָפן און עסן ביז די פּאַפּירן וועלן דורכגיין דורכן קאָנסולאַט.

ווען איך בין אַריין אין הויז פון דער משפחה זענען געווען אַ סך מיידלעך און יונגעלייט מיט רוקזעק און מיט געפלאָכטענע שטרויענע קוישן.

עליע, מיין קוזין, איז געווען אַ סטודענט און אַזוי ווי ער האָט געוואָלט דורכפירן די שליחות פון מיין מאַמען האָט ער מיך נישט אָפּגעלאָזט פאַר קיין מינוט. אין די אָוונטן פלעגן מיר גיין אין טעאַטער. מאַלי פּיקאָן האָט גאַסטראָלירט אין וואַרשע און די עמיגראַנטן־קינדער, וואָס האָבן שוין געהאַט פאַרבונדן זייער גורל מיט אַמעריקע און יעדן טאָג געלאָפן צום קאָנסולאַט, האָבן זי ווי אויף די הענט געטראָגן...

איך פלעג בייטאָג גיין דורך די שמאָלע הויפן פון די וואַרשעווער גאַסן. דער וואַרשעווער דיאַלעקט פלעגט קלינגען פון די פרומע יונגע יידן מיט די לאַנגע פּיאות און די פרומע ווייבער מיט די שייטלען... ווו איך האָב זיך נאָר אַ דריי־געטון זענען נאָכגעלאָפן קינדער מיט בעטל־הענט... ביי אונדז אין מאָנאַסטרישטש האָט מען זיך געשעמט אָפן צו בעטלען. אַזאַ אָפענער דלות איז געלעגן אויף די וואַרשעווער גאַסן...

אין איין שיינעם טאָג האָט עליע מודיע געווען, אַז מאָרגן גייט ער צום קאָנסולאַט. אויך מיין וויזע איז שוין באַשטעטיקט און מיר וועלן פאָרן קיין אַנטווערפּן, ווו עס וואַרט די שיף, וואָס וועט אונדז פירן קיין אַמעריקע. מיטן אַמע־

ריקאַנער פּאַספּאָרט זענען מיר געפאָרן צוזאַמען מיט די אַנדערע עמיגראַנטן קיין אַנטווערפּן...

די שטאָט אַנטווערפּן האָט אויף מיר געמאַכט אַ פאַנטאַסטישן איינדרוק. די גאַסן און וועגן צום אָפענעם ים, ווו עס שווימען שיפן צו דער ווייטער וועלט, מיט די לעגענדאַרישע מויערן. די עמיגראַנטן, וואָס זענען שטראָמענווייז אָנגעקומען פון אַלע טיילן וועלט אויפן וועג קיין אַמעריקע האָבן איבערגעפּאַקט אַלע האָטעלן און עפנטלעכע זאַלן. פרויען און קינדער זענען ביינאַכט געשלאָפן אין די וואַרט־זאַלן, אין די קאָרידאָרן, אויף די שטיגן. קיין ליידיק שטיקל אָרט איז נישט פאַרבליבן. איבעראַל איז געווען פאַרזייט מיט מענטשן... אויפן גאַס זענען געשטאַנען מענטשן מיט אויפגעשטעלטע טישלעך און פאַרקויפט מאַראַנצן צו די עמיגראַנטן. גאָלדענע מאַראַנצן האָבן געלויכטן, ווי גאָלדענע זונען. אַלע עמיגראַנטן האָבן זיך איינגעהאַנדלט קוישן מיט מאַראַנצן. אויך איך האָב געקויפט מאַראַנצן פאַר מיין טאַנטע אין אַמעריקע.

מיר האָבן שפּאַצירט איבער די גאַסן, באַוווּנדערט די שויפענצטער מיט דימענטן און בריליאַנטן. איך האָב געטראַכט פונעם גורל פון מיין שטאָט. וויפיל פּייערן און אומגליק זי איז דורכגעגאַנגען... און דאָ — אַזאַ רחבות פון דימענטן און בריליאַנטן, ווי עס וואָלט אויף דער וועלט קיין מלחמה נישט געווען. אַפילו אַ שטאָט ווערט געבוירן מיט אַ באַשטימטן מזל...

אין גאַס איז געווען אַ קאַרנאַוואַל. מענטשן זענען געלאָפן מאַסקירט אין פאַרשידענע מאַסקעס. מוזיק האָט געשפּילט, קאָלירטע באַלאָנען האָבן געשוועבט אין דער לופטן...

מענטשן האָבן געטאַנצט אויף די גאַסן. עס איז געווען אַ מיליאָניקער קנויל פון מענטשלעכע קעפּ, געלעכטער און געזאַנג...

קינדער און עלטערן, פּאַיאַצן און קונצנמאַכער, זיי אַלע, אַלע, אויסגעמישט מיט משוגענע קולות און ווי צו פאַרשרייען עפּעס אַ גרויס אומגליק, וואָס לויערט אויף דער וועלט... אין די קומענדיקע טעג זענען אַלע עמיגראַנטן, וואָס האָבן געדאַרפט אָפּפאָרן מיט די שיפן אונטערזוכט געוואָרן. אויגן זענען ווידער עקזאַמינירט געוואָרן. די קעפּ האָט מען ווידער דורכגענישטערט און די, וואָס זענען דורכגעגאַנגען די אַלע רעגולאַציעס זענען באַשטימט געוואָרן אָפּצופאָרן קיין אַמעריקע...

אין טאָג זענען מיר צוגעגאַנגען צום פּאָרט אַרויסצובאַגלייטן אַ גרופּע עמיגראַנטן. די שיף איז געשטאַנען אויסגעפּוצט ווי אַ כלה, מיט קאָלירטע סטענגעס און פלאַטערדיקע בענדער און פאָנען... פויערטעס אין פּאַטשיילעס און פויערים אין ברייטע היט און קוטשמעס, מיט שווערע קלומעקעס און פּעק. און ווען די שיף איז אָפּגעשווומען פון ברעג האָט אַ באַנד מוזיק זיי אַרויסבאַגלייט...

אין אַ פּאָר טעג אַרום איז אויך אונדזער ריי געקומען. מען האָט אונדז אויפגע־

וועקט אין האָטעל. עס איז געווען פאַרטאָג און ווי אַ טשאַטע שעפּעלעך אונדז אַרויסגעפירט צום פּאָרט.

אין מיינע הענט האָב איך געקלאַמערט דאָס קיישעלע מיט די לידער און מיין מאַמעס פּוכן יאַסיקל...

## אויף דער שיף „זעע-לאַנד"

די שיף „זעעלאַנד" האָט אויסגעקוקט פון דרויסן ווי אַ פאַרכישופטער פּאַלאַץ. אַ פּאַלאַץ וואָס שוועבט אויף די בלויע כוואַליעס פון ים...

„זעעלאַנד" איז געווען איינגעטיילט אין דריי עטאַזשן, פון דריי קלאַסן. און העט אונטן איז געווען אַ פערטער קלאַס: פאַר אונדז עמיגראַנטן. דער פערטער קלאַס איז געווען לעבן די געדערים פון שיף. די פירמע, וואָס האָט פאַרקויפט די שיפסקאַרטע צו מיין טאַנטע האָט נישט דערמאָנט אָט דעם פערטן קלאַס. די אַמעריקאַנער טאַנטעס און אָנקלס האָבן באַצאָלט אין פאַרויס פאַר אַן אָנשטענדיקן אָרט אין דער שיף. און אין אָט דעם אונטערערדישן אָפּגרונט האָט מען אונדז אַריינגעפּאַקט, צוזאַמענגעקוועטשט, אַזוי ווי הערינג, אויף די הענגבעטלעך, וואָס זענען געהאַנגען כמעט אויף די קעפּ פון די אונטערשטע בעטלעך. פון דרויסן האָט די שיף אויסגעקוקט ווי אַ פּאַלאַץ. די זון האָט זיך געשפּיגלט אין ים. דער גאָלדענער זון־קאָפּ האָט זיך געטובלט אין ים און באַהאַלטן זיך אין די כוואַליעס. מען האָט די פרויען און מיידלעך צעטיילט אין באַזונדערע אָפּטיילונגען. און די מענער־פּאַסאַזשירן אין דער צווייטער אָפּטיילונג. אָט הייסט מען מיר אַראָפּ פון די טרעפּלעך, העט, העט אַראָפּ צום גרונט פון דער שיף...

פון ביידע זייטן פון דער שיף זענען געשטאַנען בעטלעך לעבן בעטלעך און איבער די בעטלעך זענען געהאַנגען בעטלעך און דער אייבערשטער פּאַסאַזשיר פלעגט מיט דער שווערקייט פון גוף כמעט אָנרירן דעם אונטערשטן פּאַסאַזשיר...

די לופטיקע האַמאַקעס האָט מען גערופן די שלאָף־בעטלעך. לעבן דעם אַריינגאַנג זענען געשטאַנען פעסער מיט שפּייז. גרויסע זעק מיט קאַרטאָפל און שווערע שטיקער אייזנס. קיין פענצטערל צום ים האָט פון דער קאַיוטע זיך נישט געפונען. עס איז געווען אַ ווענטילאַציע פון אַ ריזיקן פּאַכער, וואָס האָט שטענדיק געררוישט און אונדז פאַרטויבט די אויערן. עס האָט געאָ־בלט פון פאַרשטונקן פלייש. איך האָב פאַרנומען אונטן אַ בעטל, דאָרט אַוועקגעשטעלט מיין קוישעלע. לעבן מיין געלעגער האָט פאַרנומען אַ צווייטע עלטערע פרוי און אַנטקעגן אונדז, האָט אַ פּוילישע מאַמע און איר טאָכטער פאַרנומען דאָס געלעגער. זיי האָבן ביידע אויסגעקוקט יונג, ווי צוויי שוועסטער. אויף די הענגענדיקע בעטלעך זענען גע־

לעגן אַנדערע פּרויען, מיטליאָריקע און אויך עלטערע. ליט נאָך זייער באַשטימטן נומער... די עלטערע פּרויען איז אָנגעקומען זייער שווער בייַנאַכט אײַנצושטייגן אויף די הענג־בעטלעך. בײַטאָג בין איך אַרייף דורך די טרעפּלעך זוכן מיין קוזין עליע. ער האָט זיך געפונען אויף אַ צווייטער זייט שיף מיט די מענער־פּאַסאַזשירן. קריכנדיק דורך די הענגענדיקע לייטערס האָב איך ערשט געזען דעם פייערדיקן גהינום, וואָס מאַכט די שיף צום באַוועגן זיך... האַלבנאַקעטע מענער האָבן שטענדיק געשאָטן קוילן אין מויל פון קעסל און געמאַכט די לונגען פון שיף זאָלן אָטעמען און באַוועגן זי צום שווימען... אַ שרעקלעכע היץ האָט געשלאָגן פון די אינגעווײדן — אַ געשטאַנק האָט זיך געטראָגן פון דאָרטן...

די שיף איז שוין געווען אין ים און אַלע פּאַסאַזשירן האָבן געפילט אַ בעלדיק צום ברעכן. איך בין געלעגן אויף מיין בעטל און געהערט דאָס קרעכצן פון די פּרויען. זיי האָבן געבעטן אַ טרונק און נישט געקאָנט אַראָפּקריכן פון די הענגקס. עס האָט זיי געשווינדלט און געאיבלט צום ברעכן. און פּלוצלינג האָט אויסגעבראָכן אַ מאַסן־ברעכעניש. די אויבערשטע האָבן אַראָפּגעבראָכן איבער די אונטערשטע בעטלעך. אַלע האָבן געהאַט ים־פיבער. בלויז איך האָב נישט געהאַט דעם ים־פיבער און זיי אַלעמען געהאָלפן מיט אַביסל וואַסער און דעם מיט אַ שטיקל מאַראַנץ, וואָס איך האָב מיטגענומען אין קײַשעלע פאַר מיין טאַנטען...

עלטערע פּרויען האָבן מיך געבענטשט: גאָט האָט זיי צוגעשיקט אַ מלאך. ווי קאָן עס זיין, זייערע אַמעריקאַנער קינדער זאָלן זיי לאָזן פאַרן אין אַזאַ גהינום? די שיף האָט זיך געוואָרפן ווי אין קדחת...

ווען די מענטשן האָבן ענדלעך איינגעדרימלט האָב איך אַרויסגענומען מיין העפט און אָנגעשריבן אַ ליד וועגן מענטשלעכן פּיין, וועגן צעבושעוועטן ים, מיט אַ שיכורער שיף, מיט הילפלאָזע פּאַסאַזשירן...

פּלוצלינג האָט קעגן מיין אויג אַ בליץ געטון אַ ליכט־פּראָזשעקטאָר אין מיך שיער בלינד געמאַכט. דאָס ליכט האָט מיר געטאַנצט אין די אויגן אין מיך איבערגעשראָקן. איידער איך האָב געהאַט צייט זיך אַרימצוקוקן איז לעבן מיר געשטאַנען אַ הויכער ריז. איינער פון די פּאָליציאַנטן און אויפפּאַסער פון דער גהינום־קאָיוטע...

ער האָט אַ כאַפּ־געטון מיין העפט און שנעל אַ בלעטער־געטון. איך האָב געשריבן דעמאָלט נאָר דייטש און ער האָט מיך אַ פרעג־געטון: אויב איך שפּיאָניר די שיף און פאַרצייכן געהיימע זאַכן... פאַר שרעק האָט מיין האַנט אָנגעהויבן צו ציטערן. איך האָב געוואָלט באַהאַלטן צוריק דעם העפט פון זיין האַנט. ער האָט מיך געוואָרנט, ער וועט וועגן מיין שרייבן מעלדן דעם קאַפּיטאַן און מען וועט מיך צוריקשיקן...

ווען ער איז אַוועק בין איך געלעגן מיט אָפענע אויגן און פאַרגליווערטע טרערן און מיין האַרץ האָט געציטערט פון שרעק.

אויפן צווייטן טאָג בין איך ווידער אַרויף אויפן דעק זוכן עליען און אים געפונען אַ קראַנקן מיט אַ געשוואָלענער באַק. ער האָט געהאַט אַ שרעקלעכן צאָן־ווייטיק. איך האָב אים גאָרנישט דערציילט, וואָס עס איז פאָרגעקומען ביינאַכט...

ווען איך בין צוריקגעקומען פאַר אָונטברויט אין מיין גהינום־קאַיוטע, מיטן שרעקלעכן איבלדיקן געשטאַנק, האָבן איך זיך אָנגעהויבן צו שרעקן פאַר דער נאַכט, פאַר דער געשטאַלט פונעם ווערכטער. ער האָט אויסגעקוקט ווי אַ פאַר־ברעכער אָדער אַ פּרייז־פּעכטער, מיטן גרויסן פּנים און חזירישער נאָז און קליינע מייזישע אויגן. איך האָב זיך געלייגט שלאָפן נעבן בעטל פון דער עלטערער פרוי. ווי נאָר די לעמפּלעך האָבן זיך אויסגעלאָשן האָב איך געפילט ווי זיינע טריט שאַרן זיך אין אונדזער ריכטונג. ער האָט זיך צוגעשאַרט צום געלעגער פון דער מאַמען און טאָכטער און אַ געלעכטער מיט אַ שושקעריי האָט זיך גע־הערט אין דער פינצטערער קאַיוטע. איך האָב זיך איבערגעדעקט ביז די אויגן, נישט צוזען די חרפּה פון דער פּוילישער מאַמע און טאָכטער מיטן חוצפּהדיקן ווערכטער... פאַרטאָג בין איך אַרויף אויפן דעק מיט מיין העפט לידער. קעגן ליכ־טיקן טאָג וועט דער פאַרפאַלגער מיך נישט וואַגן איבערשרעקן. איך האָב אַרומ־געבונדן מיינע האָר מיט אַ בלויען טוליענעם שאַל. איך האָב אַרומגענומען אַ סלופּ און געקוקט צום כוואַליעדיקן ים. אויבן הימל און אונטן ים און די שיף שניידט זיך אין די כוואַליעס, די פאָנען פלאַטערן, דער רויך שלאָגט פון די קוימענס, מיין האַרץ זינגט.

עס גיט אַ צי מיך צום העפט און איך שרייב:

די זון קושט די וואַסער־ברוסטן פון ים
רויטלט זיך דער ים אַ פאַרשעמטער...

און מיין געדאַנק לויפט שנעלער אויפן פּאַפּיר, ווי מיינע פינגער און שורות קומען צו מיר אַזוי נאַטירלעך, ווי איך וואָלט באַוועגט מיט די ליפּן און שוין איז דאָ אַ ליד. איך וווּנדער זיך אַליין, ווי שנעל איך האָב עס אָנגעשריבן. מאַטראָסן קומען אַרויף מיט וואַסער־קישקעס און הייבן אָן וואַשן און שפּריצן און שמייכלען צו מיר מיט ליכטיקע אויגן. אַזעלכע שיינע יונגען מיט רויט־צעצוויק־טע פּנימער פון ווינט. איך לויף אַראָפּ די שווינדל־טרעפּ, אַ גליקלעכע מיטן נייעם ליד אין העפט. אונטן אין מיין קאַיוטע זיצן די פּאַסאַזשירן לעבן אַ לאַנגן טיש פון ברעטער און עסן פרישטיק. אַלע זיצן מיט ציינענע טעפּלעך אַזוי ווי אַרעסטאַנטן. איך בין זייער הונגעריק און זעץ זיך צו, נאָר איך קאָן נישט קוקן

אין דער ריכטונג פון מאַמע און טאַכטער... זיי שטויסן זיך אָן: איך ווייס זייער ביינאַכטיקן סוד און זיי קוקן צו מיר מיט פאַראַכטונג...

ביינאַכט האָב איך ווידער דערשפּירט דאָס פייערדיקע אויג פון ליכט־פּראָזשעקטאָר. מיין האַרץ האָט אָנגעהויבן צו האַמערן אין שרעק. איך האָב זיך אויפגעזעצט און אַ געשריי־געטון צו דער עלטערער שכנה וואָס איז געלעגן לעבן מיר. דער געשפּענסט איז צוגעקומען און געהייסן אים ווייזן דעם העפט. ער האָט מיך ווידער געסטראַשעט — ער וועט מיך מסרן און מען וועט מיך צוריקשיקן, ווייל אין העפט באַשרייב איך די רעוואָלוציע... איך האָב אים גאָרנישט געענטפערט, נאָר אַ גאַנצע נאַכט בין איך נישט געשלאָפן. איך האָב זיך שוין אויסגעמאָלן, ווי מען טיילט מיך אויס פון די פּאַסאַזשירן און מען שיקט מיך צוריק מיט דער זעלבער שיף...

די שיף „זעעלאַנד" איז געשוואומען לאַנגזאַם איבער די שטורמישע ימען און די נעכט פלעגן זיך ציִען ווי אייביקייטן...

נאָר דערפאַר איז דער טאָג געווען מיינער... איך פלעג באַגעגענען דעם פרימאָרגן מיט אַ ליד. מיט אַ געזאַנג אויף פּאַפּיר. ווי אַן אָדלער פלעג איך אַרויף אויפן דעק. הימל און ים. צוויי בלויע אייביקייטן גיסן זיך איינער אין צווייטן. די זון ווי אַ פייערדיק האַרץ זיך טוליעט און שמעלצט זיי צוזאַמען...

איינמאָל ביינאַכט האָט אויסגעבראָכן אַ שרעקלעכער שטורעם. עס איז שוין געווען דער ניינטער טאָג פון אונדזער נסיעה. די מענטשן אויסגעמאַטערט. די שיף האָט זיך געוואָרפן אין קאָנווולסיעס. די שפּייז האָט זיך צעשאָטן. די קאַרטאָפל האָבן זיך געקייקלט אַהין און צוריק. דאָס געשיר איז געלעגן אויף דער ערד. אַ גאַנצע נאַכט האָבן די אַלטע פרויען געוויינט און גאָט געבעטן, אייבּצושטילן זיין צאָרן...

אין דער פרי בין איך אַרויס פון נאַכטיקן גהינום אויפן אויבערשטן דעק. דאָ זענען געשטאַנען די מאַטראָסן אין רעגנמאַנטלען מיט קישקעס און געפּאָמפּעט דאָס וואַסער. די שיף ווי אַ שפּילעכל אין די כוואַליקע וואַסער־ווענט...

אַ כוואַליע האָט זיך אַ הייב־געטון ווי אַ גליטשיקער באַרג און אַריינגעשפּיגן אין שיף מיטן וואַסער־פּיסק... קיין פּאַסאַזשירן האָט מען נישט געזען. די מאַטראָסן אין די גלאַנציקע רעגן־מאַנטלען און איך בין געשטאַנען מיט צעשטראַלטע אויגן און מיין בלוט האָט געזונגען מיט געזאַנג פון שטורעם און ים...

אַ פּאָר טעג פאַר אונדזער לאַנדן האָב איך ביי זיך באַשלאָסן, איך וועל אַרויסרייסן מיינע נאַציאָנאַלע לידער וועלכע איך האָב געשריבן, ווען איך האָב זיך אָנגעשלאָסן אין קליינעם קרייז פון מיידלעך און יינגלעך וואָס האָבן זיך גערופן „שומרים". מיר האָבן דעמאָלט געלייענט טעאָדאָר הערצלס „יודנשטאַט" אין דייטש און איך מיט מיין חברטע מינדל פלעגן חלומען פון אַן אייגן ייִדיש

לאַנד, ווי אַלע וועלן אַרבעטן גלייך און אונדזער פֿאָלק וועט צוריקקומען אַהיים קיין ישׂראל.

אָט די לידער פֿון אַ פֿריי לאַנד קאָן מען אויסטייטשן אַלס רעוואָלוציאָנער. האָב איך באַשלאָסן זיי אַרויסצורײַסן פֿון מײַן העפֿט און זיי אַרײַנוואַרפֿן אין ים אַרײַן...

יעדעס בלעטל וואָס איך האָב אַרויסגעריסן פֿון מײַן העפֿט, איז, ווי אַ זשמע־ניע האָר פֿון מײַן קאָפּ, אַזוי ווייטיקדיק... נאָר פּלוצלינג האָט עמעצער אָנגע־באַפּט מײַן האַנט, און אַ באַלזאַם־שטים האָט אַ זאָג־געטון: אַ שאָד, די פֿיש זאָלן לייענען פּאָעזיע...

פֿאַר מיר איז געשטאַנען אַן עלטערער מאַן, מיט אַ ווײַסן געדיכטן קאָפּ האָר, מיט אַן אײדל פּנים. ער שטעלט זיך פֿאָר מיר פֿאָר אַלס פֿאָרשער פֿון אַנטראָפּאָלאָגיע, וואָס רײַזט אַרום די וועלט און זאַמלט אַנטיקן און קונסט־בילדער איבער איראָפּע...

ער האָט מיך שוין לאַנג באַמערקט פֿון זײַן ערשטקלאַסיקער קאַיוטע, ווי איך שרײַב יעדן פֿרימאָרגן אַרײַן אין אַ העפֿט. נאָר איידער די שיף קומט אָן קיין ניו־יאָרק האָט ער באַשלאָסן זיך צו באַקענען מיט מיר. און דאָ וואַרף איך גאָר די לידער אין ים אַרײַן.. פֿאַר די הונגעריקע פֿיש... זיי זאָלן לייענען פּאָעזיע.

פֿון גרויס איבעררעשונג האָב איך פֿאַרלוירן אַלע ווערטער. נאָר ווען ער האָט מיר פֿאַרזיכערט, און איך האָב דערפֿילט זײַנע ערלעכע רייד, פֿון זײַנע גוטמוטיקע אויגן, האָב איך אים דערציילט פֿאַרוואָס איך וואַרף זיי אין ים אַרײַן. וועגן דעם בײַנאַכטיקן וועכטער וואָס פֿאַרפֿאָלגט מיך און סטראַשעט מיך, אַז מען וועט מיך צוריקשיקן מיט דער זעלבער שיף...

מײַן אומבאַקאַנטער רעטער איז געוואָרן זייער אויפֿגערעגט און מיך באַרו:קט און כּדי אָוועקווישן דעם באַהאַלטענעם פּחד איז ער אַוועק און גלייך צוריק־געקומען מיטן קאַפּיטאַן פֿון דער שיף. מען האָט מיך איבערגעפֿירט אין אַן אַנ־דער אָפּטיילונג.

די געציילטע טעג אויף דער שיף האָט מיך מײַן רעטער נישט אָפּגעלאָזן. ער האָט מיר געבראַכט אַלעמאָל אַ נײַ בוך צום לייענען און מיר דערציילט פֿון זײַנע ים־רײַזעס.

אויף דער שיף אין פֿערטן קלאַס ווו איך בין געווען האָט אויסגעבראָכן אַן עפּידעמיע און מען האָט איזאָלירט יענע פּאַסאַזשירן. מײַן רעטער האָט מיר געזאָגט, אַז אונדזער שיף וועט נישט קאָנען לאַנדן בײַם באַשטימטן האַפֿן. די ערשט־קלאַסיקע פּאַסאַזשירן וועט מען אַראָפּלאָזן מיט שיפֿלעך און די שיף מיט די איבערגעבליבענע פּאַסאַזשירן וועט אַרײַן אין קאַראַנטין... איידער ער האָט געדאַרפֿט אויסשטײַגן האָט ער זיך מיט מיר געזעגנט, און מיר געגעבן זײַן

אַדרעס פון זיין ווילע אין ניו־יאָרק און ער האָפט צו לייענען אין אַמעריקע מיינע לידער אין אַ בוך...

ער האָט אויך געבעטן דעם אַדרעס פון מיין טאַנטע, ווו איך וועל וווינען און ער וועט מיך באַזוכן.

די ערשט־קלאַסיקע פּאַסאַזשירן זענען אויסגעשטיגן אויף שיפלעך און אונ־דזער שיף איז ווייטער געשווומען און שטיין־געבליבן אויף אַן אינדזל לעבן באָס־טאָן אויף אַ פּאָר טעג קאַראַנטין. מען האָט אונדז צוזאַמענגענומען ווי האָרדעס שאָף, און אונדז אַראָפּגעלאָזט אויף הענגנדיקע בריקלעך אויפן אינדזל. עס זענען געשטאַנען שוואַרצע נאַנעס און ווייסע קראַנקן־שוועסטער. מען האָט איבערגע־ציילט די פרויען באַזונדער און די מענער אויך באַזונדער. מען האָט אונדז אַריינ־געטריבן אין אַ גרויסער קאַזאַרמע, אונדז אויסגעשטעלט אין אַ לאַנגער ריי און יעדן דערלאַנגט אַ ליידיק זעקעלע. יעדער איינער זאָל זיך אויסטאָן און די קליידער אַריינלייגן אין זעקל צו דיסענפעקטירן...

די פרויען האָבן זיך אָנגעהויבן אויף שנעל אויסצוטאָן און יעדער האָט אַריינ־געלייגט די זאַכן אין זעקעלע. די פרויען זענען שטיין־געבליבן נאַקעט ווי די מוטער חוה. מען האָט יעדן דערלאַנגט אַ נומער.

די שוועסטער האָט באַמערקט ווי איך שעם זיך אויסצוטאָן אין גאַנצן נאַקעט, איז זי צוגעשפּרונגען צו מיר ווי אַ פוקסעכע און פרעך גענומען צו מיר רעדן און אַ שלעפּ־געטון די אונטערוועש פון מיר. און איידער איך האָב געהאַט צייט זיך אומצוקוקן — האָט מען מיך אַ שטופּ־געטון אין דער ריי פאַרויס און אַ מאַן אין אַ ווייסן כאַלאַט האָט אויף מיר אַ שפּריץ־געטון מיט אַ נאַפּטיקער קישקע פון אַ פליסיקייט וואָס איז אַריין אין די אויגן און האָר און אויף אַלע קערפּער־טיילן...

די נאַקעטע פרויען זענען אַלע דורכגעברענט געוואָרן און דיסענפעקציאָנירט געוואָרן און אַזוי זענען מיר דורכגעגאַנגען ווי דורך אַ קאַלך־אויוון און אַריין אין אַ צווייטן ריזיקן באַראַקן־צימער, מען האָט אונדז דערלאַנגט אַ דעקע זיך איינצו־הילן און דעם נומער מיטן זעקעלע דיסענפעקטירטע קליידער...

איך האָב אַרויסגעשלעפּט פון זאַק מיין קלייד. מיין מאַמעס אויסגעשטיקטער מאַטראָסן־קאָלנער איז איינגעשרומפּן געוואָרן ווי אַ צעקנייטשטע שמאַטע...

איך האָב זיך צעוויינט ווי אַ קליין קינד און געצייגט די אויפזעער, וואָס זיי האָבן געמאַכט פון מיין שיין קלייד. ווי וועל איך קומען צו מיין טאַנטע קיין אַמע־ריקע אין אַזאַ שמאַטעדיק קלייד?

אַ יונגער מאַטראָס וואָס איז געשטאַנען אויף דער וואַך מיט אַ ביקס, איז צו מיר צוגעקומען. ער האָט צו מיר זייער פריינטלעך גערעדט און מיר צוגעזאָגט שפּעטער, ווען ער וועט פריי ווערן פון זיין פּאָסטן, וועט ער מיר ברענגען אַ פּרעסל און איך וועל אויספּרעסן מיין קלייד. ער האָט געהאַלטן וואָרט. ער האָט געבראַכט אַ פּרעסל און איך האָב אויסגעפּרעסט דאָס קלייד, אָבער דערפאַר האָט ער גע־

בעטן מיך אַדרעס אין ניו־יאָרק, ער וויל :לייך מאַכן מיט מיר אַ ראַנדעוווּ...

אויך דאָ, אויפן אינדזל פלעגן זיך קרייצן שיפן און סיגנאַליזירן זיך מיט פאָנען. נאָר די פאָנען־שפּראַך האָב איך נישט פאַרשטאַנען... אַלבאַטראָסן פלעגן שוועבן אויף די כוואַליעס און מיינע אויגן פלעגן ציילן די כוואַליעס וואָס דער־שווימען צו די ברעגן פון ניו־יאָרק...

קיין נייע קראַנקע זענען נישט צוגעקומען. האָט מען אונדז ענדלעך אַרויפ־געזעצט אויף קליינע שיפלעך און אונדז געבראַכט צו אַ באַן־סטאַנציע וואָס האָט אונדז געפירט קיין ניו־יאָרק...

## מיטן באַן קיין ניו־יאָרק

מיר האָבן אַלע פאַרלאָזט דעם אינדזל און זיצן אין אַ באַקוועמער וואַרעמער באַן. מיר פאָרן קיין ניו־יאָרק.

איך קוק אַרויס דורכן לויכטנדיקן צוג, וואָס טראָגט זיך אין דער נאַכט. אינעווייניק — פרייד פון די נייע יונגע אימיגראַנטן, וואָס פאָרן אין אַ ניי לאַנד, וואָס וועלן פאַרוואַנדלען דעם טרויער פון אייראָפּע אין פריידיקע שעפּערישע טעג. עס קומען אַריין ווייס־געקליידטע שוועסטער פון רויטן קרייץ און נעמען טיילן פון ווייסע פאַפּירענע בייטלען ווייס־שנייִיק ברויט.

ווייס ברויט... אַזויפיל ווייסע פעניצלעך פריש ברויט פאַר אַלעמען. מיינע אויגן צינדן זיך אָן מיט הונגער. אפשר איז עס אַ חלום? איך צי אויס מיין האַנט און דאָס ליכטיקע פּנים פון דער שוועסטער קוקט צו מיר און זי דערלאַנגט מיר דאָס ווייסע סאַמעטענע ברויט צוזאַמענגעלייגט מיט געלן קעז.

דער ערשטער געדאַנק, נישט צו פאַרזוכן, נאָר ברענגען דער טאַנטע קיין ניו־יאָרק אַ מתנה — ווייס פריש ברויט. און איך עפן אויף דאָס קיישעלע און באַהאַלט דאָס ברויט און פאַרשליס צוריק דאָס קיישעלע און צי זיך אויס געמיטלעך אויף דעם פּליושענעם שטול און קוק אַרויס אין דער נאַכט, ווי איינציקע ליכטלעך טאַנצן אַוועק אין דער פינצטערקייט...

פּלוצלינג גיט אַ פליִיץ אויף מיר אַ וואַסער־פאַל מיט ליכט: ניו־יאָרק! גאָלד בריליאַנטן צעשאָטן און צעזייט אין דער נאַכטיקייט... אַלע פּאַסאַזשירן שטעלן זיך אויף ספּאָנטאַן און זינגען די התקוה. און באַגעגענען מיט געזאַנג דאָס גאָלדענע לאַנד, די שטאָט פון מיליאַרדן ליכטער: ניו־יאָרק...

מיר שטייגן אויס און מען פירט אונדז אַריין אין אַ גרויסן וואַרט־זאַל און קרובים כאַפּן זיך אַרום מיט די עמיגראַנטן און מען וויינט פאַר פרייד...

איך זוך צווישן עולם מיין טאַנטע. קיינער רופט נישט אויס מיין נאָמען. זעץ איך זיך אַוועק לעבן קיישעלע און קוק יעדן אָנקומענדיקן מענטשן אין פּנים

אַריין... אפשר איז עס מיין טאַנטע אָדער אָנקל? נאָר קיינער איז נישט געקומען מיך אָפּנעמען. מיר זענען געווען אַ גרופּע פון זעקס מיידלעך וואָס זענען געבליבן אין וואָקזאַל, ווו זייערע אָפּנעמער האָבן זיך נישט באַוויזן...

ענדלעך איז אָנגעקומען אַ פאַרשטייער פון „האַיאַס", וואָס האָט אונדז צוזאַ־מענגענומען, אײַנאײַנעם אונדז אַרײַנגעזעצט אין אַ טעקסי. אונדז געבראַכט אין „האַיאַס" ביז וואַנען די קרובים וועלן נאָך אונדז קומען...

אין „האַיאַס" האָבן מיר איבערגענעכטיקט און נאָך פרישטיק האָט מען אונדז אַוועקגעפירט אין אַן אַלטן פּאַלאַץ, אַ הויז מיט אַ סך צימערן, מיט דיוואַ־נען אויף די שטיגן. אין הויפּט־צימער איז געשטאַנען אַן אַלטע פּיאַנאָ. מיר האָבן זיך אַרומגעדרייט, די זעקס מיידלעך, צווישן די אַלטע אַנטיקן און אויסגעקוקט מיט אומגעדולד דורכן פענצטער, אפשר וועלן זיך ענדלעך באַווייזן אונדזערע קרובים. די צייט איז געלאָפן און מען זעט קיינעם נישט...

פלוצלינג זאָגט צו אונדז איינע, אַן אַלטע מויד: איר ווייסט ווו איר גע־פינט זיך? דאָס איז אַ שאַנד־הויז... עס איז אַ ליגן דאָס עמעצער וועט קומען נאָך אונדז, מען האָט אונדז אַהער פאַרנאַרט אין אַ שאַנד־הויז.

מיר האָבן אַלע ווי מיט איין קול זיך צעוויינט פאַר שרעק פון דער אַלטער מיידלס רייד. נאָך אײדער וואָס־ווען, כאַפּ איך דאָס קיישעלע און לויף אַראָפּ פון די געדרייטע שטיגן פון דריטן שטאָק און ביז שוין אונטן. לויפנדיק פון די שטיגן האָב איך געזען אַ הויכן מאַן. לויף איך צו אים צו און מיט בעטנדיקע אויגן װענד איך זיך צו אים, ער זאָל מיך אַרויסראַטעווען, ווייל מען האָט אונדז פאַרנאַרט אין אַ שאַנד־הויז...!

אָבער דער פרעמדער מאַן קוקט אויף מיר מיט שיינענדיקע אויגן און פרעגט מיך: ווי רופט מען דיך קינד? איך זאָג אים מיין נאָמען. ענטפערט ער: איך בין דאָך דיין אָנקל און דיך געקומען אַהיימנעמען. די טאַנטע פּאַלי וואַרט אויף דיר אין הויז. עס איז געווען אַ מיספאַרשטענדעניש זענען מיר נעכטן ניט געקומען צום באַן. איך פאַל צו צו אים ווי צו אַ טאַטן און וויין פאַר פרייד.

איך דאַנק גאָט וואָס עס איז נישט געווען קיין שאַנד־הויז, נאָר אַ הויז ווו דער „האַיאַס" פירט צוזאַמען די משפחות...

מיין אָנקל נעמט מיין קיישעלע און אַ פאַרשטייערן פון „האַיאַס" באַגלייט אונדז און פאָרט מיט אונדז אַהיים.

אין סאָבוויי זיצן מענטשן, מיידלעך מיט אָנגעשמירטע ליפּן, פרויען און מענער און מאָדנע — אַלע קייען און דרימלען. די באַן פאָרט אַרויס פון אונטער־ערדישע טונעלן און זיי דרימלען אַלץ. איך טראַכט: עס איז דאָך דאָ אַזויפיל צו זען דורך די פענצטער און זיי פאַרשלאָפן אַלץ. דאָ זע איך צום ערשטן מאָל נעגער און נעגערנס. איך האָב זיי נאָר געזען אויף געאָגראַפישע בילדער און איך נעם נישט אַראָפּ די אויגן פון זיי...

מיין אָנקל איז אפשר זיבן פיס הויך. איין אויג איז ביי אים פאַרצויגן מיט אַ הייטל. ער איז אַ געבוירענער אַמעריקאַנער און האָט זיך פאַרליבט אין מיין טאַנטע, ווען זי איז געווען אַ גובערנאַנטקע אין זיין משפחהס הויז. אַ גוטמוטיקער און האַרציקער.

מיר קומען אָן אויף פּראָספּעקט־עוועניו. אויף די גאַסן איז אַ בלאָטיקער שניי. די מויערן שמוציק און גרוי. מיר קומען אַריין אין דער טאַנטעס וווינונג, אין ציכטיקע שיינע פיר צימערן. עס שטייט אַ נייע פּיאַנאָ און איר שיין זונעלע, וואָס איז געוואָרן שוין דרייצן יאָר. ער האָט פלאַמיקע רויטע באַקן און גרויסע שוואַרצע קאַרשן־אויגן...

די טאַנטע פּאַלי שיינט. עס שמעקט מיט פרישן געבעקס. דער טיש איז געגרייט מיט אַלדאָס גוטס. זי ווייזט מיר דעם פּראַנט צימער, דאָרטן שטייט אַ צוזאַמענגעלייגט בעטל. ביינאַכט וועל איך עס אויפשטעלן און דאָרטן שלאָפן. זי גיט אַ שלעפּ אַראָפּ פון מיר דאָס קלייד און כאַפּט דעם פּליושענעם שוואַרצן מאַנטל, אין וועלכן איך בין געקומען און עפנט אויף דעם דאַמף־וועטער און גיט אַלץ אַ שליידער אַרויס. נישקשה, מאָרגן וועט זי מיר קייפן פון קאָפּ ביז פיס אַלץ נייע זאַכן... איך טראַכט: מיין שיינעם מאַנטל האָט מען נישט געדאַרפט אַרויסוואַרפן און מיין מאַמעס קלייד.. מיין שוועסטערל וואָלט געווען גליקלעך עס צו טראָגן... איך וואָלט דאָך עס געקאָנט אָפּשיקן צוריק אַהיים...

מיין טאַנטע דערזעט דאָס שטריינע קוישל און גיט אַ פרעג: וואָס ליגט דאָרטן? איך עפן עס אויף און זי דערזעט דאָס ווייסע ברויט, וואָס איז שוין טרוקן, עפנט זי ווידער דעם דאַמף־וועטער און אַ שליידער אַרויס. און דאָ דער־זעט זי די העפטן מיט די לידער. וואָס נאָך האָסטו געשלעפּט פון יוראָפּ?!

איך זאָג מיין טאַנטע: דאָס זענען מיינע לידער. וואָס? ווערשיקעס? זאָגט זי פאַרוווּנדערט, ווער דאַרף ווערשיקעס פון יוראָפּ? אין אַמעריקע מאַכט מען נישט קיין לעבן פון ווערשיקעס... מען דאַרף האָבן אַ פּאַך. און זי איז שוין גרייט אָן עפן־טאָן דעם דאַמף־וועטער און אַרויסוואַרפן דאָס קיישעלע מיט די ווערשיקעס — מיינע לידער...

דאָ, מישט זיך אַריין מיין גוטער אָנקל. וואָס אַרט דיך, פּאַלי, די ווער־שיקעס? בעסער גיב איר פריער אָפּצועסן. אַמעריקע איז אַ טייער לאַנד, אַמאָל קאָן נאָך עפּעס פון איר אויסוואַקסן...

מיין טאַנטע האָט מיך אַריינגעפירט אין באָד־צימער און מיך אַריינגעזעצט אין אַ שמעקנדיקער וואַנע. ווען איך בין אַרויס, זאָגט זי צום אָנקל: זעסט לואי, מיין ברודערס קינד, זע איר הויט־קאָליר, פּונקט ווי מיין ברודער. און זי רעדט צו מיר אַזוי מאַמיש און דערלאַנגט מיר איר קלייד און בלוזע און אַ פּאָר גרויסע שיך און גיט אַ זאָג: אַ מויד פון זעכצן יאָר איז שוין אַ כלה־מויד, זי טראָגט נישט צעלאָזטע האָר מיט לאָקן. זי גיט מיר אַ הייב־אויף די לאַנגע האָר

און פאַרדרייט זיי אין אַ טשופּיק. און ווען איך בין צוגעגאַנגען צום שפּיגל האָב איך זיך אַליין נישט דערקאַנט. איך האָב אויסגעקוקט ווי אַ דערוואַקסענע.

מיר זעצן זיך אַוועק ביים יום־טוב טיש און איך שלינג אַריין זעקס בולקע־לעך. איך עס און עס און קאָן נישט זאַט ווערן. מיר דאַכט זיך, איך וועל זיך קיינמאָל נישט אָנעסן צו זאַט, פאַר די אַלע הונגעריקע יאָרן. דאָס גלעקל קלינגט. און שכנים קומען אַריין, אַ קוק טון אויף מיין טאַנטעס „ניס״ — אַזוי רופט מען מיך...

און פון אַלע שכנים שטראַלט גאַסטפריינטלעכקייט...

נאָכן עסן זאָגט מיר די טאַנטע, זי האָט שוין פאַר מיר אַ חתן. אַ בוקקיפּער... ער האָט אַ נייע קאַר. ער וויל נאָר אַ יוראָפּיש מיידל. ביים אָנקל אין פעקטאָרי אַרבעט ער. אָבער האָב געדולד, מאָרגן גייען מיר דיר קויפן אַלץ נייע זאַכן, פון קאָפּ ביז די פיס! און דאַן וועלן מיר דיך אים פאָרשטעלן...

שבת, גייען מיר איינקויפן זאַכן. איך גיי אויף בראָדוויי און זע די מחנות מענטשן, — מענטשן פון אַלע פעלקער קומען זיך אַנטקעגן ווי אין אַ טאַנץ. גרויסע וווּנדערלעכע שויפענצטער. מיין טאַנטע קויפט מיר אַ קלייד, אַ מאַנטל און געלע שפּיציק־נעזיקע שיך. און איך קום אַרויס פון ריזיקן געשעפט אַן אמתע אַמעריקאַנערן...

מיר גייען איבער די עוועניוס און אַנטקעגן קומען אַן שיינע, שלאַנקע מייד־לעך מיט רונדע קיילעכדיקע רענצלעך. מיין טאַנטע וויזט מיר אויף זיי, זיי זענען נישט אַנשטענדיקע... זיי זענען מאָדעלס... און זי זאָגט: דאָ, אין ניו־יאָרק, טאָר אַ מיידל נישט גיין אַליין אויף סעקאָנד־עוועניו... ווייל אויף יעדן שריט איז דאָ אַ באָם...

פרעג איך די טאַנטע, וואָס הייסט סעקאָנד־עוועניו? זאָגט זי: ביסט טאַקע אַן אמתע גרינהאָרן. אַבי האָסט געלערנט אין ווין. זאָג איך צו מיין טאַנטע: אין ווין האָב איך נישט געלערנט פון סעקאָנד־עוועניו... נעמט זי מיר ווידער דערקלערן: אין אַמעריקע אַרבעט יעדער. זי האָט שוין אַפילו אַ דזשאָב פאַר מיר. דער דזשאָב וואַרט פאַר מיר אין בעיזמענט אויף פּראָספּעקט־עוועניו... צו נייען קנעפּלעך און פּרעסן העמדער...

איך ווייס פון אירע בריוו דאָס מיין אָנקל האָט אַן אייזקרעם־פאַבריק און צוליב וואָס זי האָט פאַר מיר אָפּגעזוכט אין בעיזמענט צו פּרעסן העמדער — פאַרשטיי איך נישט... מיר קומען צוריק אַהיים.

מיין טאַנטע שטאָפּט מיך ווידער מיט בולקעלעך און איך קאָן זיך אַלץ זאַט נישט אָנעסן. און אַ מאָדנע בענקשאַפט נעמט מיך אַרום צו מיין מאַמען. מיין מאַמע פלעג מיך לאָזן פאָרן אַליין אויף די באַנען און מיר קיינמאָל נישט גערעדט וועגן מאָראַל... זי האָט געוווּסט: איר קינד קאָן זי געטרויען, זי וועט

קיין שלעכטס נישט טון. מיט אַ שטומען בליק האָבן מיר זיך פאַרשטאַנען און דאָ, אויף יעדן טראָט לערנט מיך די טאַנטע, די מאָראַל פון אַמעריקע...

זונטיק איז געקומען דער „בוקקיפּער": אַן אַלטער פאַרגעלטער בחור מיט אַ נייער קאַר. און ער לאַדט מיך איין פאַר „אַ רייט" — אַזוי זאָגט ער...

עס ווילט זיך מיר זייער נישט פאָרן מיט אים אין זיין נייעם אויטאָמאָביל. אָבער די טאַנטע גיט אויף מיר אַ קוק און איך גיי מיט אים אין זיין אויטאָמאָביל ווי אַ פאַרמשפּטע...

מיר פאָרן אָפּ עטלעכע גאַסן. דער בוקקיפּער נעמט מיך שוין אַרום און קנייפּט מיך. איך ווער זייער שאָקירט. זיין באַנעמונג עקלט מיך. איך וויל ער זאָל זיך אומקערן צוריק צו מיין טאַנטעס הויז.

אָבער דער „בוקקיפּער" איז שוין זיכער מיט מיר. די טאַנטע האָט אים צוגעזאָגט... און ער האָט זיך נישט אַנטוישט. דאָס פאָטאָגראַפישע בילד וואָס מיין טאַנטע האָט אים געוויזן איז אַ שאָטן קעגן דערווירקלעכקייט... און ער לייגט ווידער אַוועק זיין לאַפּע אויף מיין קני. מיך עקלט פון זיינע רייד און איך קריג אַ בויך־ווייטיק...

איך זאָג אים, ער זאָל מיך אַהיימנעמען ווייל איך פיל זייער נישט גוט און ווען ער ברענגט מיך צוריק אין מיין טאַנטעס שטוב, זיצט ער נאָך אַביסל און פאַרלאָזט דאָס הויז.

מיין טאַנטע וויל וויסן וואָס ער האָט געזאָגט? אויב ער האָט זיך מיר דערקלערט אין „ליבע"?

יאָ, טאַנטע, דאָ אין אַמעריקע דערקלערט מען זיך אין ליבע מיט פּרעכע הענט. ביי אונדז — פון וואַנען איך קום — וואָגט מען עס נישט...

און דאָס ערשטע מאָל בין איך ווידערשפּעניק און זאָג מיין טאַנטען, אַז איך וועל מער קיינמאָל נישט פאָרן מיטן „בוקקיפּער"...

## מיין ערשטער „דזשאָב"

אין אַ האַלב־פינצטערן קעלער זענען געווען צוויי צימערלעך. די פענצטער האַלב־איינגעוואָקסן אין דער ערד. און די אויבערשטע העלפט האָט אַרויסגעקוקט צו אַ גרויער נאַקעטער וואַנט. ביי אַ לאַנגן טיש זענען געזעסן דריי עלטערע פרויען און געניייט איבערגעניצעוועטע אַלטע העמדער...

דריי עלעקטרישע לעמפּלעך האָבן באַלויכטן די מידע פּנימער פון די בלאַסע, צעקנייטשטע פרויען. זיי האָבן איבערגעקערט די צעריסענע קאָלנערס פון די העמדער און זיי צוריק צוגענייט. אַהין אין קעלער האָט מיך מיין טאַנטע געבראַכט אויף מיין ערשטער שטעלע. ביי אַ לאַנגן פּרעס־ברעטל האָט מען מיך

אַוועקגעשטעלט, אויסצופּרעסן די אַלטע פאַרריכטע העמדער און צונייען די אָפּגעריסענע קנעפּלעך און אויסצוגלעטן די איבערגעקערטע צעריסענע קאָל־נערס...

גייענדיק צופוס צו דער אַרבעט פּלעג איך זען דעם פרימאָרגן־געלאָף פון פרויען און מענער. יעדער יאָגט זיך שנעל אויף דער פּלאַטפאָרמע פון די סאָבוויי־באַנען און איך, מיט בענקשאַפט, לאָז זיך אַראָפּ אין קעלער און פּרעס די העמ־דער מיט אַ גרויסן ביגל־אייזן. די ווייסע נאָך קינדערשע הענט גלעטן אויס די שווייסיקע העמדער...

מיטאָג־צייט. ווען אַלע זעצן זיך אַוועק, עסן אַ סענדוויטש, שטיי איך נאָך אַלץ און פּרעס, וואַרטנדיק דער באַלעבאָס זאָל מיך הייסן זיך אַוועקזעצן... דע־מאָלט הייב איך אויף מיינע אויגן און שלאָג זיך אָן אין דער שטיינערנער וואַנט וואָס פאַרשטעלט מיר די זון...

פאַרנאַכט קום איך אַהיים, העלף איך נאָך מיין טאַנטען מיטן געשיר און אייל זיך אין דער אָוונט־שול צו לערנען די ענגלישע שפּראַך...

אין דער אָוונט־שול עפנט זיך אַ נייער האָריזאָנט פאַר מיר... יונגע מיידלעך און בחורים, ערשט געקומען פון אייראָפּע, פאַרנעמען די בענק און לערנען פלייסיק די ענגלישע שפּראַך, די שפּראַך פון לאַנד.

סוף וואָך דערלאַנגט מיר דער באַלעבאָס אַ קאָנווערט. איך צייל איבער מיין ערשטן פאַרדינסט — פערצן דאָלאַר. און איך דענק: איך בין די רייכסטע אין אַמעריקע... פערצן דאָלאַר...

איך ברענג עס מיין טאַנטען. זי נעמט אַראָפּ פינף דאָלאַר פאַר מיין עסן און קוואַרטיר. און דאָס איבעריקע הייסט זי מיר שפּאָרן און אַהיימשיקן צו מיינע עלטערן...

איינמאָל באַגעגן איך אַ קרוב און ווען מיר רעדן זיך פאַנאַנדער געפעלט אים נישט די שטעלע, וואָס מיין טאַנטע האָט פאַר מיר צוגעגרייט און ער רע־קאָמענדירט מיך צו זיינעם אַ פריינט: אַ מאַניפעקטשורער וואָס האָט אַ קליידער־פאַבריק, איך זאָל ביי אים אַרבעטן.

איך פאַרלאָז מיין דזשאָב און ווער אַ „דרעיפּער" אין האַרץ פון אַ ניו־יאָרקער פאַבריק. מיר געפעלט זייער מיין נייע אַרבעט. די שיינע מאַניקין־פיגורן, וואָס קוקן אויס ווי לעבעדיק און מען מעסט אויף זיי אָן די קאָלירטע קאָסטיומען, טיולענע קליידער.

עס ליגן קוישן מיט אויפגעשטעפּטע ראָזע און בלויע טיילן קליידער און איך פאַרשפּיליע די שפּילקעס. פון די שטיקער אויפגענייטע טיילן ווערן גאַנצע קליידער און די פיגורן דאַכט זיך מיר זענען ווי לעבעדיקע מיט וואַרעמע גלי־דער און זיי באַוועגן זיך...

ניין, דאָס איז נישט קיין וואַקסענע פיגור, זי פילט דאָס פלאַטערן פון טיו־לענעם ראָזע קלייד, זי וויל גיין אַ טאַנץ. דאָס בין איך — אָט די פיגור און איך פיל אויף מיין לייב דאָס רוישן פון זיידענעם קלייד...

נאָר פּלוצלינג דערפיל איך צוויי שפּיזן־אויגן, ווי פון אַ וואָלף... לעבן מיר שטייט דער פאַרמאַן און בייזערט זיך און זידלט מיך: זע וואָס האָסט געטאָן?! פאַרפלעקט דאָס קלייד מיט בלוט!

איך שטיי שולדיק און פאַרשעמט, וואָס מיין פאַנטאַזיע האָט מיך אַוועקגע־טראָגן אין אַ שווינדל־טאַנץ און מיט די שפּילקעס צעשטאָכן מיינע פינגער און פאַרפלעקט דאָס קלייד אויף דער פיגור.

נאָך דער וואָך באַצאָלט מען מיר אַכצן דאָלאַר און דער פאַרמאַן הייסט מיר זוכן אַ נייע שטעלע...

## מיין בענקשאַפט נאָך מיין היים און נאָך מיין מאַמען...

איך בין געווען דאָס אויג פון קאָפּ ביי מיין מאַמען.

אירע בריוו פלעגן וויינען און קלאָגן נאָך מיר. אָט שרייבט מיין מאַמע: יעדן טאָג שטעל איך אויס די טעלער אויפן טיש און איך פאַרגעס זיך, אַז דו מיין קינד ביסט נישטאָ אין דער היים. איך שטעל אַוועק אַ טעלער פאַר דיר און דער טעלער בלייבט ליידיק. אָ, וויפיל וואָלט איך געגעבן, איך זאָל דיך קאָנען זען מיט מיינע אויגן. דו ביסט געווען די קרוין פון מיין שטוב. ביסטו אַוועקגעפאָרן, בין איך געבליבן אָן אַ קרוין...

נאָר גאָט זאָל מיך נישט שטראָפן פאַר די רייד, איך האָב דאָך פינף ליכטיקע קינדער. דיין שיינע שוועסטער און דיינע פיר ברידער. אַזויפיל מאָל ביסטו שיער פאַרשניטן געוואָרן פון מיר. איך האָב זיך דאָך אַזויפיל אָנגעליטן ווען ביסט געווען קראַנק. נאָר די טרערן פון מיינע אבות האָבן דיך אויסגעבעטן. און איצט האָב איך אַליין — ווי אברהם האָט געפירט יצחקן — אַוועקגעשיקט דיך אַליין קיין אַמעריקע. ווייל איך האָב געזען און געפילט, דאָס דו ביסט באַרופן צו גרעסערס, ווייל דו ביסט באַשאָנקען מיט גאָטס־מתנה — צו זיין אַ דיכטערן און ווי דבורה־הנביאה וועסטו האַלטן הייליק די פעדים פון אונדזער אויסגע־פּרוווט יידיש מאַרטירער־פאָלק...

נאָר גרויס איז מיין בענקשאַפט. יעדעס שטיקל פּאַפּיר, וואָס דו האָסט אָנגעשריבן אַ ליד און עס איבערגעלאָזן, לייען איך נאָכאַמאָל און נאָכאַמאָל און האַלט עס נאָענט צו מיין האַרץ... קומט דיין טאַטע אַהיים ביינאַכט פון דאָרף, פון זיין שווערער פרנסה, זעצן מיר זיך ביידע אַוועק ביים לאָמפּ, נעם איך אַרויס די וואַרעמע בייגעלעך פּאַפּיר פון לעבן מיין האַרץ און איך לייען זיי פאַר דיין

טאַטע, און גלייב מיר קינד, ווען איך קוק אין דיין טאַטנס פּנים, דו געדענקסט דאָך ווען ער פלעג שבת זינגען מיטן רבין, אָ, דער הייליקער אויסדרוק אויף דיין טאַטנס פּנים, שטראַלט פון אים אַרויס און ער רעדט נישט, נאָר ער זינגט שטיל אין דער נאַכט, דעם רבינס ניגון...

נאָך אַזעלכע בריוו פון מיין מאַמען, פלעג איך אויסגיסן מיין פאַרבענקט האַרץ אין נייע לידער צו מיין מאַמען. איך פלעג זיי נישט אַוועקשיקן, זי זאָל נישט זען מיין טיפע בענקשאַפט צו איר. יעדעס ניי ליד האָב איך געשריבן נישט מיט טינט, נאָר מיט טרערן...

און דאָ געפין איך זיך אין אַ שיינער ציכטיקער שטוב, מיט רייכן מעבל, אָבער מען טאָר נישט אַ שפּאַן טון, וואָס קאָן חלילה אָנרירן די אָפּגעגלאַנצטע פּאַדלאָגע פון מיין טאַנטעס שיינער, ציכטיקער שטוב...

אַלע בריוו וואָס מיין מאַמע פלעג צו מיר שיקן זענען פריִער אויפגעעפנט געוואָרן פון מיין טאַנטען און ווי נאָר איך בין אַריין פון דער אַרבעט, פלעג זי גלייך ווי אַ וואָראָנע אַ פּאַכע־טון מיט מיין מאַמעס בריוו מיר אין פּנים אַריין, פאַרוואָס איך האָב נישט אַהיים־געשריבן?

עס האָט נישט געהאָלפן קיין רייד און געבעט, אַז זי זאָל מיר גלייבן אויפן וואָרט. אַז איך האָב יאָ געשריבן אַהיים, די בריוו וועלן נאָך מסתמא אָנקומען, אָבער מיין טאַנטעס כעס פלעגט זיך צעפלאַקערן אין אַ פייער און מיר שיער אויפעסן מיט אירע שטראָף־רייד...

איין טאָג בין איך אַוועק צו דער אַרבעט, אין קאָפּ האָט מיר געשווינדלט, איך האָב געפילט ווי די ערד שווינדט אונטער מיר... איך האָב געאַרבעט אין אַ פאַבריק, ווי מען פאַקט אַריין קעמעלעך אין ווייסע קעסטעלעך. אַרום די טישן זענען געזעסן נאָר יונגע מיידלעך און אויסגעלייגט אין די ווייסע שאַכטלען גלאַנציקע קעמעלעך מיט בלישטשענדיקע שטיינדעלעך.

אין קאָפּ האָט זיך מיר געדרייט און די קעמעלעך האָבן זיך אָנגעהויבן צו רירן. די מיידלעך, ווי זיי וואָלטן מיט די הענט געהאַלטן רודערס און געדרודערט, אַהין און אַהער און איך וויג זיך ווי אויף אַ שיף... די קעמעלעך שפּרינגען אויף ווי פייגל אין דער לופטן און פליִען אין צעפליגלטע מחנות...

די אויפזעערן איז צוגעקומען צו מיר. מיך אָנגערירטביים שטערן. איך האָב אויף איר געקוקט מיט פאַרנעפלטע אויגן. זי האָט מיר געהייסן אַהיימפאָרן פריִער פון אַלע מיידלעך. זי איז זיכער, איך האָב הויכע טעמפּעראַטור, איך זאָל גלייך זיך אַריינלייגן אין בעט אַריין...

איך בין קוים אַ לעבעדיקע אַריין אין מיין טאַנטעס שטוב. די צונג איז מיר געווען ווי אַ שווערער פאַנצער. ווי נאָר איך האָב געעפנט די טיר האָט די טאַנטע מיך באַגעגנט מיט אַ געשריי און געפּאַכעט מיר אין פּנים מיט אַ בריוו פון מיין מאַמען...

איך האָב געווינט פאַר מיין טאַנטען און זיך געשווירן — איך האָב יאָ געשריבן אַהיים, און דערצו נאָך אַריינגעלייגט פינף דאָלאַר אין קאָנווערט פון מיין פאַרדינסט.

אָבער עס האָט נישט געהאָלפן מיינע רייד. זי איז צוגעלאָפן צום בעט, ווו מיין קיישעלע מיט די לידער זענען געשטאַנען, אַ שלעפּ געטון דאָס קיישעלע און גלייך מיך געהייסן פאַרלאָזן איר הויז און זיך אָפּטראָגן מיט די וויערשיקעס, וואָס צוליב זיי שרייב איך נישט אַ בריוו אַהיים צו מיין מאַמען...

און זי האָט אַרויסגעשטעלט דאָס קיישעלע אויף יענער זייט טיר.

אין קאָפּ האָט מיר געשווינדלט, איך בין געווען זייער קראַנק. אין מיין גרויסער פאַרצווייפלונג, האָט מיך אַ צי־געטון צום אָפענער פענצטער — אפשר וואָלט געווען בעסער איך זאָל זיין טויט. איך זאָל מער נישט הערן די שטראָף־רייד פון מיין טאַנטע...

נאָר גלייך לויפנדיק צום פענצטער האָט אַ טויך־געטון מיין מאַמעס פּנים... ניין, דאָס קאָן איך איר נישט אָפּטון, ניין, איך טאָר נישט שטאַרבן פאַר מיין טאַנטען... איך וועל אַלץ איבערטראָגן, און נאָך זען מיין מאַמען...

איך בין אַרויס אויף יענער זייט טיר, זיך אַוועקגעזעצט אויפן קיישעלע, ווי מיינע שטומע לידער זענען געלעגן און שטיל אין זיך געווינט אויף מיין אומגליקלעכן לעבן, אויף מיין ביטערן גורל, ווען פּלוצלינג האָט זיך באַוויזן די געשטאַלט פון מיין אָנקל. ער האָט מיך געזען זיצן אַ פאַרווינטע אויפן קיישעלע, ער האָט מיך אויפגעהויבן כמעט אויף די הענט און מיך אַריינגעטראָגן צוריק אין שטוב אַריין...

און זאָגנדיק צו מיין טאַנטע: ווי שעמסטו זיך נישט אַרויסצוואַרפן דיין ברודערס קינד? זע, ווי זי פלאַמט, זי איז קראַנק, ווי האָסטו נישט קיין מורא פאַר גאָט?

ער האָט גלייך אויפגעשטעלט מיין אויפשטעל־בעטל און מיך אַריינגעלייגט אין בעט. די טאַנטע איז צוגעקומען און מיך געהייסן אויפמאַכן דאָס מויל און אַ געשריי געטון: זע איר האַלדז, זי האָט זיכער דיפטעריע, ווי קאָן זי שלאָפן אין זעלבן צימער מיט מיין זון? ער וועט דאָך איבערנעמען פון איר די קראַנקייט!

מער האָב איך נישט געהערט. איך געדענק ווי דער אָנקל איז אַ גאַנצע נאַכט געזעסן לעבן מיר און געלייגט מיר קאַלטע קאָמפּרעסן צום האַלדז. ער האָט מיר געגעבן אַספּירינען, און זיך נישט אויסגעטאָן.

אין דער פרי האָב איך געפילט בעסער. שכנים זענען אַריינגעקומען און יעדנס פרעמדע האַנט האָט מיך געהיילט און יעדנס רחמנותדיקער בליק האָט מיך געטרייסט.

מיין טאַנטע איז ווידער געוואָרן גוט צו מיר און מיר דערלאַנגט אַלע מאָל עפּעס אין מויל אַריין.

דעמאָלט האָב איך געשריבן אַ בריוו צו מיין מאַמען, ווי גוט מיין טאַנטע איז צו מיר, ווי אַ צווייטע מאַמע...

דער ווייטער ים האָט אונדז צעטיילט און געפירט בריוו פון מיין מאַמען און איר האַרץ האָט געפילט, אַז צווישן די אותיות זידן פאַרגליווערטע טרערן פון איר צעשיידט און בענקנדיק קינד, וואָס זי וועט מער שוין קיינמאָל נישט זען מיט אירע אויגן...

## חנהלע

איך האָב זי פון דער היים נישט געקאָנט. זי האָט געוווינט אין טשאָרטקאָוו און איך אין מאָנאַסטרישטש. זי איז געווען אַ קינד פון רבינס הויף און איך אַ קינד פון מלחמה... אַ קינד פון נע־ונד...

אונדזערע זיידעס זענען געווען ברידער. איר זיידע, דער גייסטיקער דער־ציִער און גבאי פון טשאָרטקאָווער רבין, וואָס איז געווען באַוווּסט ביי אַלע חסי־דים אין גאַליציע, און מיין זיידע, ר׳ יאָסל־דוהל, דער תלמיד־חכם און גרויסער קבצן.

פלוצלינג איז זי אַריינגעקומען צו מיין טאַנטעס שטוב זען די גרינע קוזינע. איך האָב זי דערזען אין איר בלויקייט, מיט די רויטע באַקן און בלויע אויגן און דאָס שיינע קלינגענדיקע געלעכטער. איך בין געזעסן איינגעבויגן, דערשראָקן, פאַרבענקט און פאַרחלומט און זייער ביי זיך דערשלאָגן...

זייענדיק שוין עטלעכע חדשים אין גאָלדענעם לאַנד איז זי מיך ערשט געקומען זען און גלייך האָט זי געבעטן איך זאָל איר ווייזן מיינע לידער.

די לידער זענען געלעגן אין קיישעלע אונטערן בעט און זענען געוואָרן ביי מיר ווי אַ קללה. די טאַנטע האָט זיך מיט זיי געוואָרפן און דאָ קומט אַ קוזינע און הייסט מיר איר ווייזן מיינע לידער.

איך האָב עס נישט געוואָלט טון. אָבער זי איז צוגעשטאַנען צו מיר. האָב איך אַ שעמעוודיקע אַרויסגעשלעפּט דאָס קיישעלע פון אונטערן בעט און דער־לאַנגט איר אַ פולן העפט לידער געשריבן אין דייטש, ווייל אויף יידיש האָב איך נאָך דעמאָלט נישט געשריבן.

איך האָב אַ בלעטער־געטון דאָס ערשטע ליד, וואָס איז מיר געקומען פאַר די אויגן. עס האָט געהייסן „דער דריטער". דעם אינהאַלט האָב איך שוין געשילדערט אין אַ פריִערדיקן קאַפּיטל, ווי אין אונדזער שטעטל האָט אַ פּאָליאַק דערהרגעט אַ יידן אינמיטן העלן טאָג. ער איז געזעסן אין מאַרק און פאַרקויפט עפּל, האָט דער פּאָליאַק אָן שום וואָרענונג אַ זעץ־געטון אים אין קאָפּ און אויפן אָרט אים דערהרגעט, דעם קויש מיט די עפּל צעשאָטן איבערן מאַרק און שעלטנדיק אַלע יידן זיך ווייטער געגאַנגען...

דער ייִד איז געווען דער איינציקער פּרנסה־געבער פון זיין קראַנק ווייב און זעקס פּיצלעך קינדער. דאָס גאַנצע שטעטל מיט די ייִדן האָט אויפגעשוי־דערט פונעם מאָרד און דער מערדער איז אַרומגעגאַנגען פריי...

די יוגנט האָט באַשלאָסן צו שאַפן אַ פאָנד פאַר דער אלמנה און די יתומים.

מען האָט אין אַ האַלב־פאַרברענטער שטאַל געמאַכט אַ באַל. די גאַנצע שטאָט יוגנטלעכע זענען געקומען טאַנצן און איך צווישן זיי.

טאַנצנדיק אין קאַראַהאַד, האָב איך געזען דעם טויטן טאַנצן מיט אונדז. ער איז געווען דער דריטער...

דאָס ליד האָב איך שפּעטער פאַרגעלייענט אין שטאָט און עס איז געפאַלן אַ רעגן מיט געלט פאַר דער אומגליקלעכער משפּחה...

איך האָב עס איבערגעלייענט פאַר חנהלען. אין אירע אויגן זענען גע־שטאַנען טרערן. זי האָט מיך אַרומגענומען און מיר אַ קוש־געטון און הייסט מיך גלייך אַריינשיקן דאָס ליד אין „טאָג״. איך האָב נישט געלייענט קיין ייִדישע צייטונגען און נישט פאַרשטאַנען וואָס עס הייסט דער „טאָג״.

פרעג איך חנהלען אויב דער „טאָג״ דרוקט אויך אין דייטש? ענטפערט זי מיר, אַז ניין, נאָר זיי וועלן עס שוין איבערזעצן אויף ייִדיש. זי איז זיכער אין דעם און זי הייסט מיר אַדרעסירן דעם בריוו צו גלאַנץ־לעיעלעסן.

עס איז מיר ליב געוואָרן חנהלעס שפּראַך. חנהלעס אויסזען און גלייך האָב איך דערפילט, אַז אַמעריקע איז נישט דער גייסט פון מיין טאַטען. עס איז דאָ אַ חנהלע, וואָס פאַרשטייט מיין געמיט. איך דאַרף איר גאַרנישט זאָגן, זי ווייסט אַליין וואָס איך טראַכט און ווי איך פיל...

זי זעגנט זיך מיט מיר און זאָגט, איר מאַן לעווין וועט מיך קומען נעמען צו זיך.

די גאַנצע שטימונג האָט זיך ביי מיר געביטן. ביינאַכט האָב איך אַרויס־גענומען עטלעכע לידער, נאַטור־לידער און אַוועקגעשיקט אויפן אַדרעס, וואָס חנהלע האָט מיר געלאָזט. און ווי איבערראַשט בין איך געוואָרן. אין עטלעכע טעג שפּעטער, באַקום איך אַ בריוו פון „טאָג״, אונטערגעשריבן: גלאַנץ־לעיע־לעס...

און ער שרייבט מיר:

געערטעס פריילין, אייערע לידער האָבן מיר באַקומען. איר האָט אַ סך טאַלאַנט. איך וויל אייך זען. שרייבט אויף ייִדיש, ווייל דער „טאָג״ איז אַ ייִדישע צייטונג. איך האָף צו האָבן אַ סך נחת פון אייך. קומט אַרויף אין רעדאַקציע.

עס זענען אַוועק וואָכן. איך האָב זיך געשעמט צו גיין אין דער רעדאַקציע, צו זען די שרייבער. דערווייל איז מיך געקומען זען נאָך אַ קרוב פון מיין טאַטנס צד, הערש־מענדל הירש, אַן עלטערער און זייער אינטעליגענטער און איידעלער

מענטש, אַן אָנגעלעזענער מיט דער יידישער ליטעראַטור און ער בעט מיך אויך צו ווייזן אים מיינע לידער.

דאָ צייג איך אים דעם בריוו פון „טאָג“ און ער הייסט מיר, למען־השם, צו־גיין צום „טאָג“; נאָר איין זאַך זאָל איך נישט דערציילן, אַז איך בין געבוירן אין גאַליציע... דאָ אין אַמעריקע האָט מען פיינט גאַליציאַנער.

איך קוק אויף אים מיט ווּנדער. דאַכט זיך: ביי אונדז אין גאַליציע אַזוינע טייערע, ערלעכע, שיינע יידן. פאַרוואָס זאָל מען זיי פיינט האָבן?

און איך באַשליס ביי זיך: פאָרן צום „טאָג“ אָפּצונעמען מיינע דייטשע לידער...

חנהלע האָט שוין נישט גערוט. זי האָט געשיקט איר מאַן לעווינען מיך ברענגען צו זיי אין שטוב. אין איר הויז, פון דער וואַרעמער אַטמאָספערע, האָב איך אָנגעשריבן נייע לידער פון פרייד און ליבע.

אין אַ שיינעם טאָג בין איך אַראָפּגעפאָרן אויף איסט־בראָדוויי.

מיט ציטערדיקע און שעמעוודיקע טריט בין איך אַרויף אין רעדאַקציע.

איך האָב זיך געפרעגט אויף לעיעלעסן. גלאַנץ־לעיעלעס איז מיר אַנטקעגן געקומען. ער האָט אויף מיר געקוקט מיט צוויי בלויע בעז־אויגן און מיר אויס־געשטרעקט אַ וואַרעמע האַנט.

און ווי ווּנדערלעך מען האָט מיך באַגעגנט. יידישע מיטאַרבעטער זענען מיר אַנטקעגן געקומען מיט אָפענע אָרעמס. אַלע האָבן שוין געקאָנט מיינע לי־דער. די זעלבע לידער וואָס איך בין געקומען אָפּנעמען...

לעיעלעס, האָט מיר געזאָגט, איך זאָל זיך לערנען יידיש און שרייבן אויף יידיש. דעמאָלט וועט דער „טאָג“ זיי דרוקן.

איך האָב נישט געלייקנט אַז איך קום פון גאַליציע. און עטלעכע יאָר גע־לערנט אין ווין און באַהערש פולשטענדיק די דייטשע שפּראַך און גערעדט מיט לעיעלעסן וועגן די דייטשע קלאַסיקער: וועגן היינען, געטען און שילער און וועגן מיין אויסדערוויילטן דיכטער: ריינער מאַריאַ רילקע.

גלאַנץ האָט מיך צוגעפירט און זיך מיט מיר געזעגנט.

איך האָב צוריקגעטראָגן דאָס בינטל דייטשע לידער מיטן געפיל, איך וועל נאָך קומען צוריק מיט יידישע לידער...

די גאַס האָט געזונגען אונטער מיינע טריט. מענטשן זענען מיר אַנטקעגן־געקומען, אומבאַקאַנטע מענטשן. איך האָב געטראַכט: אַ, מענטשן מיינע, אומ־באַקאַנטע, איך וועל אַמאָל אייך אויסזינגען אין מיין געזאַנג, וואָס דרימלט אין מיר אַזוי ווי אַ קוואַל און זוכט אַ וועג אַרויסצושפּילן אין די שענסטע רעגנ־בויגנדיקע פאַרבן, אינעם לשון פון מיין טאַטע־מאַמע, אינעם לשון פון מיין גאַ־ליציאַנער היים, ווו מיין וויג איז געשטאַנען...

אָ, מענטשן! קוקט אויף מיר, איר קאָנט מיך נישט, נאָר אַמאָל וועט איר

מיך לייענען. איך בין דער באַרג וואָס טראָגט אין זיך דעם קוואַל, דעם קוואַל פון נאָך נישט אויסגעזונגען געזאַנג... איך וועל אויסזינגען אייער צער און אייער פרייד, איך וועל צוזאַמענגיסן מיין גאַליציאַנער בלויען הימל מיטן הימל פון זוניקער אַמעריקע.

מענטשן אומבאַקאַנטע, בענטשט מיך, וואַרט אויף מיר, איך בין געקומען צו זיין און צו זינגען, אמן.

## דער שרייבער-באַל...

אַ גרויסער רונדער זאַל מיט לאָמפּן און פּנימער. אַהין האָט מיך חנהלע געבראַכט זיך צו באַקענען מיט יידישע שרייבער.

חנהלע דערקלערט מיר: איינמאָל אַ יאָר קומט פאָר אַ שרייבער-באַל און דאָס פאָלק קומט זיך באַקענען פּנים-אל-פּנים מיט די שרייבער און דיכטער.

איך האָב קיינעם פון זיי נאָך נישט געלייענט. זייערע ווערק זענען מיר אומבאַקאַנט. אָט שטיי איך אין אַ ווינקל פון רוישיקן זאַל און קוק אויף זיי. די פּנימער געוויינלעכע, אַזוי ווי מענטשן פון גאַס, עס איז נישטאָ קיין שום רייטערלעכקייט. מיידלעך פלאַטערן אַזוי ווי שמעטערלינגען. געטומל און גערויש.

פּלוצלינג בין איך אין אַ קרייז פון דריי. עס זענען דיכטער יונגע, וואָס גרופּירן זיך אַרום דער „פעדער". דער רעדאַקטאָר איז אהרן קאַרלין. אַ קיילעכדיקער מענטש, ווי אַ פּעסל, מיט קליינע קלוגע אויגן, מיט שיטערע האָר, מיט אַ גוטמוטיקן שמייכל. דער צווייטער איז א. לוצקי. ער שטייט אויסגעבויגן אַזוי ווי אַ פידל, אָדער אַ פייל. מיט בלויע אויגן, ניין — אין איין בלויען אויג— איז ווי אַ גרויער שאָטן, וויביידע אויגן וואָלטן געווען צעקריגט מיטאַנאַנדער, נאָר דאָס בלוי לאַכנדיקע אויג איז גובר דאָס שאָטנדיקע אויג. זיינע באַוועגונגען, אומרויִקע און שוועבנדיקע, ווי ער וואָלט פליִען אין דער לופטן.

דער דריטער איז אהרן ראַפּאַפּאָרט. אַ שטילער און פאַרשנדיקער, עטוואָס שעמעוודיק, מיט אַ קאָפּ שוואַרצע געדיכטע האָר און שוואַרץ-געראַמטע ברילן...

זיי אַלע האָבן מיך אַרומגערינגלט ווי אין אַ ראָד און איך רעד צו זיי אין דייטש. עס ראַשט און עס רוישט. די מוזיק שפּילט. און דאָ שוועב איך אַוועק אין אַ טאַנץ. פריידיקע פּנימער וואַלצן אין איין גרויסער מענטשלעכער מאַסע.

איינער פון יענעם ווינקל קוקט אויף מיר ווי איך טאַנץ. איך באַגעגן זיך מיט זיינע שטילע דורכזיכטיקע בליקן. ווי די אויגן וואָלטן מיט מיר מיטגעטאַנצט און ציִען מיך ווי מיט שטריק צוריק צום ווינקל...

אהרן ראַפּאַפּאָרט קאָן נישט טאַנצן, אָבער דערפאַר זיצט ער שוין ווידער מיט מיר און גיט מיר די ערשטע לעקציע וועגן פּאָעזיע.

אמתדיק געזאָגט האָב איך זייער ווייניק פאַרשטאַנען וועגן פאָרם און אינ־האַלט, ווייל אויב אַ ליד ווערט געבוירן איז עס שוין געשטאַלטיקט, עס האָט שוין הענט און פיס, אויגן און ליפּן, עס האָט שוין אַ פּנים. פאַרשטייט זיך, מען דאַרף עס אַרומוואַשן און עס אויסוואַרעמען. די הויפּט־זאַך איז — דאָס באַשאַ־פענע ליד, ווייל „באַשאַף" איז נאַטירלעך און עכט.

אהרן ראַפּאַפּאָרט האָט צו מיר גערעדט וועגן אינהאַלט און פאָרעם און איך האָב געקוקט אַראָפּ צו דער ערד, צו זיינע שיך און באַמערקט: די בענדלעך זענען נישט גוט פאַרשנירט און זיינע שיך ווייסן נישט פון קיין גלאַנץ. אָבער אַ מאָדנע כח האָט געהאַט זיין וואָרט. ווי איך האָב נישט פאַרשטאַנען האָט זיין וואָרט דורכ־געדרונגען אין מיין בלוט.

א. לוצקי האָט מיך איינגעלאַדן טאַנצן. דער זאַל האָט זיך געדרייט מיט די מענטשן, יונגע און מיטלאַריקע, פרויען און מענער און עס איז געווען ווי אויף אַ היימישער חתונה... און דאָ זיץ איך שוין ווידער אין דער „דריי אייניקייט": ראַפּאַפּאָרט, לוצקי און אהרן קאַרלין און זיי בעטן מיך, איך זאָל פאַר זיי לייענען פון מיינע לידער אויף אויסנווייניק.

איך לייען פאַר אַ דייטש ליד: „אין דער לופטן" און קאַרלין זאָגט, ער וועט עס גלייך איבערזעצן אויף יידיש און עס אָפּדרוקן אין דער „פעדער".

אהרן ראַפּאַפּאָרט גיט מיר ווידער אַ לעקציע וועגן פאָרעם און אינהאַלט און איך טראַכט ביי זיך: איך בין נישט קיין פּאָעט, איך שרייב בלויז וועגן זאַכן וואָס טוען מיר ווי. זיי דאַרפן נישט קיין פאָרעם, ווייל ווען עס ציט מיר אַ פינגער און עס טוט מיר זייער ווי, מוז איך עס אויסקוועטשן, איך מוז'עס אָנ־שרייבן, אויב נישט וועט עס צעשטערן מיין האַרץ־געפּיל.

די אַלע לידער, וואָס איך האָב דעמאָלט געשריבן האָב איך נישט געשריבן צוליב דעם, וואָס איך וויל זיין אַ פּאָעט. עס איז געווען דער איבער־מענטשלעכער כח, אַזוי ווי דער כח פון דער נאַטור, וואָס פרעסט זיך אַריין אין בוים און דער בוים מוז אויפשפּראָצן מיט בליונג...

אַזוי ווי דער קוואַל וואָס מוז דורכלעכערן אַ באַרג און אַרויס אויף דער ליכטיקייט, אַזוי קומען צו מיר לידער פון דער טיפעניש און זיי פאָרמירן זיך אומבאַוווּסט אין שורות, וואָס מען רופט: לידער...

פאַרשטייט זיך, אַז איך האָב זיי די אַלע זאַכן אין מיין סודותדיקן באַנעם נישט דערציילט, בלויז שטיל צוגעהערט זיך צו די רייד. די מוזיק האָט געטרו־בעט, די פויקן האָבן געפויקט און פאַרלעך האָבן זיך געדרייט אין וואַלקנס רויך ווי אין כמאַרעס...

צווישן די טאַנצנדיקע פאַרלעך האָט זיך איך קאָפּ העכער אויסגעשיילט. עס איז געווען די אויסטערלישע געשטאַלט פון משה נאַדיר. חנהלע האָט מיך פאַרגעשטעלט פאַר אים.

משה נאַדיר האָט מיר געגעבן די האַנט און ער האָט אויסגעקוקט ווי אַ היכער טאָפּאָל אין מענטשלעכן וואַלד פון די אַלע דיכטער.

משה נאַדיר האָט געוואָלט וויסן פון וואַנען איך קום און ווען חנהלע האָט אים וועגן מיר דערציילט, אַז איך שרייב לידער, האָט נאַדיר באַמערקט: זי שמעקט מיט ווייצענע זאַנגען פון מיין נאַרעיעף אין גאַליציע...

איך האָב זיך זייער פאַרשעמט און נישט געוווּסט וואָס צו ענטפערן...

אהרן ראַפּאַפּאָרט איז שוין ווידער געשטאַנען לעבן מיר. און דאָ איז צו־געקומען אברהם רייזען. ער איז געווען דין און געטראָגן אַ שוואַרצן אַנצוג. ער האָט מיר אויסגעצויגן זייער אַ פריינטלעכע האַנט. אין זיינע שוואַרצע אויגן האָבן פריילעכע פייערן געטאַנצט. ער האָט געקוקט צו לוצקין און צו ראַפּאַ־פּאָרטן און מיך געפרעגט צי איך האָב זיך שוין געדרוקט. רייזען האָט געבעטן ראַפּאַפּאָרטן ער זאָל מיך ברענגען צו אים און צו זיין שרהלען אַהיים און איך זאָל מיטברענגען מיינע לידער און זיי פאַר אים לייענען. דערפאַר האָט ער געזאָגט, ער קאָן גוט דייטש און איך זאָל זיך נישט שעמען.

רייזען האָט מיר געמאַכט אַ סך קאָמפּלימענטן און געפרעגט ווי אַלט איך בין.

איך האָב געענטפערט: איך בין נאָך נישט קיין זיבעצן יאָר, און זיך נאָך מער פאַרשעמט פון זיינע קאָמפּלימענטן אין מיין קעגנוואַרט.

און דער קלוגער דערפאַרענער דיכטער אברהם רייזען האָט אָנגעהויבן אויסצורעכענען די מעלות פון לוצקין און ראַפּאַפּאָרטן...

האָב איך זיך נאָך שטאַרקער פאַרשעמט און לוצקי האָט רייזענען אַזש אַרומגענומען פאַר זיין קלוגשאַפט...

דער זאַל איז געוואָרן שיטערער. די מענטשן האָבן זיך אָנגעהויבן אָנצוטאָן אין די מאַנטלען. אין קאָפּ האָט מיר געשווינדלט. ראַפּאַפּאָרט האָט מיך געבעטן. ער וויל מיך באַגעגענען ביי חנהלען אין שטוב און איך זאָל ברענגען מיינע לידער־העפטן און אַלץ נאָך גערעדט צו מיר וועגן פאָרעם און אינהאַלט.

איך האָב שוין מער נישט געהערט דעם אינהאַלט, נאָר זיין שטים האָט זיך געגאָסן ווי וויין אין מיין בלוט און מיר איז וואַרעם געוואָרן. איך האָב אַלץ געקוקט אַראָפּ צו זיינע שיך און זייער געוואָלט זיך אָנבויגן און אים פאַרבינדן ריכטיק די לויזע בענדלעך פון זיינע שיך, ווייל אַ פּאָעט דאַרף אויסקוקן שיין. ער זאָל זיך אַריינפּאַסן אין זיין פאָרעם און אינהאַלט פון זיין נשמה־ליד...

## אין אַמעריקע זיינען אויך ביימער פאַראַן

אהרן ראַפּאַפּאָרט האָט זיך באַשטעלט מיט מיר ביי חנהלען אין הויז און איך האָב אים געלייענט מיינע לידער. איך האָב שוין געהאַט נייע לידער, וואָס איך האָב געשריבן דאָ אין אַמעריקע.

מאָדנע, ווי איך בין געווען שעמעוודיק אין דער גאַנצער באַנעמונג מיט מענטשן — בין איך אין די לידער געווען אַזוי אָפֿן. די פֿרוי אין איר עראָטיק, אין איר שיינקייט, איז ביי מיר געווען אַזוי נאַטירלעך. איך האָב זיך נישט געשעמט דאָס דינסטע עראָטישע געפיל אַרויסצוברענגען אין שורות פון לידער...

די נאַקעטקייט האָט באַקומען אַ דינעם שלייער פון דערהויבנקייט דורך די קאָמפּליצירטע פּרויען־אַברים...

איך האָב אים געלייענט אַ ליד „שטויב", וואָס אַננאַ מאַרגאָלין האָט עס שפּעטער אַריינגענומען אין איר אַנטאָלאָגיע. אַ ליד „האָטעלן" און אַנדערע לידער וועגן ניו־יאָרק.

אַהרן ראַפּאַפּאָרט האָט מיר צוגעשיקט ייִדישע ביכער צום לייענען: באַסינס „אַנטאָלאָגיע" און „די שריפֿטן".

איך האָב זיך פאַרשריבן אין ייִדישן סעמינאַר. דאָרטן האָב איך זיך באַ־קאַנט און באַפריינדעט מיט דינגאָלדן, אַ צאַרטער לירישער מענטש. מיט אַן איידעלן בלייכן פּנים.

מיינע ערשטע לערער זענען געווען: מ. אָלגין, יהודה קאַפּלאַן, חיים שויס און ש. ניגער.

דאָ אין סעמינאַר האָט זיך פאַר מיר געעפֿנט אַ נייער קוואַל פון וויסן. נאָך אַ טאָג אַרבעט אין פאַבריק פלעג איך קומען ווי אַ דורשטיקער צום קוואַל פון ייִדיש און טרינקען. מיינע ערשטע קאָמפּאָזיציעס זענען גלייך באַמערקט געוואָרן.

דער ייִדישער סעמינאַר איז געווען אַ טעמפּל פון וויסן, ווו הונגעריקע עמי־גראַנטן־קינדער האָבן דערזען אַ נייע וועלט און אויסגעשמידט פאַר אַמעריקע די קומענדיקע פירער און וואָרט־זאָגער...

איך האָב זיך דעמאָלט הערציק באַפריינדעט מיט אַ מיידל מיט שיינע פאַרחלומטע בלויע אויגן. פאַר איר פלעג איך אָפט פאַרלייענען מיינע נייע לידער. איר נאָמען איז געווען דבורה ראָטבאַרד.

מיין לעבן האָט זיך אָנגעהויבן איינצוצירינגלען צווישן אַרבעט בייטאָג און לערנען ביינאַכט. און לייענען, לייענען אָן אַ צאָל ביכער.

ווען אהרן ראפּאפּאָרט האָט מיר געבראַכט שלום־עליכמען, זיינע אַלע ווערק, און ווען איך האָב געלייענט „פונעם יאַריד" האָט עס אויף מיר געמאַכט אַזאַ שטאַרקן איינדרוק, אַז מיינע דייטשע קלאַסיקער: געטהע, היינע, פּראַכאַצקער זענען געוואָרן פאַרטונקלט קעגן שלום־עליכמען.

און דאָ האָב איך זיך צוגעכאַפּט צום קוואַל פון פּרץ, צו זיינע חסידישע מעשות, וואָס זענען מיר געווען נאָענט און איך האָב ערשט דערזען ווי רייך מיין פאָלק איז מיט אירע ייִדישע קלאַסיקער...

ראַפּאַפּאָרט האָט מיר געבראַכט דוד איגנאַטאָווס „פון קעסלגרוב" און „פּי־בי" און א. ראַבאָיס „הער גאָלדנבאַרג". איך האָב געלעבט אין אַ נייער וועלט

און נישט געקאָנט לעשן מיין האַרץ... איך בין אַרומגעגאַנגען ווי אין אַ חלום.

אהרן ראַפּאַפּאָרט האָט נישט געהאַט קיין בעסערן מעדיום ווי מיך, איך זאָל אַלץ אַזוי אויפנעמען מיט אַ קינדיש וואַרעם האַרץ...

ווייל טויזנט נייע ווערטן האָבן זיך פאַר מיר אַנטפּלעקט דורכן לשון ייִדיש... אַזוי איז אַוועק דער ווינטער און עס איז געוואָרן פרילינג.

ראַפּאַפּאָרט פלעגן אָפט צופאָרן צו זיינע עלטערן, וואָס זענען געווען פאַר־מער, קיין ראָק־היל, לעבן היי־פּאַלס, וואָס איז נײַנציק מייל פון ניו־יאָרק.

איינמאָל האָט ער מיך איינגעלאַדן איך זאָל מיט אים פאָרן צו זיינע טאַטע־מאַמע, וואָס וווינען אין דאָרף.

נאָך אַזויפיל איבערלעבונגען און קאָשמאַרן און בענקשאַפט נאָך מיינע אייגענע טאַטע־מאַמען האָב איך אָנגענומען די איינלאַדונג.

און אָט זענען מיר אויף אַ שיף, וואָס שווימט אַוועק פון די הויכע הימל־קריצערס און טיפע אונטערבאַנען. די שיף שווימט קיין „קינגסטאָן".

דער האָדסאָן שפרייט זיך מיט בלויע שוימיקע כוואַליעס, די שיף שניידט זיך דורך די פרילינג־וואַסערן, די לופט שמעקט מיט ריינקייט פון הימל און ים...

די שיף שווימט און פון ווייטנס קוקט אויס ניו־יאָרק, ווי אַ פאַרשטיינערנער אינדזל פון מאָנומענטן און מצבות... און אַ נעפּלדיקער פאַרגליווערניש.

די שיף שווימט און איך דערזע ערשט, אַז אַמעריקע האָט אויך בערג און עס בליִען אויך דאָביימער. כאָטש די ביימער זענען נאָך שוואַרץ, הענגט שוין די בליונג פון פרילינג איבער זיי. אוראַלטע וועלדער קוקן אַראָפּ צום האָדסאָן. די שיף ווי אַ שווימענדיקער פּאַלאַץ מיט געמאָלענע פּאַנעלן און וואָס ווייטער מיר שווימען אַוועק אַנטפּלעקן זיך בערג און איך דערזע אין אַמעריקע אַלפּן־בערג...

און איך פריי זיך מיט די בערג, ווי איך וואָלט געווען קאָלאָמבוס און האָב זיי צום ערשטן מאָל אַנטדעקט...

אין קינגסטאָן שטייגן מיר אויס. און דאָ דאַרפן מיר ערשט נעמען אַ באַן, וואָס וועט אונדז ברענגען קיין קאַיזער־אייק. ערשט פון קאַיזער־אייק דאַרפן מיר נעמען אַ פערד און וואָגן קיין ראָק־היל, צום באַרג וווּ אהרנס עלטערן וווינען.

עס איז שוין פאַרנאַכט ווען מיר קומען אָן אין קאַיזער־אייק. עס האָט גע־דויערט זעקס שעה די נסיעה. און דאָ, אין קאַיזער־אייק, איז קיינער נישטאָ, וואָס זאָל אונדז ברענגען צום באַרג־שטיבל פון זיינע עלטערן און ראַפּאַפּאָרט קוקט אויף מיר פאַרשולדיקט, וואָס קיינער איז נישטאָ...

ווי מיר שטייען אַזוי קומט אָן אַן עלטערער פאַרמער מיט אַ רויט און ברוין צעאַקערט פּנים. זיין פאָרם איז פונקט אַנטקעגן דער סטאַנציע. ביי דער שטאַל שטייען אַ סך קאַנען. ער האָט ערשט אויסגעמאָלקן די קי און טראָגט אין האַנט אַ שעפעלע מיט פריש־געמאָלקענער מילך... ער דערקאָנט אהרנען און גייט אים אַנטקעגן מיטן פרישן שעפעלע מילך, וואָס ער טראָגט פאַר זיך הויזגעזינט.

זיין זון פרענק איז מיט אהרנען געווען צוזאַמען אין „קעמפ־דיקס" און אהרן און פרענק האָבן צוזאַמען געקעמפט אויפן מערב־פראָנט. ער שטעלט אַוועק אויף דער ערד דאָס שעפעלע מילך און גיט אים אַ פאַרמאַזאָליעטע האַנט.

העלאָו אַרטשי! — דריקט ער זיין האַנט מיט גבורה און קוקט אויף מיר און פרעגט, צי איך בין עס זיין כלה?

מיר ווערן ביידע פאַרשעמט. מיין פנים ווערט מיט קאַרשן־זאַפט באַגאָסן...

דער פויער וואַרט נישט פאַר קיין ענטפער. ער גייט אַריין אין שטאַל און פירט אַרויס אַ קליין בריטשקעלע, מיט צוויי ווייסע צעפליגלטע פרינצעסינס: צוויי ווייסע פערד, און הייסט אונדז איינשטייגן.

ער, פרענקס טאַטע, וויל עס צופירן אַרטשין מיט זיין כלה צו טאַטע־מאַמעס באַרג־שטיבל... דאָס קליינע דראָשקעלע האָט בלויז צוויי זיץ־פלעצער, אויף צוויי גרויסע קיילעכדיקע רעדער און מיר זענען דריי: איך, אהרן און דער פויער...

דער פאַרמער טראָגט אַ גראָבן אָנגעפּעלצטן מאַנטל און איך און אהרן קוקן זיך אָן פאַרלוירן און פאַרשעמט: ווי אַזוי וועלן מיר זיך אַלע דריי אויסזעצן אויפן שמאָלן דראָשקעלע?

מיר שטייגן איין און אהרן נעמט דעם פויער אויף זיין שויס און הידאַ!

מיר פליִען, די ווייסע פלאַטערדיקע פערד טראָגן אונדז דורך פעלדער און בערג. נאַקעטע פעלדער מיט פרילינג־פראָסט און מיט ווינטער־זוימען אין די אינגעווײדן. זיי וואַרטן מען זאָל זיי אַקערן און זייען. זיי וועלן אויפגיין מיט ברכה און מיט ברויט. ביי די זייטן שטייען סאָסנעס מיט גרינע גלאַנציקע שפּיצן־פעכער אוןביימער מיט אויסגעשטרעקטע הענט, וואָס וועלן זיך אָנטאָן אין בלִיונג פון אַקאַציעס און בלויען בעז.

אויף די בערג ליגן נאָך בלוי־ווייסע שנייען און רייכערן זיך פון דער פאַר־נאַכטיקער זון. דער פויער אויף אהרנס שויס שווינגט די לייצעס און פאַרשטעלט אים אינגאַנצן.

מיר קוקן זיך נישט אין די אויגן, נאָר קעגן דער שיינקייט פון בערג און הימל, רירן זיך אָן אונדזערע הענט און שליסן זיך איין אין אַ שטומען הייליקן בונד, וואָס וועלן אונדז קיינמאָל נישט צעשיידן...

# אינהאַלט:

## ערשטער טייל


מיין שטעטעלע מאָנאַסטרישטש — 11
מיין מאַמע האָט פאַרגעסן דאָס פנים פון חתן — 13
די חתונה — 15
איך געדענק זיך אין וויגעלע — 16
דאָס הייבל — 18
מיין מאַמעס ביטל — 20
פרייטיק צונאַכט — 20
מיין זיידע קוויקט זיך מיטן קוואַל־וואַסער — 22
מיין ערשטע לערערן — 22
דער ערשטער אויספלוג — 24
מיין זיידנס ליולקעס — 25
אַ רויט פייערדיק שירעמל — 25
טאַנטע מירציע — 28
די מומע פעסיע — 33
מיין חברטע צירל — 35
דער פעטער סענדער — 35
מיין שוועסטערל הענעלע — 37
שרעק פאַרן טויט — 40
די טעאַטער־טרופּע — 43
מינדל צינדט זיך אָן — 43
דער יאַריד — 45
דאָס שטעטעלע ערב מלחמה — 46


## צווייטער טייל


1914 — 51
דער שוואַרצער צוג — 53
דער אָנקום פון די רוסן — 54
צוריק צום זיידנס שטיבל — 56
צוריק אַהיים אין אונדזער שטאָט — 57
דער פאַרהאַנג פון ווייסע לייבער — 59
די אַרויסגעטריבענע ייִדן פון ניזשנאָוו — 61
ווען טויטע שטייען אויף — 62
דאָס פרומע שייטל — 64
די פּראָצעסיע — 65
מען האָט אונדז אָפּגענאַרט — 67
דער דיבוק — 69
איך פאַרקויף ציגאַרעטן — 70
די כאָליערע — 72
די חתונה אויפן בית־עולם — 76

און ווידער פאָרן מיר אַהיים צוריק אין אונדזער שטעטל — — 77
געזאַנג פון דערוואַכונג — — — — — — — — — — — — — — 78
באָמבעס — — — — — — — — — — — — — — — — — 79
מיר אַנטלויפן קיין סטאַניסלאַוו — — — — — — — — — — — 80
אין טיפוס־פיבער — — — — — — — — — — — — — — — 83
מיר אַנטלויפן אויף בלינדע פראַכט־וואַגאָנען — — — — — — 84
מיר פאָרן ווייטער — — — — — — — — — — — — — — — 87
אין דאָרף פערעניע — — — — — — — — — — — — — — — 88
אַסענטירט — — — — — — — — — — — — — — — — — 91
ערב יום־כפור — — — — — — — — — — — — — — — — 92
איך פאָר קיין ווין — — — — — — — — — — — — — — — 94
ווין — — — — — — — — — — — — — — — — — — — 99
מיין ערשטע ראַנדעווו — — — — — — — — — — — — — — 100
אויף וואַקאַציע — — — — — — — — — — — — — — — — 102
צוריק אין מיין שטאָט — — — — — — — — — — — — — — 104
פרידן אויף דער וועלט — — — — — — — — — — — — — — 107
בירגער־קריג — — — — — — — — — — — — — — — — — 109
די געשמיסענע ברידער — — — — — — — — — — — — — — 111
מען דערשיסט אַ מענטשן — — — — — — — — — — — — — 113
יידיש בלוט איז הפקר — — — — — — — — — — — — — — 115
דער באַל — — — — — — — — — — — — — — — — — — 116
מיר חלומט זיך און איך לאַך — — — — — — — — — — — 116
די קאַץ־און מויז־שפּיל — — — — — — — — — — — — — 117
ביים שוועל פון טויט — — — — — — — — — — — — — — 119
דאָס פאַרשטייעניש פון מאַמע און טאַכטער — — — — — — 121
אַלע מיידלעך אַנטלויפן פון שטאָט — — — — — — — — — — 124
ווידער אין סטאַניסלאַוו — — — — — — — — — — — — — 126
הונגער — — — — — — — — — — — — — — — — — — 127
היים, מיין היים! — — — — — — — — — — — — — — — 129
מיין מאַמע פאַרלירט שיער דאָס לעבן — — — — — — — — — 130

## דריטער טייל

ווייסער שניי — — — — — — — — — — — — — — — — — 135
מיין זיידע שרייבט אַ בריוו צום פּרעזידענט פון אַמעריקע — — — 137
אַ זעקל מעל פון אַמעריקע — — — — — — — — — — — — 139
דער קאַדריל — — — — — — — — — — — — — — — — — 143
מיין טאַטע פאַרברענט מיינע לידער — — — — — — — — — 144
ווייסע בולקעלעך — — — — — — — — — — — — — — — 146
איך פאָר קיין אַמעריקע — — — — — — — — — — — — — 148
קיין וואַרשע — — — — — — — — — — — — — — — — — 152
אויף דער שיף „זעע־לאַנד“ — — — — — — — — — — — — 154
מיטן באַן קיין ניו־יאָרק — — — — — — — — — — — — — 160
מיין ערשטער דזשאַב — — — — — — — — — — — — — — 164
מייַן בענקשאַפט נאָך מיין היים און נאָך מיין מאַמען — — — 166
חנהלע — — — — — — — — — — — — — — — — — — — 169
דער שרייבער־באַל — — — — — — — — — — — — — — — 172
אין אַמעריקע זיינען אויך ביימער פאַראַן — — — — — — — 174

## ביכער פון מלכה לי:

| | |
|---|---|
| לידער — — — — — — — — — — — — | 1932 |
| געזאַנגען — — — — — — — — — — — — — | 1940 |
| קינות פון אונדזער צייט — — — — — — — — | 1945 |
| דורך לויטערע קוואַלן — — — — — — — — | 1950 |

## אין פאַרלאַג „יידבוך" זענען ביז איצט דערשינען:

1) י. ל. פּרץ — דריי חסידישע דערציילונגען
**אַלבום־פאָרמאַט, געצתיבהט פון קינסטלער משה פייגענבלום.**

2) ח. ש. קאַזדאַן — מעטאָדיק פון יידישער שפּראַך און ליטעראַטור
**(אויספאַרקויפט)**

3) י. י. טרונק — כעלעמער חכמים
(יידן פון דער קליגסטער שטאָט אין דער וועלט)
**מיט קאַריקאַטור, געצייכנט פון י. שלאָס.**

4) שלמה סיימאָן — אַמאָליקע יידן
**געקליבענע דערציילונגען פון אַ שיינער תקופה.**

5) פּראָפ. ליבמאַן הערש — אויף דער גרעניץ פון צייטן
**געקליבענע אַרטיקלען אויף יידישע טעמעס.**

6) יצחק פּערלאָוו — אין אייגענעם לאַנד
**דערציילונגען פון לעבן אין מדינת ישראל.**

7) י. י. טרונק — דער פריילעכסטער ייד אין דער וועלט

8) ש. סיימאָן — תוך־יידישקייט

9) נ. ב. מינקאָוו — זעקס יידישע קריטיקער
פּרעמירט געוואָרן דורך דעם פאָנד פאַר יידישע ליטעראַטור
ביים אַלוועלטלעכן יידישן קולטור־קאָנגרעס.

10) אברהם זאַק — אין אומרו פון יאָרן
פּרעמירט געוואָרן דורך דער מ. סטאָלאַר־פּרעמיע
פון „די אידישע צייטונג", בוענאָס־איירעס.

11) יוסף רייך — וואַלד אין פלאַמען

12) מ. וו. בערנשטיין — אין לאַבירינטן פון תקופות

13) לעאָן קאָברין — מיינע 50 יאָר אין אַמעריקע **(2 טיילן)**

14) יצחק פּערלאָוו — דזשעבעליאַ **(ראָמאַן)**

15) ברוך ריווקין — ה. לייוויק — זיינע לידער און דראַמאַטישע ווערק

16) מלכה לי — דורך קינדערשע אויגן.

## אין דרוק:

**יעקב פּאַט** — די לערערין אסתר
**שלמה סיימאָן** — וואָרצלען

MALKA LEE

# THROUGH THE EYES OF CHILDHOOD

★

''IDBUJ''
BUENOS AIRES
1 9 5 5

MALKA LEE

# A TRAVES DE OJOS INFANTILES

★

Editorial
'IDBUJ''
de la Asociación Pro-Escuelas Laicas Israelitas en la Argentina
Buenos Aires - 1955